STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04921

MOLN DI AMOLN

Mosheh Shkliar

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Moses & Paula Rechnitz
in memory of
Rachel & Bernard Rechnitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שקליאַר

✶

מאָלן די אַמאָלן

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער הילף
פון לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדישן
קולטור־קלוב.

✶

אַ ספּעציעלן דאַנק דער פּאָרזיצערין
פון קלוב לילקע מײַזנער
און מײַן ליבער פרוי און חברטע
דבורהלע
פאַר דערמוטיקן אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

דער מחבר

משה שקליאַר

מאָלן די אַמאָלן

פּראָזע און ליד

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישׂראל
תל־אביב תשנ"ז — 1997

MOSHE SHKLAR

MOLN DI AMOLN

ISBN 9657012—13—9

©
כל הזכויות שמורות

I. L. Peretz Publishing House
14, Brener Str., Tel-Aviv, ISRAEL

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אָביב, רח׳ ברנר 14

נדפס בישראל תשנ״ז
Printed in Israel 1997

סודר והודפס בדפוס „שמגר 86״ ת״א



אַלײן צװישן שאָטנס

*

אַזוי גייט צום טויט דער לערער ישׂראל —
די ביינער פון זײַנע תּלמידים אין טאָל,

געבליבן זיי זענען דאָרט עלנט, אַליין נאָר,
די טײַערע שילערס, די קינדערשע ביינער.

ער גייט און ער הערט אויף זײַן וועג אויפן שווערן,
ווי ס׳רופן די ביינער: אוי, לערער, אוי, לערער!

אַרום איז אַ שטאָט שוין אין גאַנצן פּאַרטיליקט,
נאָר זיי האָבן אַלץ נאָך דעם טויט נישט באַוויליקט,

זיי ציִען זיך אַלץ נאָך צום לעבן, די ביינער,
נאָר ס׳הערט זיי נישט קיינער, עס הערט זיי נישט קיינער.

האָט ער אינעם טאָל פון די ביינער געניִדערט,
צוזאַמענגענומען די קינדערשע גלידער,

ער האָט מיט זײַן אָטעם געטרײַען און הייסן
די קינדערשע ביינדעלעך לעבן געהייסן.

— — — — — — — — — — — — —

ביז הײַנט נאָך גייט אויף, ווי פון טיפע תּהומען,
אין שמייכל פון קינד — פון מײַן לערער דער נאָמען.

ווידער אין שול

די שטים פונעם ראַדיאָ־ספּיקער איז אַ געדעמפּטע, אַ שטילע, ווי זי וואָלט דערגאַנגען צו מיר פון ערגעץ אַ ווײַטער, פאַרגעסענער וועלט, פון יענער זײַט בערג און טאָלן. מײַן אָפּגעשוואַכטער מוח נעמט אויף בלויז אָפּגעריסענע קלאַנגען: „צוואַנציקסטער יאָרטאָג", „פּרעזידענט"... „הונדערט פופציק קרבנות..." „קלאָרער הימל..."

כ'בין קראַנק, שווער קראַנק. נעכטן איז געווען דער דאָקטער. עפּעס גערעדט אין אַ ווינקל מיט מײַן פרוי און שפּעטער האָב איך באַמערקט, ווי זי ווישט די אויגן מיט אַ טיכל. איצט בין איך אין שטוב אַליין. איך ווייס נישט וויפל עס איז דער זייגער. באַגינען, אוונטצײַט? אַרום איז טונקל, די פענצטער פאַרהאַנגען מיט גרינע שטאָרן און צײַטנווײַז דאַכט זיך מיר, אַז עס פאַלן פון זיי אַראָפּ געלע בלעטער און אַ קילער ווינט יאָגט זיי צו מײַן בעט. כ'האָב מורא. זיי קאָנען מיך נאָך פאַרשיטן, די געלע בלעטער, און ווען מײַן פרוי וועט צוריקקומען וועט זי מיך מער נישט געפינען. איידער זי איז אַוועק, האָט זי מיך גוט אײַנגעדעקט מיט דער וואַרעמער קאָלדרע אין שניי־ווײַסן איבערצוג, געגעבן מיר אַ קוש אין שטערן און שטיל געזאָגט: „שלאָף, מײַן טײַערער, באַלד וועל איך זײַן צוריק". נאָר איך קאָן נישט שלאָפן. די אויגן האַלט איך פאַרמאַכט, אָבער איך ווייס, אַז כ'בין וואַך. אין קאָפּ רויען פאַרשיידענע געדאַנקען, אָפּגעריסענע בילדער און איך קאָן נישט באַנעמען זייער זין. און דער ראַדיאָ שפּילט אַלץ אָן אויפהער. געדעמפּטע, שטילע קלאַנגען פון אַ ווײַטער, פאַרגעסענער וועלט. כ'האָב ליב די מוזיק. דאַכט זיך, שאָפּען. שטענדיק האָט זי מיך אַרײַנגעפירט אין אַ געהויבענער שטימונג, נאָר איצט גרילצט מיר עפּעס אין די אויערן. כ'וואָלט וועלן אויסשליסן דעם ראַדיאָ, פאַרמאַכן אים ס'מויל, נאָר דאָס קעסטל איז אַזוי ווײַט פון מיר, אַזוי ווײַט...

די מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן, און ווידער דער ספּיקער. עפּעס רעדט ער, נאָר איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט. עס קאָן דאָך נישט זײַן, אַז עס זאָל שוין האַלטן אַזוי שלעכט מיט מיר. שטרענג איך אָן דאָס געהער. אַלע נערוון אין מײַן גוף ווערן אָנגע־שפּיצט. איך מוז, איך מוז זיך אַליין בײַקומען. און פּלוצעם ווערט מיר ליכטיקער אין קאָפּ. די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער הייבן אָן זיך אויסקלאָרן, לייגן זיך צונויף אין פאַרשטענדלעכע זאַצן. און איך הער: „דעם צוואַנציקסטן אָקטאָבער טרעפן זיך אַלע אַביטוריענטן פון דער שול נומער זעכצן אויף זייער יערלעכן באַל". עפּעס האָט אַ פּיק געטאָן אין האַרצן. „פון דער שול נומער זעכצן..." מײַן שול! מוראַנאָווסקע־גאַס נומער זעכצן... אַלע אַביטוריענטן... דעם צוואַנציקסטן אָקטאָבער... וואָסער דאַטע איז הײַנט? פאַר־געסן. עס קאָן נישט זײַן, אַז איך זאָל פאַרפעלן דעם באַל. אַזוי לאַנג געוואַרט. אַלע אַביטוריענטן... ווו זענען זיי? פון וואַנען וועלן זיי קומען? צי האָט דער ספּיקער זיך נישט טועה געווען? ניין. ער האָט דאָך בפירוש געזאָגט: „פון דער שול נומער זעכצן". וואַרט, וואַרט. מײַן שול האָט דאָך נישט געהאַט קיין נומער. זעכצן איז געווען בלויז דער נומער פונעם הויז, ווו די שול האָט זיך געפונען. נאַרישקייטן. הײַנט איז אַלץ אַנדערש. הײַנט איז אַלץ נומערירט. נישט בלויז די שולן, אויך די שילערס האָבן נומערן. אַלע מענטשן האָבן נומערן. און אויב ער האָט געזאָגט נומער זעכצן, האָט ער אַוודאי געמיינט אונדזער שול. און איך וועל זײַן אויפן באַל. איך מוז זײַן. איך מוז.

— קינדער — זאָגט דער לערער זײַד און זײַן מויל ווערט אויסגעקרימט אין אַ טרויעריקער גרימאַסע. — קינדער, אָט זענען מיר ווידער צוזאַמען אין אונדזער אַלטער שול. וויפל יאָרן זענען שוין פאַרבײַ זינט דעם לעצטן אַרויסלאָז? צוואַנציק, דרײַסיק? ווער קאָן געדענקען? די צײַט האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אין חודש אַפּריל פון טויזנט נײַן הונדערט דרײַ און פערציקסטן יאָר, ווען די לעצטע ייִדן פון געטאָ זענען אַרויס אין אויפשטאַנד און

אַרויסגעהאָנגען אויף אַט דעם בנין די בלוי-ווײַסע און רויט-ווײַסע פֿאָנען. קוקט אַרויס דורך די פֿענצטער. איר זעט, אויף יענער זײַט דאַך, די פֿאָנען הענגען נאָך, זיי פֿלאַטערן אין ווינט פּונקט ווי דעמאָלט, ווען אַ פֿײַערפֿלאַם האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן שטח פֿון געטאָ. די שׂרפֿה האָט זיך שוין לאַנג אײַנגעשטילט און די פֿאָנען פֿלאַטערן, און מיר זענען ווידער דאָ אַלע צוזאַמען, אַלע, אַזוי ווי מיר האָבן פֿאַרשפּראָכן דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט צום לעצטן מאָל...

איך עפֿן די אויגן און קוק זיך אַרום. פֿון דער טונקלקייט שיילן זיך אויס קעפּ, אַ סך קעפּ, שוואַרצע, בלאָנדע, גרויע. קעפּ פֿון מענטשן אויף וועמענס פּנימער די צײַט האָט געלאָזן טיפֿע שפּורן. „די צײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט" — זאָגט דער לערער זײַד, און ער רופֿט אונדז „קינדער". פּונקט ווי אַ מאָל ווען ער פֿלעגט אַרײַנקומען אין קלאַס מיט אײַליקע טריט און דעם זשורנאַל אונטערן אָרעם. אפֿשר וועט ער באַלד אויסרופֿן אונדזערע נעמען לויטן אַלף-בית און קאָנטראָלירן צי אַלע זענען דאָ. נאָר ניין, ער שווײַגט, דער לערער זײַד. ווײַזט אויס, זיך פֿאַרמאַטערט.

איך מאַך מיר אַ וועג צווישן די שוואַרצע, בלאָנדע און גרויע קעפּ און דערגרייך צום פֿענצטער. וווּ איז דער דאַך און וווּ זענען די פֿאָנען? ווי ווײַט מײַן בליק קאָן גרייכן זע איך אַ טיף-גרויע פּוסטקייט, פֿון וועלכער עס הייבן זיך אַרויס דאָ און דאָרט סקעלעטן פֿון הײַזער, אויסגעברענטע חורבות. פֿון צווישן איינער פֿון זיי קוקן אויף מיר אַ פּאָר שוואַרצע, שמייכלענדיקע אויגן. זיי ווינקען צו מיר, רופֿן מיך. איך שטרענג אָן מײַן בליק און אַ קאַלטער שוידער באַדעקט מײַן לײַב, אַ ציטער נעמט מיך דורך פֿון די האָרוואָרצלען ביז די שפּיצן פֿינגער פֿון די פֿיס, וואָס ברעכן זיך אונטער מיר. יאָ, דאָס זענען אירע אויגן, שׂרהלע קאַצס. קיין איינע פֿון אונדזערע מיידלעך האָט נישט געהאַט אַזעלכע אויגן, קויל-שוואַרצע, אַרויסרופֿערישע און גלײַכצײַטיק אײַנגעהילטע אין אַ טיפֿן טרויער אונטער די געדיכטע שוואַרצע וויִעס. שׂרהלע קאַץ, איך גיי צו דיר, איך לויף צו דיר, כ'וועל דיך נישט לאָזן דאָרט אַליין

צווישן די חורבות! שנעל שפּרייז איך אַריבער דאָס פענצטערברעט און געטראָגן דורכן ווינט דערנענטער איך זיך צו שׂרהלען. זי שטרעקט אויס צו מיר די הענט און איך הער איצט, ווי זי רופט מיך: „קום, מאירקע, קום צו מיר.“ און אָט בין איך לעבן איר.

— שׂרהלע — זאָג איך — ווּ ביסטו געווען אַזוי לאַנג?

— פרעג נישט — ענטפערט זי שטיל — פרעג נישט קיין זאַך. קום, לאָמיר בעסער גיין צו דער ווייסל, פונקט ווי אַ מאָל...

מיר נעמען זיך פאַר די הענט, גלייך מיר וואָלטן קינדער געווען, און שפּאַנען אַוועק, אַוועק פון די חורבות צו דער ווייסל, צום טייך פון אונדזער קינדהייט, צום טייך פון אונדזער יוגנט, צום טייך וואָס שמעקט מיט טוכלע פייכטקייט און זומערדיקן גלי.

מיר זענען אַליין. שׂרהלע און איך. דער רויטער אָפּשיין פונעם זונפאַרגאַנג שפּיגלט זיך אין דער ווייסל און אין שׂרהלעס אויגן. זי קוקט זיך אַרום, גלייך זי וואָלט וועלן נאָך אַ מאָל זיך איבער־צייגן, אַז קיינער איז דאָ נישטאָ, חוץ אונדז ביידן. פּאַוואָליע ציט זי אַראָפּ פון זיך דאָס זומערקליידל און דאָס אונטערוועש. מיר דאַכט זיך, אַז עס שטייט פאַר מיר אַ נימפע, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פונעם טייך. שלאַנק, בייגעוודיק, מיט צוויי פולע בריסט פון אַ רייפער פרוי און שמאָלע היפטן פון אַ קינד. איך וויל זי אַרומנעמען, צוטוליען צו זיך, נאָר זי גיט אַ שעלמישן שמייכל, זאָגט „ניטע“, דרייט זיך אויס פלינק און לאָזט זיך לויפן צום וואַסער. איידער איך באַווייז אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קליידער איז זי שוין ווייט, אין מיטן טייך, לייגט קלאַפּטער, קערט זיך איבער אויפן רוקן, שניידט די כוואַליעס מיט די הענט, ווי וועסלעס, שטראָם־אַראָפּ און שטראָם־אַרויף. און אָט בין איך שוין אויך אין וואַסער. איך פּרוּוו שווימען, נאָר עפּעס ציט מיך אויף צוריק. די הענט באַוועגן זיך, נאָר די פיס זענען ווי צוגעשמידט צום נאַסן זאַמד.

— שׂרהלע — רוף איך — נישט אַזוי ווייט, קום צוריק, איך קאָן דיך נישט דערגרייכן!

שׂרהלע הערט מיך נישט. זי שווימט אַלץ ווייטער און ווייטער, טוקט זיך אונטער, באַווייזט זיך ווידער אויף דער אייבערפלאַך

פונעם וואסער, מאַכט אַ קרײַז און לאָזט הינטער זיך אַ ווײַסן שוים פון די אויפגערודערטע כוואַליעס.

שׂרהלע איז פאַרשוווּנדן. די כוואַליעס אויף דער ווײַסל האָבן זיך אײַנגעשטילט. איצט שפּיגלען זיך אין איר די ליכטער פון די לאַמטערנס וואָס אויף ביידע ברעגן. באַלד וועט נעמען שאַריִען אויף טאָג. אונדזער גאַנצער קלאַס איז געקומען אַהער אויף אַ שפּאַציר נאָכן פאַרברענגען די נאַכט אין שול אויפן אַרויסלאָז־באַל. אין די אויערן קלינגט מיר נאָך דאָס לידל, וואָס כ׳האָב געהערט הײַנט צום ערשטן מאָל. געזונגען האָט עס גאָלדעלע מיט איר קלינגענדיקער שטים, און אַלע האָבן אונטערגעהאַלטן:

הינדעלע האָט צוויי אויגן,
אויגן מלא־חן.
הענדעלע וויל זיי קושן,
נאָר הינדעלע זאָגט אים ניין.

הינדעלע האָט צוויי ליפּן,
ליפּן זים ווי ווײַן.
הענדעלע וויל זיי קושן,
נאָר הינדעלע זאָגט אים ניין.

לכתּחילה וווּנדער איך זיך. קיין מאָל פריִער נישט געהערט אין שול עמעצער זאָל זינגען אָט דאָס לידל וועגן הינדעלען און הענדעלען. און דאָ פאַרגייען זיך אַלע אין נחת, איבערחזרנדיק נאָך גאָלדעלען: „הענדעלע וויל זיי קושן, נאָר הינדעלע זאָגט אים ניין...” באַלד ווערט מיר אָבער אַלץ קלאָר ווען די מוזיק צעשפּילט זיך און חברה לאָזט זיך אַוועק אין טאַנץ, נישט ווי געוויינטלעך, אין אַ ראָד, נאָר פּאָרווײַז, דריקנדיק זיך צו אײנאַנדער. אוים קינדער. דערוואַקסענע מענטשן. און טאַטע־מאַמע אַרום קווילן. נאָך יעדן טאַנץ אַפּלאָדירן זיי סײַ אונדז און סײַ די מוזיקערס.

איין מאָל האָב איך שוין געטאַנצט אַזוי. ווען איז עס געווען? מיט וויפל יאָרן צוריק? דאַכט זיך, אַז מיר זענען געווען דעמאָלט

אין דריטן אָדער פערטן קלאַס. אַוודאי אין דריטן. אָט איז ער, דער קלאַסצימער. נידעריקע בענק מיט שטענדערס. אויף די ליכ־טיקע ווענט — קאָלירטע צייכענונגען, אויסשניטן פון פּאַפּיר,ביימער, הײַזקעס, שטוב־חיות און פייגל. אין פענצטער שטייט אַ בלייכע האַרבסטיקע זון, וואָס פאַרשווינדט פון צײַט צו צײַט אונטער די שווערבנדיקע וואָלקנס און קומט ווידער אַרויס פון צווישן זיי אָן אָפּגעצוואָגענע, אַ ביסל פאַררייטלט. איך קוק אויף דער זון און מיר דאַכט זיך, אַז זי שטיפט מיט מיר, שפּילט זיך אין באַהעלטערלעך. נישט באַמערקט ווי די טיר האָט זיך געעפנט און אין קלאַס איז אַרײַן די לערערין גאַנץ.

— קינדער — זאָגט זי און איר ברוסטיקע שטים וועקט מיך אויף, ווי זי וואָלט מיך אַרויסגעריסן פון אַ טיפן שלאָף. — קינדער, מיר וועלן הײַנט אַלע צוזאַמען אָנשרײַבן אַ בריוו צו אונדזער חברטע מלכּהלע נאָמבערג, אויסדריקן איר מיטגעפיל צוליבן טויט פון איר זיידן, דעם גרויסן יידישן שרײַבער הערש דוד נאָמבערג.

איך קוק זיך אַרום. און פונקט ווי איך, ווענדן אַלע קינדער זייערע בליקן צום אָרט, וווּ מלכּהלע נאָמבערג, די לאַכערקע, מיט צוויי גאָלדענע צעפּלעך פאַרוואָרפן אויף די שמאָלע אַקסלען, פלעגט זיצן. דאָס אָרט איז ליידיק. מלכּהלע איז נישטאָ אין קלאַס. ווי האָבן מיר עס פריִער נישט באַמערקט?

— איר זעט — איז ממשיך די לערערין — מלכּהלע איז הײַנט נישטאָ צווישן אונדז, און מאָרגן וועט זי אויך נישט זײַן. איר זיידע איז געשטאָרבן און דאָס איז אַ שווערער פאַרלוסט נישט נאָר פאַר מלכּהלען און איר משפּחה, נאָר פאַר אונדז אַלעמען, קינדער און דערוואַקסענע, וואָס האָבן זיך געלערנט און וועלן ווײַטער לערנען פון איר זיידנס ביכער. מלכּהלע איז אין טרויער, דאַרפן מיר איבערשיקן צו איר אונדזער מיטגעפיל. ווען מיר וועלן אָנשרײַבן דעם בריוו וועלן מיר אויסקלײַבן צוויי פון צווישן אונדז, וואָס זאָלן אים אַוועקטראָגן צו מלכּהלען אין הויז.

אין קלאַס איז שטיל. אַלע שרײַבן. פון מאָל צו מאָל הייבן זיך אויף צוויי פינגער און יעדער שטעלט אַרײַן עטלעכע ווערטער:

„מלכּהלע, מיר טרויערן צוזאַמען מיט דיר...‟ „מיר וועלן נישט פֿאַרגעסן דײַן זיידן, דעם גרויסן ייִדישן שרײַבער...‟ „מיר וועלן אויפֿהענגען אין קלאַס דײַן זיידנס פּאָרטרעט...‟ „מיר וועלן לייענען זײַנע דערציילונגען...‟ „מלכּהלע, קום צוריק, מיר וואַרטן אויף דיר...‟

דעם בריוו, וואָס אַלע האָבן צונויפֿגעשטעלט צוזאַמען מיט דער לערערין גאַנץ, שרײַבט איבער אויף ריין יאָסעלע מושקאַט. ער האָט די שענצטע האַנטשריפֿט. אַזוי זאָגט די לערערין גאַנץ. אַלע שרײַבן מיר אונטער אונדזערע נעמען אויף דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר. און דעמאָלט פֿרעגט די לערערין:

— קינדער, ווער וועט דעם בריוו אָוועקטראָגן צו מלכּהלען אין הויז?

פֿון אַלע זײַטן הערן זיך אויסרופֿן:

— מאַירקע און רייזעלע, זיי זענען די בעסטע שילערס, זיי דאַרפֿן גיין מיט דעם בריוו!

מאַירקע, דאָס בין איך. געהערט מײַן נאָמען, ווער איך רויט, דאַכט זיך פֿון קאָפּ ביז די פּיס. איך בין שטאָלץ, אָבער גלײַכצײַטיק שעם איך זיך. אַלע קוקן אויף מיר. און אויך אויף רייזעלען. איך וואַרף אַ זײַטיקן בליק אויף איר און זע: אויך זי איז פֿאַררייטלט ביז איבער די אויערן.

די לערערין רופֿט אונדז אַרויס צו זיך, דערלאַנגט דעם בריוו, וועלכן זי האָט שוין געהאַט אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָנווערט, און זאָגט:

— קינדער, איר ווייסט ווו צו גיין. די באַניפֿראַטן-גאַס איז נישט ווײַט פֿון דאַנען. און וואָס צו זאָגן מלכּהלען ווייסט איר אויך. איך דאַרף אײַך נישט לערנען. איז גייט, און אויב מען וועט אײַך דאַרט אויפֿהאַלטן, וועלן מיר זיך זען מאָרגן פֿרי אין קלאַס.

איך בין צופֿרידן, וואָס רייזעלע איז מײַן באַגלייטערין. מיט איר וועל איך נישט פֿאַרלוירן גיין. איך האָב זי ליב, רייזעלען, פֿאַר אירע קלוגע ברוינע אויגן און שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן. אַוודאי קאָן זי זיך נישט פֿאַרגלײַכן מיט שׂרהלע קאַץ, אָבער עפּעס

פיל איך זיך מיט איר זיכערער. אַלע מאָל ווען מיר שפּילן אין גרויסן זאַל „צוויי צו וויניק, דרײַ צו פיל" און עמעצער יאָגט זי, שטעלט זי זיך הינטער מיר, נעמט מיך אַרום הינטערווײַלעכץ און, דער וואָס שטייט פאַר מיר, לאָזט זיך ווײַטער אַוועק לויפן אין קרײַז. און מיר איז גוט אַזוי צו שטיין מיט רייזעלען און פילן אויף זיך איר הייסן אָטעם...

גייען מיר מיט רייזעלען צו מלכּהלע נאָמבערג אין הויז, כּדי איר אָפּגעבן דעם בריוו, וועלכן ס'האָט געשריבן דער גאַנצער קלאַס. די טיר עפנט אונדז אַ מיטל־יאָריקע פרוי אין אַ שוואַרץ קלייד און אַ שוואַרצן שאַל, וואָס וויקלט זיך אַרום אירע לענדן.

— צו מלכּהלען? — פרעגט זי, און איר שטיל קול קלינגט, ווי עס וואָלט געקומען ערגעץ פון אַ טיפן אָפּגרונט. — באַלד וועט זי זײַן מיט אײַך. קומט אַרײַן, קינדער, מאַכט זיך באַקוועם.

די פרוי מאַכט אַ האַלבקרײַז אויפן רעכטן קנאַפּל און פאַר־שווינדט מיט אַ לײַכטן טראָט ערגעץ הינטער אַ זײַטיקער טיר. אַ ווײַלע בלײַבן מיר אַליין מיט רייזעלען אינעם רחבותדיקן צימער. איך קוק זיך אַרום און כ'וויים נישט פאַר וואָס מיר ווערט פּלוצעם אַזוי אומהיימלעך אויף דער נשמה, גלײַך עפּעס אַ טרויער וואָלט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקל. אין דער רעכטער זײַט, נישט ווײַט פון פענצטער, שטייט אַ לאַנגער קופערט פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן סאַמעט־טוך. מיר דאַכט, אַז באַלד וועט זיך עפענען די דעק און פון אינעווייניק וועט אַרויסקומען מלכּהלעס זיידע, דער גרויסער יידישער שרײַבער — ווי עס האָט אים באַצײַכנט די לערערין גאַנץ — הערש דוד נאָמבערג, צוליב וועמען מיר געפינען זיך איצט דאָ. נאָר לאַנג טראַכטן וועגן דעם קאָן איך נישט. אָט באַווײַזט זיך מלכּהלע בײַ דער זײַט פון איר מוטער. זי קושט זיך מיט רייזעלען, דערלאַנגט מיר אַ האַנט און בעט אונדז זיך צוזעצן בײַם רונדיקן טיש.

— מלכּהלע — רוף איך זיך אָפּ דער ערשטער, אַזוי האָבן מיר אָפּגעמאַכט מיט רייזעלען — מיר האָבן דיר געבראַכט אַ בריוו,

געשריבן פונעם גאַנצן קלאַס. מיר אַלע טרויערן צוליבן טויט פון דײַן זיידן. מיר... מיר... — הייב איך אָן שטאַמלען — לייען דעם בריוו. דאָרט שטייט אַלץ געשריבן. און איך דערלאַנג איר דעם בריוו.

מלכּהלע עפנט פּאַוואָליע דעם קאָנווערט, נעמט אַרויס דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר און לויפט איבער אים שנעל מיט די אויגן, אין וועלכע עס פינקלען זיך פּערלדיקע טרערן. איבערגעלייענט, דער־לאַנגט זי דעם בריוו איר מוטער, נישט אַרויסרעדנדיק דערבײַ קיין וואָרט. ווידער חזרט זיך איבער דאָס זעלבע. פֿאַרענדיקט לייענען, אויסגעווישט די אויגן מיטן ברעג פון אַ טיכל, וואָס זי האָט אַרויסבאַקומען ערגעץ פונעם אַרבל, שטעלט זיך די מוטער אויף, דערנענטערט זיך צו אונדז און גלעט אונדז ביידן, מיר מיט רייזעלען, איבער די קעפּ מיט איר ווייכער, צאַרטער האַנט.

— אַ דאַנק אײַך, קינדער — זאָגט זי — אַ דאַנק דעם גאַנצן קלאַס און דער לערערין גאַנץ. מלכּהלע און איך וועלן עס קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

זי גייט צו צו דעם קרעדענץ, ברענגט פון דאָרט אַ שאַכטל פון בלויליך געשליפענעם גלאָז, וואָס איז פול מיט זיסוואַרג, און איז אונדז מכבד. מיר ווילט זיך איצט נישט נאַשן, נאָר עס פּאַסט נישט אָפּזאָגן. נעם איך אַ שטיקל שאָקאָלאַד. מלכּהלע מיט רייזעלען סודען זיך דערווײַלע וועגן עפּעס און מיך פרווט אונטערהאַלטן מלכּהלעס מוטער. זי פרעגט מיך אויס, וואָס מיר לערנען איצט פון ייִדיש, עצהט מיר איבערצולייענען, ווען איך וועל אונטער־וואַקסן, נאָמבערגס „פליגעלמאַן", ווײַזט מיר מתּנות וואָס ער פלעגט איר ברענגען פון צײַט צו צײַט. איך הער זיך צו אויפמערק־זאַם צו אירע רייד און באַמערק נישט ווי די צײַט אַנטלויפט. איך וואָלט נאָך לאַנג אַזוי געזעסן און געהערט מלכּהלעס מאַמע דער־ציילן, ווען רייזעלע וואָלט זיך פּלוצעם נישט אויפגעשטעלט און געזאָגט: „צײַט צו גיין". דעמאָלט האָט מלכּהלעס מאַמע זיך ווי דערמאָנט אין עפּעס און געווענדט זיך צו אונדז ביידן: „קינדער, געניי אין זעקס וואָכן אַרום וועלן מיר פּראַווען מלכּהלעס געבורטס־

טאָג און איר מוזט זײַן אונדזערע געסט. געדענקט, אין זעקס וואַכן אַרום".

די שטאָט, אײַנגעדעקט אין אַ ווײַסן פּוכיקן שניי זעט אויס ווי פאַרשלאָפן. ס'איז אָוונטצײַט. אַ געלע שײַן פאַלט פון די לאַמ־טערנס וואָס בײַם ראַנד פון טראָטואַר און שלאָגט זיך אָפּ אויף די איינצלנע מענטשן, וועלכע דערמאָנען אין שאָטנס. איך שפּאַן מיט שנעלע טריט צום הויז אויף באָניפראַטן־גאַס. די רעכטע האַנט, אין וועלכער איך האַלט אַ בינטל בלומען פאַר מלכּהלען, ווערט מיר פאַרשטײַפט, געפרוירן. לייג איך איבער דאָס בינטל בלומען אין דער צווייטער האַנט און פרוּוו דערוואַרעמען די רעכטע מיטן הויך פון מײַן אָטעם. קיין סך העלפט עס נישט, אָבער איך פיל אַ דערלײַכטערונג. אין די פיס איז אויך קאַלט. נעם איך לויפן און הינטער מיר, אויפן ווײַסן שניי, יאָגט מיך נאָך אַ לאַנגער שאָטן. ערשט בײַם טויער פון מלכּהלעס הויז ווער איך פון אים פּטור. די טרעפּ זענען העל באַלויכטן. איך נעם זיי אײַן מיט ברייטע שפּרײַזן איבער צוויי, דרײַ טרעפּ פאַר אַ מאָל. אַ קלונג אין גלעקל, און די טיר עפנט זיך אויף פאַר מיר ברייט. פונקט ווי בײַם ערשטן מאָל, ווען כ'האָב אַריבערגעטראָטן די דאָזיקע שוועל, שטייט פאַר מיר מלכּהלעס מוטער. זי טראָגט איצט אַ טונקל־בלוי קלייד מיט אַ שמאָלן האַלדזאויסשניט פון וועלכן עס הייבט זיך אַרויס אַ שטאָלצער קאָפּ. די פריִער פאַרטרויערטע אויגן שמייכלען דאָס מאָל מיט אַ ליבלעכער וואַרעמקייט. איך פיל ווי עס ווערט מיר וואַרעם אין אַלע גלידער און איך ווייס נישט צי איז עס פון דער היץ, וואָס טראָגט זיך פונעם גאַסטצימער, אַ פולן מיט קינדער און דערוואַקסענע, אָדער פון פרוי נאָמבערגס בליקן. אַ רגע בין איך פאַרצווייפלט. איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט די בלומען אין מײַן האַנט. דערלאַנגען זיי דער גוטער פרוי, וואָס האָט מיר געעפנט די טיר און בעט מיך אַרײַן אינערווייניק, אָדער האַלטן זיי ביז איך וועל דערזען מלכּהלען צווישן גרויסן עולם. מלכּהלעס מוטער, גלײַך זי וואָלט דערפילט מײַן פאַרלעגנהייט, העלפט מיר אַרויס:

— אַ, אַזעלכע שיינע בלומען, מלכּהלע וועט זײַן זייער צופרידן. קום, מיר וועלן זיי אַרײַנשטעלן אין אַ וואַזאַן. — און זי נעמט מיך אָן פאַר דער פרײַער האַנט.

מלכּהלעס מוטער איז די קעניגין פונעם אָוונט. אומעטום איז זי דאָ. יעדער ווינקעלע פונעם גרויסן גאַסטצימער איז פול מיט איר. פאַר יעדן האָט זי אַ פאַסיק וואָרט, אַ שמייכל, אַ גלעט איבערן פנים, אַ קוש אינעם שטערן, די טאַצן מיט זיסוואַרג און שניטקעס פון ברויט מיט שפּראָטן און אַלערליי קעזן, וואָס באַווײַזן זיך פון צײַט צו צײַט אין אירע הענט, ווערן שנעל פאַרשוווּנדן, און ווידער פירט זי דורך פאַרשידענע שפּילערײַען מיט די קינדער, אינטאָנירט אַ ליד און האַלטן זי אַלע און אונטער, כאַפּט עמעצן צום טאַנץ אונטער די שטילע קלאַנגען פון דער פּיאַנע, און באַלד דרייען זיך אַלע אין אַ וואַלס. איך שטיי אין אַ זײַט, פאַרקוקט אינעם ווינקל, ווו כ'האָב בעת מײַן ערשטן באַזוך אין דאָזיקן הויז געהאַט באַמערקט דעם לאַנגן קופערט מיטן סאַמעטענעם דעקטוך. דער קופערט איז איצט נישטאָ, אָבער מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז דאָרט זיצט אָן איינזאַמער דער שרײַבער הערש דוד נאָמבערג, מלכּהלעס זיידע, און באַלד וועט ער זיך אויפהייבן און אַרויסגיין פון דאַנען אַ באַליידיקטער, ווײַל קיינער באַמערקט אים נישט, רעדט נישט אויס צו אים קיין וואָרט. פון מײַנע רעיונות רײַסט מיך אַרויס מלכּהלעס מוטער. זי נעמט מיך אָן פאַר ביידע הענט, דריקט מיך שטאַרק צו צו זיך און לאָזט זיך אַוועק אין טאַנץ, ביי מיר פּלאָנטערן זיך די פיס, אָבער ביסלעכווײַז געוויין איך זיך צו צו די קלאַנגען פון דער מוזיק און די פיס באַוועגן זיך אַלץ פרײַער. מײַן קאָפּ איז אָנגעלענט אין פרוי נאָמבערגס פולן בוזעם און מיר דאַכט, אַז איך הער דאָס ריטמישע קלאַפּן פון איר האַרץ און מײַן האַרץ קלאַפּט מיט אינעם זעלבן ריטעם.

ווידער בין איך אין קאַלטן דרויסן. דער שניי איז פאַרשוווּנדן. אַ גרויער הימל. באַגינען. די כוואַליעס פון דער ווײַסל וואַשן שטיל דעם זאַמדיקן ברעג. אין די אויערן קלינגט דאָס לידל:

„הענדעלע וויל זיי קושן, נאָר הינדעלע זאָגט אים ניין...״ הענדעלע, הינדעלע, מלכּהלע, רייזעלע... עס מישט זיך מיר אין קאָפּ. און דער לערער ליכט, וואָס איז אַוועק מיט אונדז אויף אַ שפּאַציר צו דער ווײַסל, דעם לעצטן געמיינזאַמען שפּאַציר נאָך דעם אַרויס־לאָז־באַל, רעדט צו מיר מיט אַ צאַרטער שטים, גאָר נישט ווי זײַן שטייגער: „מאירקע, דו האָסט אונדז הײַנט אַלעמען איבערראַשט מיט דײַן אַרבעט וועגן מענדעלעס „קליאַטשע". אַ רײַפע אַרבעט. דו דאַרפסט שרײַבן. זאָגסט עס מיר צו?״

„אפשר, לערער, אפשר...״

דער טויט פון אַ שפּאַנצער

די מוזיק, וואָס באַגלייט אונדז צום טאַנץ, ווערט פּלוצעם פאַר־הילכט פונעם שולגלאָק. דאָס איז ער, אונדזער אַלטער פּאַן אַנטאָני, מיט די לאַנגע וואָנצעס פון אַן אַדלמאַן, און קנאָכיקע פינגער, וואָס ווען זיי גיבן אַ קניפּ אין באַק בלײַבט שטיין אַ בלויער צייכן. יעדער איז בײַ אים אַן „איטשלאָק". פון וואַנען דער אַלטער שולוועכטער האָט גענומען דעם דאָזיקן נאָמען ווייסט קיינער נישט. מיר ווייסן אָבער, אַז ער רעדט אים אַרויס מיט ליבשאַפט און מיר צאָלן אים אָפּ מיט דעם זעלבן. אַז פּאַן אַנטאָני קלינגט איז אַ סימן — מען דאַרף זיך פונאַנדערגיין אין די קלאַסצימערן.

אויפן שוועל באַווײַזט זיך דער לערער גרינבלאַט מיט דעם שטענדיק ברייטן שמייכל אויף זײַן קײַלעכדיקן פּנים. מיר באַגריסן אים שטייענדיק מיט אַ כאָראַלן גוט־מאָרגן. דער לערער גרינבלאַט האָט פאַר יעדן פון אונדז אַ צונעמעניש :

שלאָפּקופּקע,
פלוידערזאַק,
קאָכלעפל,
יידענע, —
דאָס איז פאַר די מיידלעך ;
וואַלגערהאָלץ,
פּיפּערנאָטער,
נאָזהאָרן,
שטעקשוך, —

דאָס איז פאַר די יינגלעך.

קיינער נעמט זיך נישט איבער דערפון. בלויז חיהלע שטילמאַן ווערט רויט ווי אַ בוריק ווען דער לערער רופט זי „שלאָפּקופּקע". זי טראָגט שטענדיק אויפן קאָפּ אַ טיכל וואָס זעט אויס ווי זי

װאָלט עס אויסגעבאָרגט בײַ דער באָבען. נאָר הײַנט איז חיהלע נישטאָ אין קלאַס. איר פּלאַץ איז ליידיק.

— ווייסט עמעצער פאַר וואָס חיהלע איז הײַנט נישט געקו־מען? — פרעגט דער לערער גרינבלאַט.

אַ רגע איז שטיל. פּלוצעם שפּרינגט אויף פון דער באַנק בײַ דער וואַנט שימקע קערנער מיט אַ געשריי:

— לערער, ער הרגעט זיך!

— וואָס זשע אַרט עס דיך, אַז ער הרגעט זיך? — רופט זיך אָפּ דער לערער גרינבלאַט. — אַז ער הרגעט זיך, טוט דאָך דיר נישט וויי. ווער, ווער שלאָגט דיך?

— ער — שרײַט נאָך העכער שימקע און ווײַזט מיטן פינגער אויף ישׂראליקן, וועלכער זיצט הינטער אים.

ישׂראליק איז אַ לאָבוז. דאָס ווייסן אַלע און קיינער וויל זיך מיט אים נישט אָנהייבן. אפילו נישט דער לערער גרינבלאַט. פאַר אים האָט ער אַ ספּעציעלן נאָמען: „ישׂראליק מיטן קראָליק”. פאַר וואָס „מיטן קראָליק?” דאָס ווייסן אויך אַלע.

אַנומלט איז ישׂראליק געקומען אין שול אַרײַן אין אַ צעריסן רעקל. פרעגט אים דער לערער גרינבלאַט:

— ישׂראליק, וואָס איז געשען? — און ער ווײַזט מיטן פינגער אויפן רעקל. ישׂראליק קוקט דעם לערער גלײַך אין די אויגן און ענטפערט געלאַסן:

— אָ, דאָס? דער לערער מיינט דאָס רעקל? דער קראָליק, לערער, דער קראָליק... בײַ אונדז אין הויף... אַ קראָליק. כ׳האָב אים געכאַפּט פאַרן עק, געוואָלט זיך שפּילן, האָט ער מיר אַ ביס געטאָן אין האַנט און נאָך דעם אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל...

— פון וואַנען קומט צו אײַך אין הויף אַ קראָליק? — פרעגט דער לערער גרינבלאַט.

— וואָס הייסט פון וואַנען? פון דער בודע. ווייסט דען נישט דער לערער פון וואַנען עס קומט אַ קראָליק? אין דער בודע זענען דאָ אַ סך קראָליקעס. און טויבן אויך.

— נו גוט — זאָגט דער לערער גרינבלאַט. — איצט ווייס איך שוין. ישׂראליק מיטן קראָליק... וואָס קומט פון דער בודע.

אַלע לאַכן. ישׂראליק לאָזט אַראָפּ די אויגן אַ פאַרשעמטער.

און אַזוי איז עס שוין געבליבן — „ישׂראליק מיטן קראָליק".

ישׂראליק איז מײַנער אַ גוטער חבר. מיר וווינען אין שכנות. איין הויף לעבן צווייטן. אין דער פרי, פאַרן גיין אין שול אַרײַן, קלאַפּט ער שטענדיק אין מײַן פענצטער — מיר וווינען אין אַ קעלערשטוב — און ער רופט מיך: „מאירקע, דו גייסט?" דעמאָלט כאַפּ איך דעם רוקזאַק מיט די העפטן און ביכער אויף די פּלייצעס און הײַדאַ אין שול אַרײַן. אויפן וועג כאַפּט ער זיך נאָך אַרײַן, ישׂראליק, צו ריוועלען אין שפּײַזקראָם קויפן צוויי זעמל אויף פרישטיק. זײַן מאַמע גיט אים דערויף געלט. זי גיט אים אויך געלט אויף צו קויפן אַ זויערע אוגערקע. אָבער די אוגערקע קויפט ער נישט, ער נעמט זי... ווי אַזוי ער נעמט זי? איין מאָל האָב איך זיך צוגעקוקט צו דעם פון דרויסן. בײַ דער אײַנגאַנגטיר פון דער שפּײַזקראָם שטייט אַ גרויסע פאַס מיט זויערע אוגערקעס וואָס ווייקן זיך אין ראָסל. איז ווי נאָר ישׂראליק עפנט די טיר איז זײַן האַנט שוין אינעווייניק, אינעם פעסל. דאָס איבעריקע איז שוין אַ קלייניקייט. ריוועלע, ווען זי דערזעט אים, ווייסט זי שוין, אַז זי דאַרף אים געבן צוויי זעמל. בעת זי נעמט די זעמל פון דער פּאָליצע, נעמט ער אַן אוגערקע פונעם פעסל און... גלײַך אין טאַש אַרײַן. אויף די הויזן אין פראָנט בלײַבט שטיין אַ גרויסע פליאַמע, ווי ער וואָלט זיך באַפּישט, נאָר אים אַרט עס נישט. די אוגערקע עסט ער אויף אַליין שפּעטער, אויפן וועג אין שול אַרײַן. דערמיט טיילט ער זיך נישט, אַזוי שטאַרק האָט ער ליב זויערע אוגערקעס, ישׂראליק. דערקעגן טיילט ער זיך מיט מיר מיט דעם שטיקל שאָקאָלאַד, וואָס ער קויפט בײַ שמאַיאַן, פאַר דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט. און טאַקע האַלב אויף האַלב. דערפאַר ווייסט ער, אַז איך וועל קיינעם נישט דערציילן וועגן די אוגערקעס. נישט ריוועלען, און נישט זײַן מאַמען. אַפילו נישט מײַן אייגענער מאַמען. דאָס איז אונדזער סוד.

אויך צוריק אַהיים פֿון שול גייען מיר צוזאַמען, איך און ישׂראליק. אויפֿן וועג פֿאַרהאַלטן מיר זיך בײַם הויף, וווּ ווישניעווסקי האָט זײַן טויבנשלאַק. אויך דאָס איז אונדזער סוד. ווישניעווסקי קען אונדז שוין. אַנדערע יִינגלעך טרײַבט ער פֿונעם הויף בעת ער לאָזט אַרויס די טויבן פֿון דער שטײַג, כּדי זיי קאָרמענען מיט הירזשענע גרויפּן און שפּעטער אַ יאָג טאָן אין די הימלען. אונדז ביידן, מיך און ישׂראליקן, לאָזט ער שטיין אין אונדזער ווינקל פֿון וואַנען מיר קאָנען אָבסערווירן אונדזערע באַליבטע טויבן. טייל מאָל האָט ער פֿאַר אונדז אַפֿילו אַ גוט וואָרט. „וואָס מאַכט איר, סטודענטן?" — פֿרעגט ער אַן אויפֿגעהײַטערטער. אָבער דאָס איז נאָר דעמאָלט ווען אים גיט זיך אײַן צו כאַפּן אַ פֿרעמדע טויב.

טאַקע כּדי זיך צוקוקן ווי אַזוי ער כאַפּט אַ „פֿרעמדע", ווישני־עווסקי, פֿאַרהאַלטן מיר זיך בײַ אים אין הויף. אַ מאָל כאַפּט ער זי מיט אַ נעץ, אַנגעבונדן צו אַ לאַנגן שטעקן, בעת די פֿרעמדע טויב, וואָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט צו אים אויפֿן דעכל, שטייט צווישן זײַן מחנה טויבן און קוקט זיך אַרום אַ דערשראָקענע אין אַלע זײַטן. אַן אַנדערש מאָל כאַפּט ער זי מיט לאַנגע צוואַנגען פֿאַר די פֿיסלעך, בעת זי שטייט אויפֿן דעכל מיט לויזע ברעטלעך און ער פֿאַרגנבעט זיך אונטער דעם, הייבט אונטער פּאַוואָלינקע אַ ברעטל און... צאַפּ. ער האָט זי. דאָס האַרץ טוט טאַקע וויי פֿאַר דער פֿרעמדער טויב, אָבער מיר ווייסן, אַז זי וועט זיך דאָ גיך צוגעוויינען און ווערן היימיש, אַפֿילו באַפּרײַנדן זיך מיט אַן „ער" אָדער „זי" און אָנהייבן זיך „פּאָרן".

ווען קיין „פֿרעמדע" צום כאַפּן זענען נישטאָ, קוקן מיר סתּם אַזוי אויף די טויבן בעת ווישניעווסקי לאָזט זיי אַרויס פֿונעם טויבנשלאַק און זיי פֿליִען אַוועק אין די הימלען. מיר האָבן אונדזערע באַליבטע טויבן. איך — מײַנע, און ישׂראליק — זײַנע. מיר געפֿעלט באַזונדערש דער „ווידינעק" — אַ שניי־ווײַסע טויב מיט שוואַרצע פֿלעקן אויף די פֿליגל און ווען זי פֿליט, זעט זי אויס ווי אַ שוועבנדיקע פֿײַל פֿון זילבערבלוי וואָס אָט־אָט וועט זי זיך פֿאַרשטעכן אין דער פֿאַרגייענדיקער זון. ישׂראליק איז פֿאַרליבט

אינעם ברוינעם „שפּאַנצער״ — דאָס קעפּל און דער האַלדז ביז די פליגל ברוין, און ווײַטער — ווײַס. ווען „זײַן שפּאַנצער״ פליט — זאָגט ער, — באַוווּנדערן אים אַפילו די טויבן אַליין.

העד איך איצט ווי די פליגל פון מײַן „ווידינעק״ פאָכען איבער מײַן קאָפּ און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס פליט גאָר אַ מלאך און ער איז געקומען מיר אָנזאָגן עפּעס אַ בשורה. איך עפן די אויגן און זע נישט גאָרנישט אַרום זיך. בלויז שוואַרצע פלעקן. און אין די אויערן אַ גערויש. פאַרמאַך איך צוריק די אויגן און פּלוצעם הער איך אַ געשריי וואָס קומט פון ווײַט, ווײַט. יאָ, דאָס איז ישׂראליק, וואָס שרײַט ער אַזוי?

— ישׂראליק — זאָג איך שטיל — וואָס איז געשען?

— אוי, מאירקע — שרייט ער ווידער — זע וואָס ער האָט געטאָן מיט מײַן „שפּאַנצער״.

— ווער, וואָס — זאָג איך — איך זע דאָך נישט קיין זאַך.

— וואָס הייסט ווער — ענטפערט ער שוין אַ ביסל רויִקער — פאָן ווישניעווסקי. ער האָט אים אָוועקגעהרגעט. געהרגעט אויף טויט. דאָס קעפּל אָפּגעריסן... — און איך זע, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל ווי ישׂראליק וויינט.

איך וויל אים טרייסטן, נאָר איך געפין נישט קיין ווערטער. עפּעס שטיקט מיר אין האַלדז. אַ רחמנות אויף ישׂראליקן. און אויפן „שפּאַנצער״ אויך. כאָטש עס איז געווען ישׂראליקס טויב, פלעג איך אויך, בסוד, פון מאָל צו מאָל כאַפּן אַ בליק אויף איר. איצט וואַלגערט זיך דער „שפּאַנצער״, באַשפּריצט מיט בלוט, אויף דער ערד און דאָס קעפּל איז אין ווישניעווסקיס האַנט. דער טויבס רויטע אויגן קוקן אויף מיר דורך די שפּעלטלעך פון ווישניעווסקיס פינגער און איך הער ווי ער שרײַט מיט רוגזה:

— וועסט מער נישט זיצן אויף קיין דעכער ווען איך היים דיך פּליִען! פרעסן האָסטו געוואָלט, און פּליִען נישט?! איצט וועט מען דיך פרעסן!״

אינעם הויף, וווּ פאָן ווישניעווסקי האָט זײַן טויבנשלאַק, וווינט

חיהלע שטילמאַן. חוץ איר, חיהלען, זענען פאַראַן בײַ זיי נאָך דרײַ ייִנגערע קינדער. איך ווייס עס, ווײַל איר טאַטע איז אַ שוסטער און איך טראָג אַלע מאָל אַהין מײַנע שיך צום פאַרריכטן. נאָך איידער איך קום צו דער טיר שפּיר איך שוין דעם פאַרשטיקטן ריח פון שוסטערשן קליי און קרויט, וואָס קאָכן זיך אויפן אייזערנעם קיכל. אויך ווען מיר שטייען מיט ישׂראליקן אין אונדזער ווינקל פון וואַנען מיר קאָנען זען ווישניעווסקים טויבן, שפּירן מיר דעם זעלביקן ריח. ער טראָגט זיך איבערן גאַנצן הויף. הײַנט איז דער ריח ווי אויסגעוועפּט געוואָרן. עס הערט זיך אויך נישט דאָס קלאַפּן פונעם שוסטערישן העמערל. שטאָט דעם דערטראָגט זיך צו אונדז אַ ביטער געוויין פון חיהלעס מאַמען, אויסגעמישט מיט קללות: „פון קבר זאָל עס אַרויסוואַרפן, ווי ער האָט אונדז אַרויסגעוואָרפן פון שטוב, גאָטעניו זיסער!" „אַ בראָך אין זײַנע ביינער און אַ קרענק אין זײַן בויך!"

קוקן מיר אַהין פון וואַנען דאָס געוויין קומט און מיר זעען: דאָרט ווו עס וואַלגערט זיך אויף דער ערד די פאַרבלוטיקטע טויב אָן דעם קעפּל, ליגן אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע חפצים — אַן אײַזערן בעטל און אויף דעם טעפּ און טעלערס; אַ שטרויזאַק און אַ פּוכענע קאָלדרע אין רויטן איבערצוג; דאָס שוסטערבענקעלע מיט קאָפּי־טעס אונטער דעם און אויף דעם; אַ לאָקשנברעט און אַ מעשענער מאָרזשער צו שטויסן צימערינג און פעפער, און נאָך און נאָך חפצים, און איבער דעם אַלעם שטייט זי, חיהלעס מאַמע, מיט פאַרבראָכענע הענט און קלאָגט און וויינט.

— ווער שילט זי אַזוי, פאַר וואָס וויינט זי? — פרעג איך ישׂראליקן. ער קוקט מיך אָן ווי דערשטוינט און זאָגט:

— וואָס הייסט ווער? אים, דעם ווירט... זעסט דאָך, ער האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה.

— וואָס הייסט אַרויסגעוואָרפן?

— שוטה איינער, האָסט קיין מאָל נישט געהערט וועגן דעם? עקסמיסיע... — זאָגט צו מיר ישׂראליק און זײַנע אויגן גלאַנצן

מיט אַ מאָדנע פּײַערל, גלײַך ער וואָלט גרייט געווען זיך וואַרפֿן אויף עמעצן שלאָגן. איך קען גוט אַט דאָס פּײַערל אין זײַנע אויגן. עס דערמאָנט מיך אינעם געשלעג אויפֿן פֿוטבאָלפֿעלד נישט ווײַט פֿון אונדזער שול. געשלאָגן האָט זיך ישׂראליק מיט אַ ייִנגל וואָס איז געווען אפֿשר צוויי מאָל גרעסער פֿון אים. יענער האָט אים דערלאַנגט אַ קאַפּע אין פּוס בעת ער האָט געפֿירט די פּילקע און ישׂראליק איז געפֿאַלן אויפֿן גראָז. הייבט ער זיך אויף, ישׂראליק, און לאָזט זיך גלײַך אויף יענעם מיט געבײַלטע פֿויסטן. דערבײַ שרײַט ער צו מיר: „מאירקע, לויף שנעל און רוף מײַן ברודער בערל. צוזאַמען וועלן מיר אַ תּל מאַכן פֿון אים!” לאָז איך איבער מײַן רוקזאַק מיט די העפֿטן און ביכער און לויף הענדעם־פּענדעם צו ישׂראליקס הויז אויף אונדזער גאַס און... בערל איז נישטאָ. דעם טאַטן ישׂראליקס טאָר איך גאָרנישט נישט זאָגן. דאָס ווייס איך גוט. אַנדערש וועט ער באַקומען פֿון טאַטן דעם אמתן פּסק פֿאַר אַרײַנלאָזן זיך אין אַ געשלעג מיט גרעסערע און עלטערע פֿון אים. „שלאָגן מעגסטו זיך מיט דײַנס גלײַכן” — האָט אים איין מאָל געזאָגט דער טאַטע. כ׳האָב עס אַליין געהערט. „כאַפּ זיך נישט צו קיינעם פֿון וועמען דו קאָנסט שלעכט אָפּשנײַדן”.

לויף איך צוריק כּדי צו זאָגן ישׂראליקן, אַז זײַן ברודער בערל איז נישטאָ אין דער היים, און דאָ טרעף איך שוין קיינעם נישט אויפֿן פּלאַץ. אַלע פֿוטבאָל־שפּילערס זענען פֿאַרשווּנדן צוזאַמען מיט ישׂראליקן. פֿאַרשווּנדן איז אויך מײַן רוקזאַק מיט די העפֿטן און ביכער...

...שטיי איך אַזוי אין אונדזער ווינקל און שטאַט קוקן אויף ווישניעוואָסקיס טויבן און צווישן זיי מײַן באַליבטן „ווידינעק”, קוק איך גאָר אַהין, וווּ חיהלע שטילמאַנס מאַמע וויינט און קלאָגט איבער דעם ביסל אָרעמקייט וואָס וואַלגערט זיך לעבן דער פֿאַר־האַקטער טיר פֿון זייער שטוב. און אַט איז חיהלע. זי קומט אַרויס פֿון אַ שכנישער שטוב, גייט צו צו דער מאַמען און דערלאַנגט איר אַ טעפּל וואַסער אָדער טיי. די מאַמע נעמט זי אַרום און צעכליפּעט זיך ערשט רעכט אויף אַ קול: „ווײַ איז מיאָ און ווינד איז מיאָ,

זעי וואָס עיאַ האָט אונדז אָפּגעטון דער גזלן, דער רוצח... ווּ וועלן מיאַ זאָך יעצט אַהינטין?" און חיהלע צעווײנט זיך אויך און טוליעט זיך שטאַרקער צו דער מאַמעס ברוסט. איך קוק אויף ישׂראַליקן און זע אַלץ דאָס גוט באַקאַנטע פֿײַערל אין זײַנע אויגן. אין מײַנע אויגן פֿיל איך טרערן.

אַדורך די טרערן, ווי דורך אַ וואַל, זע איך פֿאַרבײַגײן לעבן אונדז דעם לערער גרינבלאַט. ער האָט אונדז נישט באַמערקט, מיך און ישׂראַליקן. מיר שטייען פֿאַררוקט אין אונדזער ווינקל. ער גייט מיט געלאַסענע טריט, דער לערער גרינבלאַט, ווי שטענדיק. אויף זײַן פֿליכעוואַטן קאָפּ איז אַ גרויער הוט וואָס וואַרפֿט אַ שאָטן אויף זײַן גוטמוטיקן פּנים. צוגעקומען צום אָרט, ווּ חיהלע שטייט אַרומגענומען מיט דער מאַמען און ביידע ווײנען, נעמט ער אַראָפּ דעם הוט, רעדט עפּעס צו חיהלעס מאַמען און יענע באַרויִקט זיך. וואָס ער האָט איר געזאָגט, ווייס איך נישט. איך זע בלויז ווי חיהלעס מאַמע בייגט זיך אָן צו זײַן האַנט, גלײַך זי וואָלט וועלן זי קושן. דער לערער גרינבלאַט אָבער ציט זיך צוריק, געזעגנט זיך מיט פֿרוי שטילמאַן און פֿירט אַוועק מיט זיך חיהלען, ווען ער האַלט פֿאַר דער האַנט גלײַך ער וואָלט מורא האָבן, אַז זי וועט זיך פֿון אים אַרויסרײַסן.

דער הימל איז פֿאַרוואָלקנט. עס זעט אויס ווי באַלד וועט נעמען פֿאַלן אַ רעגן און זײַנע שווערע טראָפּנס וועלן קלאַפּן אין די שויבן גלײַך זיי וואָלטן אָנזאָגן, אַז דער האַרבסט איז שוין אויף דער שוועל. אין קלאַסצימער איז טונקל, און כאָטש עס איז נאָך גאַנץ פֿרי, ברענט דאָס עלעקטרישע לעמפּל אויפֿן סופֿיט. מיר זיצן רויִק און וואַרטן אויפֿן אַרײַנקום פֿון לערער גרינבלאַט. אין אַזעלכע פֿרימאָרגנס ווילט זיך קיינעם נישט אַרומשטיפֿן. און אָט איז ער, דער לערער אונדזערער מיט דעם קלאַסזשורנאַל אין האַנט. נאָר דאָס מאָל איז ער נישט אַליין. בײַ זײַן זײַט איז חיהלע שטילמאַן. שטאָט דער „שלאָפּקופּקע" אויף איר קאָפּ זעט זיך אויף אירע אויסגעצוואָגענע און פֿאַרקעמטע האָר אַ ראָז בענדל.

אַרום האַלדז — אַ ווײַס קעלנערל. גאָר נישט די זעלבע חיהלע. בלויז דער טרויער אין אירע אויגן איז דער זעלבער ווי געווען.

— חיהלע — זאָגט דער לערער גרינבלאַט — פאַרנעם דײַן אָרט. — און חיהלע שלײַכט זיך דורך צווישן די בענק, גלײַך זי וואָלט וועלן בלײַבן נישט באַמערקט. אָבער אַלעמענס אויגן זענען אָנגעשפּיצט אויף איר. זי זעצט זיך און דער לערער נעמט אויס־רופן אונדזערע נעמען פונעם זשורנאַל. אַלע זענען אין קלאַס. קיינער פעלט נישט. אַ רגע איז שטיל.

— איצט, קינדער — רופט זיך ענדלעך אָפּ דער לערער — וועלן מיר לייענען „יינגל, צינגל, כוואַט" פון מאַני לייב. אָנהייבן וועט שׂרהלע קאַץ.

אַלע מאָל, ווען שׂרהלע לייענט, זענען מײַנע אויגן געווענדט אין איר זײַט מיט אַנטציקונג. איר קלינגעוודיקע שטים דערגייט צו מיר ווי אַן עכאָ וואָלט געקלונגען ערגעץ פון אַ געדיכטן וואַלד און מיר איז שווער פונאַנדערצוקלײַבן די ווערטער, הגם זיי קומען אַרויס פון איר מויל מיט אַ חנעוודיקער קלאָרקייט. אָבער איצט זענען מײַנע אויגן גאָר געווענדט אַהין, וווּ עס זיצט חיהלע שטיל־מאַן, און ווידער זע איך ווי זי שטייט דאָרט אין הויף אַרומגענומען מיט איר מאַמען און ביידע וויינען. און אין מײַנע אויערן קלינגען נאָך אַלץ דער מאַמעס ווערטער: „ווינד איז מיאָ און ווײ איז מיאָ... ווי וועלן מיאָ זאָך יעצט אַהינטין..."

נאָך שׂרהלען לייענען אַנדערע. יעדער צו עטלעכע פערזן. פּלוצעם דערהער איך אויסרופן מײַן נאָמען. איך כאַפּ זיך אויף ווי פון שלאָף. כ'מיש איבער די בלעטלעך פון מײַן ביכל און זוך דאָס אָרט, וווּ איך דאַרף פאָרזעצן לייענען, אָבער איך ווייס נישט וווּ דער לעצטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ גליק וואָס לעבן מיר זיצט ישׂראליק און ער גיט מיר אַ ווײַז מיטן פינגער: „דאָ, אָט־אָ־דאָ..." גיב איך זיך אַ לאָז אַוועק איבער די פערזן פון „יינגל, צינגל, כוואַט" אָזש דער לערער קאָן מיך נישט פאַרהאַלטן. „נו גענוג, מאירקע — זאָגט דער לערער גרינבלאַט — איצט וועט לייענען חיהלע שטיל־מאַן". חיהלע הייבט אָן לייענען און איר שטים ציטערט, די ווער־

טער קומען קוים אַרוים פון צווישן אירע ציין. פּלוצעם פֿאַרגייט זי זיך אין אַ געוויין.

געוויינטלעך וואָלט דער לערער גרינבלאַט געמאַכט עפּעס אַ באַמערקונג וועגן חיהלעס קאַפּטיכל, וואָס ער רופט שלאַפקופּקע, און דאָס וואָלט אַרויסגערופן אַ געלעכטער אין קלאַס. אפשר וואָלט חיהלע אויך געלאַכט צוזאַמען מיט אַלעמען. אָבער נישט היינט. דאָס מאָל איז ער צוגעגאַנגען צו איר און איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, זייער פּאַרזיכטיק, אַזוי, אַז דאָס ראָזע בענדל זאָל זיך נישט איבעררוקן.

— נו געווג — זאָגט דער לערער — וויין נישט, חיהלע. אַלץ וועט זיין גוט. איר וועט האָבן אַן אַנדער דירה און דו וועסט ווידער זיין מיט טאַטע-מאַמע צוזאַמען. דערווייל האָסטו אַ היים ביי מיר אין הויז, און מיין פרוי, די לערערין גאַניע, וועט זיך פֿאַרנעמען מיט דיר ווי מיט אַן אייגן קינד.

קוים האָט דער לערער געענדיקט זיינע טרייסטווערטער, האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק. ס'איז געווען נאָך דער לעקציע. בעת דער פּויזע האָב איך אָפּגעפונען ישראליקן און צו אים אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט וואָס, ישראליק מיטן קראַליק, דער אמתער כוואַט ביסטו דו. ווען נישט דיין וויזפינגער, וואָלט איך געווען פֿאַרלוירן.

ישראליק האָט זיך צעלאַכט.

— דאַרפסט דאַנקען מיין פינגער, נישט מיר — טוט ער אַ זאָג און לויפט אַוועק ערגעץ ווו אין אַן אַנדער ווינקל, ווו עס זאַמלען זיך די יינגלעך פון אַ העכערן קלאַס. איך בלייב שטיין אַליין און ווידער זע איך חיהלען מיט איר מאַמען און דעם לערער גרינבלאַט ווי ער נעמט אַראָפּ זיין הוט פון קאָפּ און מיר דאַכט זיך, אַז דער הוט פאַלט אַראָפּ אויף דעם שוסטער-בענקעלע און ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאַפּיטע. און דערביי, אין הויף, וואַלגערט זיך אויף דער ערד אַ טויטע טויב, ישראליקס „שפּאַנצער" באַשפּריצט מיט בלוט, און דאָס קעפּל איז נישט מער אין ווישניעוועקים האַנט. דאָס קעפּל פון דער טויב האָט באַקומען פליגל און עס פליט, פליט אַנטקעגן דעם בלויען הימל גלייך צו דער זון...

צו שפּעט

„אַברהם, בערל, גימפּל, דוד, הערשל, וועלוול, זאַנוול, חאַצקל, טוביה, ייִדל... שמעון, תּנא..." די נעמען פּלאָנטערן זיך מיר אין קאָפּ, לויט דער ריי, פון אָנהייב ביזן סוף און אויף צוריק, און איך ווייס, אַז עפּעס פעלט דאָ, נאָר וואָס? מער נעמען? קאָן זײַן... ווו איז לייזער, משה, נתן, קלמן און די אַנדערע ייִנגלעך פון מײַן הויף, פון מײַן שול? כ׳האָב דאָך זיי אַלעמען געקענט, אַזוי גוט געקענט און איצט ווייס איך נישט ווו זיי זענען אַהינגעקומען. נישט באַגעגנט קיינעם פון זיי אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג. פּלוצעם באַווײַזט זיך ישׂראליק פון ערגעץ ווײַט, ווי פון הינטערן האָריזאָנט, און אפשר איז עס בלויז זײַן שאָטן וואָס רופט מיך: „מאירקע, קום, מיר וועלן שפּילן אין יאַגעלעך! איך וועל ציילן". און באַלד הייבט ער אָן: אַברהם, בערל, גימפּל, דוד...

מיר איז אַלץ איינס אויף וועמען עס וועט אויספאַלן דער גורל. סײַ ווי וועל איך הײַנט אין קיין יאַגעלעך נישט שפּילן.

— ישׂראליק — זאָג איך — צי ווייסטו דען נישט, אַז מײַן מאַמעשי איז געשטאָרבן און זי ליגט דאָרט אין שטוב אויף דער פּאָדלאָגע איבערגעדעקט מיט אַ טוך. ווי קאָן איך זיך הײַנט שפּילן?

און אין האַרצן בײַ מיר טיאָכקעט עפּעס אַ מאָדנע געפיל. מיר ווילט זיך אַזוי שטאַרק לויפן מיט אַלע ייִנגלעך צוזאַמען, נאָר די פיס זענען ווי צוגעשמידט צו דער ערד. „נישט הײַנט, נישט הײַנט" — רעד איך צו זיך אַליין. „מ׳טאָר נישט. די מאַמעשי ליגט דאָרט אויף דער פּאָדלאָגע. געשטאָרבן..."

ישׂראליק טרייסט מיך:

— דאָרט פון וואַנען איך קום, שטאַרבט מען נישט מער. דאָרט זענען אַלע טויט און אַלע לעבן. דײַן מאַמעשי וועט זײַן מיט אונדז און ווען דו וועסט וועלן וועסטו קאָנען קומען זי זען.

— וואָס הייסט, אַלע טויט און אַלע לעבן? — פרעג איך, — ווי

אזוי וועל איך זי קאָנען זען, מײַן מאַמעשי? טויטע לייגט מען דאָך אין דער ערד...

— בלויז דעם גוף, מאירקע, בלויז דעם גוף. די נשמות פליִען אַרויף אין הימל, און דאָרט לעבן זיי. געשטאָרבענע, און זיי לעבן.

— און ווי אַזוי קאָן מען זיי דערקענען, די נשמות?

— פרעג נישט קיין נאַרישע שאלות, מ׳דערקענט שוין. אָט האָסטו דאָך מיך דערקענט. און איך קום אויך פון דאָרטן...

אָפּגעזאָגט די לעצטע ווערטער און שוין. ער איז פאַרשוווּנדן, ישׂראליק.

מיר ווילט זיך צוריק אַרײַנגיין אין שטוב. דאָרט זענען אַזוי פיל מענטשן, שכנים, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. אַלע רעדן צוזאַמען. און דער טאַטע שווײַגט. ווען נישט די אַלע מענטשן וואָלט איך איצט געוועז לעבן אים, זיך צוגעטוליעט, ווי איך פלעג זיך טוליען צו דער מאַמעשי ווען זי איז געווען געזונט.

ווען זי איז געווען געזונט... איך געדענק זי קוים אַ געזונטע. כמעט שטענדיק אין בעט. און פון דאָרט האָט אַרויסגעשײַנט איר ליכטיק פּנים מיט אַ גרימאַסע פון אַ שמייכל אויף די פולע ליפּן, אַ שמייכל וואָס האָט ווי פאַרשאָטנט די אינערלעכע פּײַן. ווען זי פלעגט אַרויס פון בעט און אַרומשלײַכן איבער דער שטוב, זיך פּאָרען בײַ דער קיך אָדער גאָר נעמען מיך אויף אַ שפּאַציר, בין איך געווען דער סאַמע גליקלעכסטער אויף דער וועלט. איך פלעג גיין בײַ איר זײַט, מײַן האַנט פעסט פאַרדריקט אין אירער, און די אויגן מײַנע האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער דער גאַס, און ווען זיי האָבן באַגעגנט וועמען פון מײַנע חברים, האָבן זיי מיט אַ ווונק אים געלאָזט וויסן: דו זעסט, איך גיי מיט מײַן מאַמען...

אויך נעכטן האָט זי מיך גענומען אויף אַ שפּאַציר, די מאַמע. מיר זענען אַוועק אויף דזשיקע־גאַס, וואָס פירט צום גויִישן צווינ־טער. דאָס איז די איינציקע גאַס אין אונדזער געגנט, ווו עס שטייען הויכע ביימער בײַ די ראַנדן. געוויינטלעך פלעג איך דאָ אַרומלויפן מיט די יִינגלעך פון הויף, קריכן אויף די ביימער און וועטן זיך ווער עס וועט דערגרייכן אַ העכערן שפּיץ, שפּילן אין

מלחמות, אָדער גאָר אין באַהעלטעניש. ווי צו באַהאַלטן זיך האָט נישט געפעלט. מיר האָבן אַפילו דערלאַנגט ביז צום צווינטער און באַהאַלטן זיך צווישן די מצבות. נאָר ווען איך בין געגאַנגען אויף שפּאַציר מיט דער מאַמען, האָט קיין רייד נישט געקאָנט זײַן וועגן שטיפערײַען.

אין מיטן וועג האָט די מאַמע זיך אָפּגעשטעלט, שווער אָפּגעטעמט און פאַרקערעוועט אויף צוריק. צוגעקומען צו אונדזער הויז, האָט זי צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט אַ ביסל אַ געבראָכענער שטים: „מאירקע, לויף צו צום דאָקטער רובינשטיין און זאָג אים, אַז די מאַמעשי האָט געבעטן ער זאָל גלײַך צוקומען”. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע פילט זיך נישט גוט. דעם וועג צום דאָקטער רובינשטיין קען איך גוט. נישט איין מאָל געלאָפן צו אים, אַפילו אין מיטן דער נאַכט. האָב איך קיין זאַך נישט געפרעגט און געלאָפן.

צוריק געקומען מיטן דאָקטער, איז שוין די מאַמע געלעגן אין בעט. דאָס הויז איז פול מיט מענטשן. מיך לאָזט מען צום בעט נישט צו. דער טאַטע שטייט דאָרט מיט פאַרבראָכענע הענט און רעדט עפּעס צום דאָקטער. פון ווײַטן זע איך, ווי דער דאָקטער עפנט זײַן קעסטעלע, נעמט פון דאָרט אַרויס די הערטרײַבלעך, דאָס העמערל, וואָס איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט, ער בייגט זיך אָן איבער דער מאַמעס בעט און נאָך אַ ווײַלע גלײַכט ער זיך אויס. געהערט האָב איך בלויז צוויי ווערטער: „צו שפּעט”...

אַ שכנטע האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט און אַוועקגעפירט צו זיך אין הויז. „וועסט הײַנט נעכטיקן בײַ אונדז, מאירקע” — האָט זי געזאָגט. מער קיין וואָרט נישט. און אפשר האָט זי יאָ עפּעס גערעדט, נאָר איך האָב סײַ ווי נישט געהערט. בײַ מיר אין די אויערן קלינגען נאָך אַלץ אָפּ דעם דאָקטערס ווערטער: צו שפּעט... צו שפּעט... צו שפּעט...

געקומען אין הויז, האָט די שכנטע אַוועקגעשטעלט אַ גלאָז מילך, אַוועקגעלייגט דערבײַ אַ זעמל און מיך געהייסן עסן. אָבער מיר עסט זיך נישט. איך טראַכט אַלץ וועגן דער מאַמען דאָרט

אין בעט און איך וויים, אַז מער וועל איך זי נישט זען. מאָרגן אָדער איבער מאָרגן וועט קומען די שוואַרצע עגלה, מ׳וועט זי אַריינלייגן אין אַ קאַסטן, מײַן מאַמען, און זי צונעמען. אַוועקפירן צום בית־הקברות. און מענטשן וועלן נאָכגיין דער עגלה, און איך אויך, און אַלע וועלן וויינען. כ׳האָב עס געזען אַזוי פיל מאָל אויף אונדזער גאַס. אַלע מאָל ווען די שוואַרצע עגלה פלעגט זיך באַווײַזן, האָט מיך באַהערשט אַ מאָדנע געפיל פון שרעק. נישט די געוויינ־לעכע מורא וואָס באַווײַזט זיך ערגעץ אין קאָפּ און זאָגט דיר אונטער: טו נישט אַזוי, און דאָך טוסטו עס, נאָר יענע שרעק, וואָס קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער אין האַרץ און שטיקט אין האַלדז.

אויך איצט שטיקט מיר אין האַלדז. קיין מורא האָב איך נישט, נאָר דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער ווי געוויינטלעך. איך הער קוים ווי די שכנטע חזרט איבער עטלעכע מאָל: „עס, מאירקע, עס״. איך טו אַ צופּ פונעם זעמל, נאָר דערפיר נישט דאָס אָפּגעריסענע שטיקל צום מויל. עס בלײַבט ליגן אויפן טיש. „איך קאָן נישט, לאהלע״ — זאָג איך און פלאַץ אַרויס מיט אַ געוויין. „נו שוין, נו שוין — טרייסט זי מיך — דו קאָנסט נישט, דאַרף מען נישט. גיי לייג זיך שלאָפן״. אין אַ ווינקל פון שטוב שטעלט זי אויף אַן אייזערן אויסלייגבעטל און הייסט מיך זיך אויסטאָן. זי גייט אַרויס און זאָגט מיר אָן צו פאַרלעשן דאָס ליכט.

אין שטוב איז פינצטער. איך ליג אײַנגעגנורעט דעם קאָפּ אין קישן און קאָן נישט אײַנשלאָפן. איך זע: שוואַרצע שאָטנס לויפן אַרום איבער די ווענט און שטרעקן זייערע הענט צו מיר, אָט גרייכן זיי מיך און אָט ציִען זיי זיך צוריק, גלײַך זיי וואָלטן אַנט־לאָפן. באַלד פאַרקערעווען זיי אין אַ צווייטן ווינקל, וווּ אין אַ הילצערן בעט ליגט מײַן מאַמע און אַרום ברענען ליכט, אַ סך ליכט. מײַן מאַמע רעדט עפּעס צו מיר פון איר בעט אַרויס, נאָר איך קאָן נישט דערהערן אירע ווערטער. די שאָטנס טאַנצן אַרום איר בעט, אַריבער די ליכטפלעמלעך וואָס אָט לעשן זיי זיך, און אָט פלאַמען זיי אויף נאָך העלער ווי פריִער. אַ גרויסער שאָטן כאַפּט מײַן מאַמען אויף זײַנע הענט און שוועבט אַוועק איבערן סופיט וואָס

מיניעט זיך אין בלוי-וויַיסע פאַרבן. דער סופיט צעעפנט זיך און דורכן גרויסן לאָך שיַינט אַריַין די לבנה מיט אַ פּאָר אויסגע־שטאַרצטע אויגן און אַן אויסגעקרימט מויל. די שטערן אַרום ברע־נען, דער הימל ברענט און דער גרויסער שאָטן, מיט מיַין מאַמען אויף זיַינע הענט, טראָגט זיך אַרויף צו אַלץ העכער און העכער. איך פּרוּוו שריַיען : מאַמע, מאַמע !... נאָר דאָס קול בליַיבט פאַר־שטיקט אין מיַין קעל. שטרעק איך אויס די הענט און טרעף זיך אָן אויף אַ קאַלטער וואַנט, און ווידער הער איך דעם דאָקטערס ווערטער : צו שפּעט, צו שפּעט...

אויפן געגנשער בית-עלמין וואַקסן אַ סך ביימער. איך קום אַהער אָפט מיט די יינגלעך פון אונדזער גאַס קליַיבן קאַשטאַנעס וואָס פאַלן פון די ביימערקרוינען, ווי ריַיפע עפּל. שפּעטער, אין הויף, מאַכן מיר גריבלעך און שפּילן אין קאַשטאַנעס. איצט שטיי איך צווישן די ביימער ביַי אַן אָפענעם גרוב. די צוויַיגן, באַהאָנגענע מיט קאַשטאַנעס, בייגן זיך צו דער אָנגעשאָטענער ערד וואָס אַרום. אָט, דאַכט זיך מיר, וועלן זיי אַראָפּפאַלן און אָנפילן דעם גרוב. נאָר ניין, די קאַשטאַנעס פאַלן נישט, עס פאַלט גאָר אַ דראָבנער רעגן און איך הער יעדן קלאַפּ פון די טראָפּנס וואָס שלאָגן זיך אָן אינעם שוואַרצן קאַסטן. דאָרט, אינעווייניק, ליגט מיַין מאַמע, מיַין מאַמעשי, וואָס איז געשטאָרבן און כ'וועל זי שוין קיין מאָל מער נישט זען. אפשר איז עס מיַין שולד ? כ'בין נישט געלאָפן גענוג שנעל נאָכן דאָקטער. ווען איך וואָלט געלאָפן שנעלער און דער דאָקטער וואָלט געקומען ביַי ציַיטנס...

מיַינע געדאַנקען ריַיסט איבער אַ גרויסע שוואַרצע באָרד. זי זאָגט צו מיר : „יינגעלע, ציַיט צו זאָגן קדיש". און איך חזר איבער מעכאַניש די ווערטער : יתגדל, ויתקדש שמה רבא... אַרום הערט זיך אַ געוויין. דער טאַטע האַלט מיך פאַר דער האַנט, דריקט מיך שטאַרק צו זיך און מיר דאַכט זיך, אַז ער איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן. איך פיל אויף מיַין קאָפּ זיַינע הייסע טרערן. און אפשר זענען עס גאָר די רעגן-טראָפּנס ?

פון צווישן די ביימער דערנענטערט זיך אַ באַקאַנט געשטאַלט. מיר דאַכט זיך, אַז ער איז אין גאַנצן אײַנגעהילט אין גרין און אויך זײַן פּנים איז גרין, ווי אַ קאַשטאַנבלאַט. אָבער וואָס נעענטער ער קומט, אַלץ ליכטיקער ווערט זײַן פּנים, און לסוף דערקען איך אים. דער לערער גרינבלאַט. ער דערלאַנגט מײַן טאַטן די האַנט, רעדט צו אים עפּעס, אָבער איך הער נישט קיין וואָרט. נאָך דעם טוט ער עטלעכע מאָל אַ גלעט מײַן קאָפּ און, פּונקט ווי ער איז געקומען פון צווישן גרין, ווערט ער דאָרט צוריק פאַרשוווּנדן.

דער רעגן האָט אויפגעהערט קאַפּען. אפשר איז ער פאַר־טריקנט געוואָרן, ווי די טרערן אין מײַנע אויגן? די גרויע וואָלקנס ווערן אַלץ מער דורכזיכטיק און עס באַווײַזט זיך די זון, שפּרייטנ־דיק אַרום אַ גאָלדיק־בלויע ליכטיקייט. איך הייב אויף די אויגן, קוק אויפן הימל און מיר דאַכט, אַז מײַן טײַבעלע, מײַן „ווידינעק" קרײַזט דאָרט אַרום, נאָר שטאָט שוואַרצע פלעקן אויף די פליגל, איז זײַן קעפּל איצט שוואַרץ און געבויגן. ער טרויערט צוזאַמען מיט מיר, דער „ווידינעק". ווייסט ער, אַז מײַן מאַמע איז געשטאָר־בן? אַז איך וועל שוין מער קיין מאָל נישט זען מײַן טײַערע מאַמעשי? און אפשר וועט ער זי זען? ער פליט דאָך אין די הימלען, וווּהין די נשמות שוועבן אַוועק. און אויב ער וועט זי זען דאָרט, מײַן מאַמעשים נשמה, צי וועט ער מיר קאָנען וועגן דעם דערציילן? איך פאַרשטיי דעם אויסדרוק פון זײַנע אויגן, אָבער די שפּראַך פון די טויבן האָב איך נאָך אַלץ נישט באַנומען.

צוריק פון בית־עלמין גיי איך אַליין. דער טאַטע פירט מיך נישט מער בײַ דער האַנט, איך קען גוט דעם וועג. צו מיר קומט צו שמאַיאַ און ער לייגט אַרויף אויף מײַן אַקסל זײַן ליידיקן אַרבל. שמאַיאַ האָט בלויז איין האַנט, די צווייטע איז אָפּגעהאַקט בײַם עלנבויגן.

— מאַירקע — זאָגט ער — איך אויך אַ יותם, מיר ביידע איינס, די זעלבע... — און ער דריקט מיך צו זיך מיט זײַן האַלבער האַנט. איך קוק אויף זײַן פּנים וואָס איז געדיכט באַדעקט מיט זומער־שפּרענקלעך און מיר דאַכט, אַז די ברוינע פינטעלעך ווערן

רויט, גלײַך זיי וואָלטן זיך אָנגעצונדן. אויך זײַנע בלויע אויגן גלאַנצן מיט עפּעס אומבאַקאַנטע פֿאַר מיר פֿײַערלעך.

שמאַיאַ... ווען ער האָט זיך באַוויזן אין אונדזער הויף האָט ער קיין ייִדיש כּמעט נישט געקענט. האָט ער זיך גענומען חברן מיט דעם סטרוזשס יינגלעך. אָבער אויך יענע האָבן גערעדט ייִדיש. אַ ביסל קאַליעטשעט, אָבער גערעדט. יאַנעק פֿלעגט מיר אָפֿט מאָל זאָגן: „מאירל, פּאַמוירע זאָך נישט, דיך נישט שלאָגן...” אַנדערע ייִנגלעך פֿלעגט ער יאָ שלאָגן ווען ס'איז אים באַפֿאַלן די רוגזה. אין גיכן האָט שמאַיאַ באַוויזן זײַן בריהשאַפֿט — ער האָט זיך צעשלאָגן מיט יאַנעקן. אָבער נאָך ווי צעשלאָגן! מיטן ליידיקן אַרבל האָט שמאַיאַ דערלאַנגט יאַנעקן איבער די אויגן און אים שיִער נישט בלינד געמאַכט, און דערנאָך האָט ער מיט דער צווייטער, געזונטער האַנט, אים גענומען ערשט אויף אַ רעכט מימתן. דעמאָלט האָט שמאַיאַ זיך דערנעענטערט צו אונדז. ער האָט דערציילט, אַז ער איז געקומען קיין וואַרשע מיט זײַן טאַטן און עלטערער שוועסטער פֿון אַ דאָרף. דאָרט האָט ער טאַקע פֿאַר־לוירן זײַן האַנט. אַ צעווילדעווועטער הונט האָט אים אַ ביס געטאָן און ער האָט קיינעם נישט דערציילט דערוועגן. די ווונד האָט ער אײַנגעריבן מיט פֿײַכטער ערד. די האַנט איז געוואָרן אָנגעשוואָלן און פֿאַרגיפֿטעט, האָט דער טאַטע אים געבראַכט קיין וואַרשע צו אַ דאָקטער און דאָרט האָט מען געמוזט די האַנט אָפּשנײַדן ביזן עלנבויגן. נאָך דער אָפּעראַציע האָט דער טאַטע געזאָגט: „שמאַיאַ, מיר בלײַבן אין וואַרשע. קיין לײַט וועסטו אין דאָרף נישט אויס־וואַקסן, און דאָ וועסטו כאָטש זײַן צווישן ייִדן”.

שמאַיאַ איז געווען עלטער פֿון אונדז ייִנגלעך אין הויף, און ווען מיר פֿלעגן אַוועק אין שול, האָט ער אַרויפֿגעצויגן אויף זיך אַ קעסטל, אָנגעפֿילט מיט שאָקאָלאַד און צוקערקעס, און ר'איז געוואָרן אַ „סוחר”. זומערצײַט פֿלעגט ער זיצן אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין וואַנט, דאָס קעסטל לעבן די פֿיס, און אויסרופֿן זײַן סחורה: „פּוקס טשאָקאָלאַדעס, דאַמאַנסקיס באָמבעס, אַ פֿינעוואָ אַ שטיק!” נישט ווײַט פֿון אים איז געשטאַ־

נען „מײַטל מיטן שײַטל" בײַ אַ קויש בייגל און גערופן די קונים צו זיך: „פרישע הייסע בייגל, דראַ פּאַר אַ צעינאַ, דראַ פּאַר אַ צעינאַ..." קאָנקורירט האָבן זיי נישט צווישן זיך, אָבער איבער־שרײַען איינער דעם צווייטן האָבן זיי געפּרוווט. ווינטערצײַט פלעגט שמאַיאַ זיך אַרומהילן מיט אַ פּעלץ, אויפן קאָפּ — אַ פוטערן היטל ביז איבער די אויערן, און נאָך הילכיקער אויסרופן זײַן סחורה, ווי ער וואָלט זיך וועלן אַזוי אַרום דערוואַרעמען. ער איז אַרומגע־לאָפן הין און צוריק מיט זײַן קעסטל אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען און געקלאַפּט אַ פוס אין אַ פוס.

צײַטנווײַז, אויף צוריקוועגס פון שול, ווען כ'האָב זיך נישט פאַרהאַלטן בײַ ווישניעווסקים טויבן, פלעג איך זיך צוזעצן לעבן שמאַיאַן און פאַרלייענען אים עפּעס וואָס פון מײַן ייִדיש ביכל. ער האָט באַזונדערש ליב געהאַט די מעשׂה וועגן נעלאַ און פּאַטראַש, די צוויי הינטלעך וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ און זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער. איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט: „דו ווייסט, מאַירקע, אָפט דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אויך אַ פאַר־בלאָנדזשעטער הונט און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף מיר..." דערבײַ האָט ער געוואָרפן אַ זײַטיקן בליק אויף זײַן ליידיקן אַרבל.

איצט באַגלייט מיך שמאַיאַ אַהיים.ביידע זענען מיר יתומים. „מיר ביידע — איינס". איך פיל זײַן ליידיקן אַרבל אויף מײַן אַקסל און מיר דאַכט זיך, אַז די פינגער פון זײַן אָפּגעהאַקטער האַנט גלעטן מיך.

— שמאַיאַ — פרעג איך — ווי קומסטו אַהער? וואָס האָסטו געטון מיט דײַן קעסטל?

— וואָס הייסט, ווי איך קום? געזען די לוויה. דו ביסט דאָך מײַן חבר. בין איך אַוועק צום צמענטאַזש. ווען דו האָסט געזאָגט קדיש, האָב איך אויך געזאָגט, נאָכגעזאָגט וואָרט בײַ וואָרט אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט הערן. נאָך מײַן פאַרשטאָרבענער מאַמען האָב איך געזאָגט. און איצט, אַז דו וועסט גיין אין שיל אָרײַן קדיש זאָגן, נעם מיך מיט. גוט?

— גוט שמאַיאַ, איך זאָג דיר צו...

אין דער פרי. ווי שטענדיק רופט מיך ישׂראליק דורכן פענצ־טער: „מאירקע, דו גייסט?" איך צי אַרויף מײַן רעקל און וואַרף אַ בליק אויף מײַן רעכטן אַרבל. דאָרט איז אַ שוואַרצער אָרעמ־באַנד. „דו ווײסט עס טראָגן אַ גאַנץ יאָר ווי אַ צייכן פון טרויער נאָך דער מאַמען — האָט מיר געזאָגט דער טאַטע, ווען ער האָט צוגענייט דעם אָרעמבאַנד. קוק איך אויף דעם און פיל, ווי עס פאַר־קלעמט מיר בײַם האַרצן, אָבער גלײַכצײַטיק פיל איך אַ מין דער־הויבנקייט. קיינער טראָגט נישט קיין שוואַרצן אָרעמבאַנד, בלויז איך איינער. ישׂראליק, ווען ער דערזעט דעם אָרעמבאַנד, שטעלט אויס אויף מיר אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן, גלײַך איך וואָלט געקומען פון יענער וועלט.

— וואָס איז דאָס, מאירקע?

— וואָס הייסט, ווייסטו דען נישט, אַז מײַן מאַמעשי איז געשטאָרבן? דאָס איז אַ צייכן פון טרויער. דער טאַטע האָט עס אַליין צוגענייט.

גייען מיר ביידע, און ישׂראליק קוקט אויף מײַן שוואַרצן אָרעמ־באַנד. און איך קוק מיט איין אויג כּדי זען ווי ער קוקט. געקומען אין שול, נעמט ישׂראליק זיך שושקען מיט אַנדערע ייִנגלעך און מיר דאַכט זיך, אַז אַלע קוקן אויף מיר און מײַן שוואַרצן אָרעמ־באַנד. באַלד גייט צו צו מיר שׂרהלע קאַץ און זאָגט מיט אַ געבראָ־כענער שטים:

— געהערט, אַז דײַן מאַמעשי איז געשטאָרבן. עס טוט מיר אַזוי לײַד פאַר דיר, מאירקע. — דערבײַ גלעט זי מיט אירע דינע פינגער מײַן שוואַרצן אָרעמבאַנד. מיר ווילט זיך אויך איר אַ גלעט טאָן — איבערן פּנים, איבער די האָר. נאָר איך זע אַ סך אויגן, וואָס זענען אַנגעשטעלט אויף אונדז ביידן. נעם איך זי פאַר דער האַנט, שׂרהלען, און מיר גייען אַרײַן אין קלאַס.

הײַנט איז די ערשטע לעקציע פּויליש. ווי שטענדיק פאַר אַ פּויליש־לעקציע קלאַפּט בײַ מיר שטאַרקער דאָס האַרץ. כ'האָב מורא פאַר אַ שריפטלעכער אַרבעט, ווײַל שטענדיק כאַפּן זיך אַרײַן בײַ מיר גרײַזן, און די לערערין איז אַ שטרענגע. איך רעד

מיט גרייזן אויך. כּמעט אַזוי ווי יאַנעק דעם סטרוזשס רעדט יידיש. מיט לייענען איז דערקעגן בעסער. אָבער כּמעט שטענדיק, ווען עס קומט צום לייענען, רופט מיך די לערערין נישט אַרויס. מיר דאַכט זיך, אַז די לערערין קעסלער האָט אויף מיר אַ בייז אויג. ביי איר געהער איך נישט צו די בעסטע שילערס, ווי ביי אַנדערע לערערס. פאַר וואָס זשע איז זי בייז אויף מיר? איז עס דען מיין שולד?

אַריינגעקומען אין קלאַס, גיט די לערערין קעסלער גלייך אַ זאָג: „היינט וועלן מיר לייענען אויף אויסנווייניק סלאָוואַצקיס פּאָעמע „אויטשעץ זאַדזשומיאָניך" (דער פֿאָטער פון די פּאַר־פּעסטעטע). ווער וויל זיין דער ערשטער?" עס הייבן זיך אויף נישט דרייסט עטלעכע הענט. איך פיל כּמעט נישט, ווי מיין האַנט הייבט זיך אויך אויף. מיר ווילט זיך גראָד זיין פון די ערשטע, ווייל אויסגעלערנט האָב איך בלויז די ערשטע עטלעכע פּערזן. און אָט הער איך דער לערערינס קול, ווי עס וואָלט דערגאַנגען צו מיר פון ערגעץ ווייט, וויַיט, הגם זי שטייט בלויז עטלעכע טריט פון מיין באַנק: „מאַירקע לעווין איז היינט אין טרויער און אויב ער וויל פאַרלייענען, טאָ זאָל ער".

איך שטעל זיך אויף. מיט אַ געדעמפּטער שטים, ווי די ווערטער וואָלטן געקומען גלייך פון מיין האַרץ, און קוים זיך דורכגעשלאָגן דורכן האַלדז, הייב איך אָן:

"דריי מאָל ט'זיך די גאָלדענע לבנה געביטן.
זינט כ'האָב מיין בויד געשטעלט אויף די זאַמדן אין מיטן..."

און איך זע פאַר זיך דעם אומגליקלעכן פאָטער, וועלכער האָט צעשטעלט זיינע געצעלטן אויף די הייסע מידבר־זאַמדן און די שרעקלעכע פּעסט האָט ביי אים אַוועקגענומען זיין פרוי, דריי זין און דריי טעכטער. איך לייען און טרערן גיסן זיך מיר פון די אויגן. אַ טרויעריקע פּאָעמע, און אויך מיר איז טרויעריק. איך הער קוים ווי די לערערין זאָגט: „גענוג". זעץ איך זיך צוריק אויף מיין פּלאַץ און ווידער וואַרף איך אַ בליק אויף מיין שוואַרצן אַרעמבאַנד.

פאַרליבט...

שטיל, שטיל קלאַפּט דער האַמער און מיר דאַכט, אַז דער אָפּהילך פון די קלעפּ דערגייט זייער ווײַט, כאַטש איך האַלט אים, דעם האַמער, שטאַרק פאַרקוועטשט אין מײַנע שטײַפע פינגער. צוזאַמען מיט דעם ווײַטן אָפּהילך דערגייט צו מיר אויך אַ האַלב־באַקאַנטע, האַלב־אומבאַקאַנטע שטים, גלײַך זי וואָלט קומען פון הינטער די וואָלקנס, אָדער גאָר פון יענער זײַט וואַלד. ביסלעכווײַז ווערט מיר קלאָר — דאָס רעדט דער לערער זײַד, איך דערקען בפירוש זײַן קול — ווייך און אַ ביסל ווי הייזעריק:

— פאַרזיכטיק, מאירקע — זאָגט ער מיט אַ שמייכל — קלאַפּ נישט אין די פינגער שטאָט אין די נעגל.

איך ענטפער נישט קיין וואָרט, בין פאַרנומען מיט מײַן אַרבעט פונקט ווי אַלע אַרום אינעם קלאַס. מיר גרייטן זיך צו דער שלום־עליכם־אויסשטעלונג. באַלד וועלן מיר שוין פאַרטיק זײַן מיט טביהס וואָגן און די מילכקאַנען. אַ ביסל שוועריקייטן פאַרשאַפט דאָס צושלאָגן די רייפן צו די רעדער און פאַרפעסטיקן זיי אויף די אַקסן. אויך די כאַטע טביהס איז שוין כמעט אַרויסגעענדיקט. נאָך געבליבן אַרויפציִען דעם דאַך מיטן קוימען. אין דער זײַט שטייט שוין דער ברונעם און איבער אים, אײַנגעבויגן, טביהס טאָכטער האָדל, וואָס שטרעקט אויס איר האַנט צום עמער, אַ זילבערדיק גלאַנציקן און פול מיט וואַסער. טביה אַליין שטייט לעבן וואָגן מיטן בײַטשל אין האַנט און טענהט זיך אויס מיט פערטשיקן, האָדלס באַשערטן.

לכתחילה האָט דער לערער זײַד געוואָלט איך זאָל אויסקלעפּן פון ליים טביהס געשטאַלט, לויט דער צייכענונג אין אַ בוך וואָס ער האָט ספּעציעל געבראַכט פון ביבליאָטעק. אָבער מיר ווילט זיך בעסער אַרבעטן מיט ברעטער, האַמער און נעגל. עס פּאַסט מער פאַר אַ יינגל. אַזוי זאָגט מײַן חבר „ישׂראליק מיטן קראָליק״, און

איך בין מסכּים מיט אים. האָב איך געפּועלט בײַם לערער ער זאָל מיך לאָזן אַרבעטן בײַם וואָגן. דאָ פֿיל איך זיך ווי אַ פֿיש אין וואַסער, הגם ישׂראליק איז פֿלינקער מיטן האַמער ווי איך. גענוג פֿאַר אים צוויי, דרײַ קלעפּ און שוין איז דער נאָגל דאָרט ווו ער באַדאַרף צו זײַן. מיר נעמט עס אַ סך לענגער, נאָר דאָס פֿאַרקלע־נערט נישט אויף קיין האָר מײַן שטאָלץ. איין זאַך בלויז ערגערט מיך: צוזאַמען מיט אונדז אַרבעט בײַם וואָגן רייזעלע, און שוין עטלעכע וואָכן ווי מיר זענען מיט איר ברוגז. ווײַזט אויס, אַז דער לערער זײַד האָט עס באַמערקט און דערפֿאַר טאַקע האָט ער אונדז אַוועקגעשטעלט צוזאַמען אַרבעטן בײַם וואָגן.

עס איז געווען אַ וואַרעמער פֿרילינג־פֿרימאָרגן, ווען מיר האָבן זיך אַלע, דער גאַנצער קלאַס, פֿאַרזאַמלט אינעם טראַוגוט־פֿאַרק אויף מאַיאָווקע. פֿון דער זײַט זענען די היגלען פֿונעם ציטאַדעל, די פֿעסטונג וואָס איז אײַנגעהילט אין העל־גרויען טוי, וועלכער הייבט זיך ביסלעכווײַז אַרויס איבערן גרין און טראָגט זיך אַוועק אַלץ העכער און העכער אַזש ביז צום הימל, וואָס פֿאַרשלינגט אים אין זײַן בלויקייט. פֿון אַהינטער די היגלען, ווו עס זענען פֿאַרגראָבן אומצאָליקע סודות און אומהיימלעכע שאָטנס וואַנדערן אַרום אין די לאַנגע אונטערערדישע קאָרידאָרן, דערטראָגט זיך אַ קיל ווינטל, וואָס קומט אַהער צו גלײַך פֿונעם ווײַסל־ברעג און דו קאָנסט פֿילן אויפֿן פּנים דעם פֿײַכטן גלעט פֿון די געראונצלטע כוואַליעס.

חבֿרה איז זיך צעלאָפֿן איבער אַלע ווינקלען פֿונעם גרויסן פּלאַץ. טייל שפּילן אין האַנטבאָל, אַנדערע אין „צוויי פֿײַערן” און נאָך אַנדערע שטייען אָדער זיצן גרופּעסווײַז און שמועסן. איך שטיי לעבן איינער אַ גרופּע, ווו דער אינסטרוקטאָר פֿון די יונגע באָראָכאָוויסטן רעדט וועגן די קיבוצים אין ארץ־ישׂראל, וועגן קאַמף פֿאַר ערד אינעם אוראַלטן ייִדישן לאַנד. ער איז נישט לאַנג צוריק געקומען פֿון דאָרט. זײַן פּנים איז פֿאַרברוינט פֿון דער הייסער ארץ־ישׂראל־זון, די אויגן וואָס אונטערן שאַרף־קאַנטיקן שטערן לײַכטן, דאַכט זיך, מיט די שײַטער־פֿײַערן פֿונעם בײַנאַכטיקן

מידבר, און אויך זײַן טיף־ברוסטיקע שטים דערמאָנט אין יענעם ווײַט־נאָענטן לאַנד. איך הער זיך צו, ווי אַלע, מיט גרויס אינ־טערעס, אָבער טראַכטן טראַכט איך גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. פאַר מײַנע אויגן שטייט איצט חיהלע שטילמאַן און איר ווײַנענ־דיקע מאַמע, איך זע די אָנגעוואָרפענע שטוב־חפצים אינעם הויף און ישׂראליק חזרט איבער אָן אויפהער: „עקסמיסיע. נאַרעלע, דו ווייסט נישט וואָס עס איז עקסמיסיע... עקסמיסיע... עקסמיסיע..."
איך וויל שוין איבעררײַסן דעם אינסטרוקטאָרס רייד און אים פרעגן וואָס איז מכוח קאַמף קעגן אומרעכט אָט־אָ־דאָ, בײַ אונדז אין דער היים. וועגן דעם הער איך זייער אָפט רעדן אין מײַן אָרגאַ־ניזאַציע און איך ברען ממש מיט באַגער צו קעמפן... נאָר מײַנע געדאַנקען רײַסט איבער ישׂראליק.

מײַן חבר האַלט אין האַנט אַ לאַנגן שטעקן און מאַכט מיט אים אומפאַרשטענדלעכע צייכנס אין מײַן ריכטונג, דערבײַ ווינקט ער צו מיר מיט איין אויג. איך פאַרשטיי — ער רופט מיך. און אַז ישׂראליק רופט, דאַרף מען גיין. פאַרגעס איך שוין אינעם „יונג־באָר"־אינסטרוקטאָר, אין די ארץ־ישׂראלדיקע קיבוצים, אינעם קאַמף פאַר ערד און אין קאַמף אין דער היים, אויך דאָס בילד פון חיהלע שטילמאַן און איר וויינענדיקע מאַמע פאַרשווינדט ערגעץ צווישן די ביימער פונעם פאַרק.

— מאירקע — זאָגט ישׂראליק מיט אַ שעלמישן שמייכל און ווײַזט מיטן שטעקן אין דער ריכטונג ווו רייזעלע שטייט איינע אַליין אַ פאַרקלערטע, פאַרקוקט אין אַ פאַרביק זומער־פייגעלע. וואָס פלאַטערט אַרום צווישן די בלומען — מאירקע, לאָמיר זי אַ הייב טאָן...

איך טראַכט נישט קיין סך און לאָז זיך נאָך אים.

— דו גיי פאָרויס — זאָגט ישׂראליק — איך האַלט דעם שטעקן.

באַלד בין איך לעבן רייזעלען, און איידער וואָס ווען, זע איך שוין דעם שטעקן צווישן אירע פיס, גיב אים אַ כאַפּ מיט ביידע הענט, פון הינטן ישׂראליק, פון פאָרנט איך, און מיר טראָגן

רייזעלען אַרום דעם פּלאַץ, ווי אַ פּרינצעסין אין אַ קאַרעטע. אַלע אַרום קײַכן פון געלעכטער און אונדזער פּרינצעסין שרײַט, גוואַל־דעוועט: „לאָזט מיך, לאָזט מיך, ווי שעמט איר זיך נישט!..." לסוף הייבט זי אָן וויינען.

איך האָב אָפּגעלאָזט דעם שטעקן. רייזעלע איז אַוועקגעלאָפן אין אַ זײַט און נאָך לאַנג, לאַנג געוויינט. כ׳בין צוגעגאַנגען צו איר, געפּרוּווט זי טרייסטן: „ס׳איז דאָך נאָר אַ שפּאַס, רייזעלע..." נאָר זי טרײַבט מיך פון זיך: „דו גיי שפּאַס מיט דײַנס גלײַכן. גיי אַוועק און רעד נישט מער צו מיר..."

הייסט עס — ברוגז.

נאָך וואָס, נאָך וואָס האָב איך זיך געלאָזט צורעדן?... ישׂראליק האָט שטענדיק ווילדע אײַנפאַלן און איך האָב געדאַרפט טראַכטן דערוועגן פריִער. אמת, בײַ אונדז אין דער אָרגאַניזאַציע זאָגט מען, אַז אַלע זענען גלײַך, יִינגלעך, מיידלעך... אָבער דאָ איז דאָך עפּעס אַנדערש. אַ שטעקן צווישן די פיס?! זי איז דאָך פאָרט אַ מיידל...

טעג און נעכט טראַכט איך וועגן רייזעלען, ווי אַזוי זי איבער־בעטן. דערקלערן איר, אַז עס איז נישט מײַן שולד, אַז דאָס האָט ישׂראליק פאַרטראַכט די גאַנצע גראַנדע און איך האָב זיך געלאָזט אין דעם אַרײַנציִען קעגן מײַן ווילן, איז סתּם נישט שיין. ערשטנס, וועט עס פאַרמינערן מײַן ווערט אין אירע אויגן, און צווייטנס, וועט עס אויסזען ווי אַ מסירה. קיין ערגערע זאַך ווי מסרן איז גאָר אין לעבן נישטאָ. אַזוי לערנט מען אונדז אין דער אָרגאַניזאַציע. אין שול אויך. איז אפשר צוגיין צו איר פּראָסט און פּשוט און זאָגן: „זײַ מיר מוחל, כ׳האָב אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט, נישט גע־טראַכט דערוועגן פריִער. כ׳האָב דיר נישט געוואָלט ווײי טאָן, רייזעלע, גלייב מיר, ערן וואָרט, כ׳האָב נישט געוואָלט..." איז ווי וועט זײַן, אַז זי וועט זיך אויסדרייען צו מיר מיטן רוקן און איבער־חזרן די זעלבע ווערטער, ווי דעמאָלט אין פּאַרק: „גיי אַוועק, רעד נישט מער צו מיר..."

און מיר ווילט זיך גראָד רעדן צו איר. עפּעס זעט זי מיר איצט אויס, רייזעלע, שענער און קליגער ווי פריִער. כ׳האָב קיין מאָל

פריִער נישט באַמערקט אין אירע אויגן דעם שטיפֿעדישן און צו מאָל אַרויסרופֿערישן גלאַנץ, וועלכן איך זע איצט, בעת איך וואַרף אויף איר באַהאַלטענע בליקן. און די קליינע עפּעלעך וואָס באַוועגן זיך הינטער דער בלוזקע, גלײַך זיי וואָלטן וועלן אַרויסשפּרינגען פֿון דאָרט, זענען אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. נישט אַלע מיידלעך אין קלאַס קאָנען זיך מיט דעם באַווײַזן... אויך די צעפּלעך זענען בײַ איר איצט אויס אַנדערש ווי פֿריִער. יעדן טאָג אַנדערע פֿאַרביקע בענדלעך אַרײַנגעפֿלאָכטן אין די האָר, און זיי וואַרפֿן זיך הין און צוריק גלײַך זיי וואָלטן רופֿן צו זיך. בלויז מיך, און נישט קיין אַנדערן. איך זיץ אין קלאַס איין באַנק הינטער רייזעלען און מיר ווילט זיך אָפּט אויסשטרעקן די האַנט, אַ שפּיל טאָן זיך מיט די צעפּלעך, אַראָפּרײַסן אַ בענדל און באַהאַלטן עס פֿאַר אַן אָנדענק. נאָר באַלד כאַפּ איך זיך: מער וואָלט מיר נישט געפֿעלט. נאָכן שטעקן — אַ בענדל...

ביסלעכווײַז הייבט זיך מיר אָן אויסדאַכטן, אַז איך בין גאָר פֿאַרליבט אין רייזעלען. און מיר ווילט זיך איר זאָגן וועגן דעם. אָבער ווי אַזוי? סתּם צוגיין צו איר און זאָגן: „רייזעלע, איך האָב דיך ליב" — וועט זי זיך אַוודאי אויסלאַכן. און חוץ דעם איז זי דאָך ברוגז מיט מיר. פֿאַרלייגן איר מײַן הילף אין דער אַרבעט בײַם וואָגן, וועט זי מיינען אַז איך וויל זיך אונטערחנפֿענען. איז ווידער נישט גוט. וואָס זשע טוט מען, וואָס טוט מען? פֿאַרטרויען זיך פֿאַר עמעצן, זוכן אַן עצה? אָ, דאָס נישט! נאָר נישט דאָס...

גיי איך אַרום און רעד צו זיך אַליין. דאָס הייסט, אייגנטלעך, רעד איך צו רייזעלען, נאָר זי איז ערגעץ ווײַט און הערט נישט מײַנע רייד. טשיקאַווע, ווען זי וואָלט זיי געהערט, וואָס וואָלט זי געענטפֿערט?

— רייזעלע — זאָג איך — פֿון זינט דו ביסט ברוגז געוואָרן מיט מיר האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דו ביסט אַנדערש פֿון די איבעריקע מיידלעך. דו ביסט אַזאַ שטאָלצע, אַ קלוגע און שענער פֿון אַלע אַנדערע. פֿריִער האָב איך עס גאָר נישט באַמערקט... ווען איך קוק אויף דיר אין קלאַס, צי אין גאַס, ווען מיר גייען

אַהיים פון שול, נעמט מײַן האַרץ קלאַפּן האַסטיקער, גלײַך אָט, אָט וועט עס אַרויספּליִען פון ברוסט. פאַרשטייסט? איך האָב דיך ליב, רייזעלע...

נאָך אַזאַ אַרײַנפיר נעם איך זי פאַר דער האַנט און מיר ווערט אַזוי וואַרעם, גוט אויפן האַרצן. מיר שפּאַצירן צוזאַמען דורך די רוישיקע גאַסן, נאָר מיר זעען נישט קיינעם און קיינער זעט אונדז נישט. בלויז איך און רייזעלע. און אָט איז די שטאָט הינטער אונדז. גרינע פעלדער און וועלדער קומען אונדז אַנטקעגן, אַ רויטע זון צינדט אָן דעם האָריזאָנט און זעצט זיך פּאַמעלעך הינטער די ביימערקרוינען. איך קוק אויף רייזעלען און זע ווי די רויטקייט שפּיגלט זיך אין איר פּנים. דריק איך שטאַרקער איר האַנט און פאַרפאַרעם מײַנע ליפּן אויף דער רויטקייט, נאָר פּלוצעם דערפיל איך אַ פײַכטקייט אויף רייזעלעס באַקן. פון אירע גרויסע ברוינע אויגן רינען טרערן.

— דו וויינסט, רייזעלע, פאַר וואָס?

— איך ווייס אַליין נישט — זאָגט זי — עס איז מיר אַזוי גוט. כ'וואָלט וועלן, אַז שטענדיק זאָל אַזוי זײַן...

איך וואָלט אויך וועלן. נאָר דאָס זענען בלויז חלומות.

אין גרויסן שולזאַל, וווּ מיר פאַרברענגען בעת די פּויזעס צווישן איין לעקציע און דער צווייטער, שטייט אין אַ ווינקל בײַ דער וואַנט לעבן פענצטער אונדזער „קאָאָפּעראַטיוו" — אַ לאַנגער טיש און אויף אים: העפטן, בלײַפעדערס, פאַרבן און פענדזלען, מעקערס, צייכן־פּאַפּיר, פעדער־האַלטערס, סטאַלקעס און אַנדערע נייטיקע קלייניקייטן. יעדן טאָג איז עמעץ אַנדערש דעזשורנע־פאַרקויפער. איך ווייס — הײַנט איז רייזעלעס ריי, איר נאָמען איז אין דער רשימה, וואָס איז אַרויסגעהאָנגען בײַם אַרײַנגאַנג אין זאַל. איז גוט, איך וועל קויפן אַ בלײַפעדער. דאַרפן, דאַרף איך עס נישט, איך האָב אַ פּיורניק מיט פאַרשיידנקאָליריקע בלײַפע־דערס, אָבער עס וועט זײַן אַ געלעגנהייט אויסצורעדן כאָטש אַ פּאָר ווערטער מיט מײַן ברוגזער חברטע, וועגן וועמען איך הער

נישט אויף טראַכטן בײַ טאָג און בײַ נאַכט. אויב נישט אַ פּאָר ווערטער, איז כאָטש אײַן וואָרט. אפשר וועט זי צו מיר אַ שמייכל טאָן...

שטיי איך אין דער ריי צום „קאָאָפּעראַטיוו" און קאָן זיך נישט דערוואַרטן. עפּעס איז הײַנט די ריי לענגער ווי שטענדיק. אַלעמען האָט זיך גראָד הײַנט פאַרוואָלט קויפן. און עס דויערט אַזוי לאַנג. וואָס מער איך דערנענטער זיך צום טיש מיט דער אויסגעלייגטער „סחורה", אַלץ האַסטיקער נעמט קלאַפּן מײַן האַרץ. צייל איך דערווײַלע די עטלעכע גראָשנס, וואָס אין קעשענע בײַ מיר, ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל, גלײַך דאָס וואָלט מיך געקאָנט באַרויִקן. איך ווייס, אַז כ'האָב דאָרט פינף איינצלנע גראָשנס און דאָס איז אַקוראַט וואָס איך דאַרף אויף צו קויפן די בלײַפעדער, און דאָך הער איך נישט אויף צו ציילן.

ענדלעך זיך דערוואָרט. בלויז איין קויפער איז פאַר מיר, און נאָך אים בלײַב איך אַליין, אויג אויף אויג מיט רייזעלען. יענער האַלט אָבער אין איין איבערקלײַבן. דאָ געפעלט אים נישט דער העפט, וואָס רייזעלע האָט אים דערלאַנגט, דאָ וויל ער אַנדערע פאַרבן. רייזעלע האָט מיך, דאַכט זיך, באַמערקט הינטער די פּלייצעס פון איר קונה, און איך זע ווי זי רויטלט זיך. און אפשר דאַכט זיך מיר בלויז אַזוי. אויך מיר ווערט היים אין אַלע אברים. פּלוצעם גיט זי זיך אַ בייג איבער דעם טיש און אירע צעפּלעך פאַרוואַרפן זיך אויף פאָרויס. פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך איר לאַנגער האַלדז און אויף אים — גרויע, זיגזאַגיקע ליניעס מיט שוואַרצע פּינטעלעך, ווי אין אַ נעץ. איר האַלדז איז שמוציק, נישט געוואַשן... רייזעלעס האַלדז איז שמוציק! ווײ, ווײ... און דאָס איז דאָס זעלבע מיידל וואָס האָט באַהערשט אַלע מײַנע געדאַנקען זינט זי איז ברוגז געוואָרן מיט מיר...

אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיך פון קאָפּ ביז די פיס. אוים רייזעלע, אוים ליבע. ווי קאָן זײַן ליבע צו אַ נישט געוואַשענעם האַלדז... און בכלל, זי פאַררײַסט צו פיל איר נאָז, רייזעלע. ווי האָב איך עס פריִער נישט באַמערקט? איינס און צוויי גיב איך

זיך אַ קער אַוועק פונעם „קאָאָפּעראַטיוו"־טיש, ווי בגנבה, און באַהאַלט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל מיט מײַנע אומרויִקע געדאַנקען. פון דער ווײַטנס אָבסערווּיר איך נאָך אַלץ רייזעלען און זע ווי אירע אויגן וואַנדערן אַרום איבערן זאַל. זי זוכט מיך אַוודאי, נאָר פאַר מיר עקסיסטירט זי נישט מער. געווען אַ רייזעלע און נישטאָ מער, איך פיל ווי אַ שטיין וואָלט מיר אַראָפּ פון האַרצן.

אונדזער טביה

די צוגרייטונגען צו דער שלום-עליכם-אויסשטעלונג זענען שוין פון לאַנג פֿאַרענדיקט. אָוועקגעשיקט אונדזערע עקספּאָנאַטן אין דער שול-צענטראַלע, וואַרטן מיר מיט אומגעדולד אויף אַן ענטפֿער צי מען האָט זיי אָנגענומען, צי נישט ; צי מען וועט זיי ווײַזן אויף דער אויסשטעלונג, אונדזערע עקספּאָנאַטן, איבער וועלכע מיר האָבן אַזוי שווער געאַרבעט. לאַנג געוואַרט און לסוף זיך דער־וואַרט. דער לערער זײַד איז אַרײַן אין קלאַס מער אויפֿגעלייגט ווי שטענדיק. אויף זײַן פּנים צייכנט זיך אַ צופֿרידענער שמייכל, און נאָך איידער ער רופֿט אויס אונדזערע נעמען פֿונעם קלאַסזשורנאַל, כּדי קאָנטראָלירן צי אַלע זענען אָנוועזנדיק, הער איך ווי ער וואָלט געמאָלדן :

— קינדער, אונדזער טביה איז אָנגענומען געוואָרן.

מיר ענטפֿערן מיט אַ הורא. דער לערער באַרויִקט אונדז און דערקלערט, אַז די אויסשטעלונג וועט זיך עפֿענען אין אייניקע וואָכן אַרום און צו דער דערעפֿענונג וועלן מיר גיין אַלע צוזאַמען.

דורכן געלעזערנעם דאַך וואָס באַדעקט דעם לאַנגן הויף שײַנט אַרײַן, ווי דורך אַ וואָאַל, די פֿרי-ווינטערדיקע זון און איר אָפּשײַן וואַרפֿט בלוילעכע שאָטנס אויף די ווענט. אין דרויסן פֿאַלט אַ שניי, נאָר דאָ פֿילט מען נישט די קעלט, דאָך טופּען מיר מיט די פֿיס כּדי זיך דערוואַרעמען. ביז מען וועט עפֿענען דעם אויסשטע־לונג-זאַל און אַרײַנלאָזן די פֿאַרזאַמלטע אין הויף וועט נאָך נעמען אַ שטיקל צײַט. שטייען מיר, אַלע קינדער פֿון אונדזער קלאַס, אויסגעשטעלט אין צווייען לעבן דער וואַנט און וואַרטן מיט אומגעדולד. אַנטקעגן אונדז, בײַ דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, שטייען שילערס פֿון דער מעדעם-שול. אויך זיי וואַרטן מיט אומ־געדולד. צווישן אונדז איז אַן עולם דערוואַקסענע. מען שטופּט

זיך אהער און אהין, יעדער וויל זײַן דער ערשטער בײַם אַרײַנגאַנג. וואָס שטופּן זיי זיך אַזוי — טראַכט איך — די באַן גייט דאָך נישט אַוועק...

דערווײַלע דערהערט זיך פון יענער זײַט, ווו עס שטייען די שילערס פון דער מעדעם־שול, אַ הילכיק געזאַנג. די ווערטער פונעם שולהימען צעטראָגן זיך אין אַלע זײַטן פון הויף און גרייכן אַזש צום גלעזערנעם דאַך און ווײַטער, דאַכט זיך, אַזש ביז צו דער זון:

נישט פון גאָלד איז די יִדישע שול,
אונדזער שול, אונדזער שול!
נאָר ווי גאָלד איז די פּראַכט, וואָס פאַרבלענדט
אונדזער שול, אונדזער שול.

מיר כאַפּן אונטער דאָס געזאַנג. איז עס דאָך אונדזער שול־הימען גלײַך ווי זייערער. נאָר ווען עס קומט צום רעפריין, הייבט זיך אָן אַ קריגערײַ. יענע זינגען:

ווײַל די שול, **אונדזער** שול,
ווײַל די שול, **אונדזער** שול,
איז די אַרבעטער־שול.

און מיר:

ווײַל די שול, **באָראָכאָוו**־שול,
ווײַל די שול, **באָראָכאָוו**־שול,
איז די אַרבעטער־שול.

אַן אונטערשייד אין איין וואָרט בלויז — „אונדזער" שול און „באָראָכאָוו"־שול, נאָר יעדן פון אונדז דאַכט זיך, אַז צווישן די דאָזיקע ווערטער ליגט אַ תּהום נישט צום אַריבערשפּרינגען. „אונדזער" שול — דאָס איז זייער שול, די בונדישע. „באָראָכאָוו"־שול — דאָס איז אונדזערע, פון פּועלי־ציון... געניי דעם אונטערשייד צווישן בונד און פּועלי־ציון ווייסן מיר נישט. אונדז איז גענוג, אַז בונד איז קעגן פּאַלעסטינע, און מיר זענען — פאַר. פּרווון מיר איבער־

שרײַען אײנע די אַנדערע: אונדזער שול! באַראָכאָװ־שול! אונד־זער שול! באַראָכאָװ־שול!...

אַזױ שרײַענדיק, קוק איך זיך איבער מיט מײַן חבר „ישׂראליק מיטן קראָליק”. דאַכט זיך, אַז מיר טראַכטן בײדע דאָס זעלבע: נאָך װאָס דאָס געשרײ? מיר האָבן דאָך שױן מיט אַ צײַט צוריק זיך אױסגעשריבן פֿון די באַראָכאָװיסטן און אַװעק צו דער אמתער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע װאָס קעמפֿט פֿאַר רעװאָלוציע. װאָס אַרט עס דען אונדז, װאָס גײט עס אונדז אָן דער גאַנצער טומל? און דאָך זינגען מיר מיט, און דאָך שרײַען מיר. איך פֿיל עפּעס אַ מאָדנע װאַרעמקײט, װען איך רוף אױס אין כאָר — „װײַל די שול, באַראָכאָװ־שול, איז די אַרבעטער־שול...” ישׂראליק פֿילט אַװדאי דאָס זעלבע. עס איז דאָך אונדזער שול, װעגן װעלכער מיר זינגען; אונדזערע לערערס װאָס װײַזן אונדז אַרום אַזױ פֿיל ליב־שאַפֿט; די יאָרן פֿאַרבראַכטע צוזאַמען. יענע, די שילערס פֿון דער מעדעם־שול פֿילן אױך מסתּמא דאָס זעלבע.

דאָס געזאַנג װערט איבערגעריסן װען די טירן פֿונעם אױס־שטעלונג־זאַל עפֿענען זיך און דער עולם, װי אַ כװאַליע, גיט זיך אַ װיג אין יענער ריכטונג. בײַם אַרײַנגאַנג שטײען צװײ אָרדענערס און זײ פֿאַרהאַלטן דעם עולם.

— צו ערשט די קינדער — זאָגט אײנער פֿון זײ.

באַלד עפֿנט זיך אַ שמאָלער קאָרידאָר און מען לאָזט אונדז דורך. אַ ליכטיקײט צוזאַמען מיט אַ געמיטלעכער װאַרעמקײט גיט אַ שלאָג אין פּנים װען איך טרעט אַריבער די שװעל. אױף דער װאַנט אַנטקעגן איבער דעם אַרײַנגאַנג הענגט אַ גרױסער פּאָרט־רעט פֿון שלום־עליכם און זײַנע שמײכלענדיקע אױגן באַגריסן, דאַכט זיך, יעדן אײנעם װאָס דערנענטערט זיך צו אים. אין צענ־טער, אױף אַ ברײטן טיש, שטײט אונדזער טביה מיטן װאָגן און פֿערד, מיט דער כאַטע און ברונעם, און דערבײַ האָדל מיט פּערטשי־קן, און גאָלדע סערדצע קוקט אַרױס דורכן קלײנעם פֿענצטערל — אַלץ אַזױ װי מיר האָבן אױסגעקלעפּט און אױסגעהאַמערט אין שול. אױף די װענט — פֿאַרשײדענע צײכענונגען און בילדער גע־

מאָלן דורך קינדער פֿון אַנדערע שולן. אָט איז מנחם־מענדל מיט אַ קאַפּעליוש אויפֿן קאָפּ און אַ שירעם אין האַנט; אָט איז סטעמ־פעניו מיט זײַן קאַפּעליע; און אָט איז דער פֿאַרכּישופֿטער שנײַדער שמעון־עליע שמע קולני מיט דער ציג וואָס ער האָט אײַנגע־האַנדלט אין קאַזאַדאָיעווקע...

איך גיי אַרום פֿון איין וואַנט צו דער צווייטער און קאָן נישט אָפּרײַסן די אויגן פֿון די פֿאַרביקע מאָלערײַען, וואָס דערציילן וועגן אַ נאָענט־ווײַטער וועלט, פֿון וועלכער איך בין אַ טייל, וועלכע איז מיר אייגן פּונקט ווי מײַן שטוב, ווי מײַן הויף, ווי מײַן גאַס, ווי מײַן שול. פֿון גרויסן זאַל פֿאַרבלאָנדזשע איך אין אַ זײַטיקן, קלע־נערן זאַל, אַ ביסל אַ פֿאַרטונקלטן, ווו אויף דער פֿאָדליגע איז אויסגעמאָלן אַ בלויער טײַך און אין אים איז אַ יינגל מיט אַ קײַלעכדיק היטל און שמאָלן דאַשעק אויפֿן קאָפּ, ער האַלט אין ביידע הענט זײַן העמד און... כאַפּט פֿיש. אַהאַ, איך האָב אים גלײַך דערקענט מאָטל פּייסי דעם חזנס. באַגעגנט מאָטלען, קאָן איך זיך נישט אײַנהאַלטן און גיב אים אַ פֿרעג:

— מאָטל, ווו איז דײַן ברודער עליע?

איך זע בפּירוש ווי ער קערט אָפּ דעם קאָפּ אין מײַן זײַט, קוקט אויף מיר אַ ווײַלע פֿאַרחידושט און ענטפֿערט מיט אַ שטיפֿערישן שמייכל:

— עליע? ער מאַכט טינט...

— און איך האָב געמיינט, אַז ער דאַרף דאָ זײַן מיט דיר.

— אָ, ער איז געווען, עליע. געוויזן מיר ווי צו כאַפּן פֿיש און איז אַוועק. פֿון זינט מיר זענען געוואָרן יתומים איז ער שטענדיק פֿאַרנומען. און איך בין אויך פֿאַרנומען.

נאָך די לעצטע ווערטער דרייט ער זיך צוריק אויס, מאָטל, און מאַכט עטלעכע טריט טיפֿער אינעם וואַסער. נאָר איך לאָז נישט אָפּ:

— מאָטל, איז דיר טאַקע גוט וואָס דו ביסט אַ יתום? אָט איז מײַן מאַמע געשטאָרבן נישט לאַנג צוריק, און איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפֿינען. מיר איז אַזוי שלעכט, מאָטל.

— און דו מיינסט טאַקע, אַז מיר איז גוט? — זאָגט מאָטל און דרייט אַפילו נישט אוים דעם קאָפּ אין מײַן ריכטונג. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער נאַסער האַנט איבער די אויגן, גלײַך ער וואָלט וועלן אויסווישן אַ טרער.

וויל איך אים מער נישט ערגערן, מאָטלען. פונעם בלויען טײַך גיי איך אַריבער גלײַך קיין כּתרילעווקע מיט די קליינע הײַזקעס און קרומע דעכער, ווו ייִדענעס, אײַנגעהילטע אין פּאַטשיילעס זיצן אויף פּריזבעס און שמועסן צווישן זיך, און אויף די שמאָלע גאַסן שטייען גרופּעסווײַז ייִדן אין שוואַרצע רעקלעך און אַרויסשטאַרצנ־דיקע ציצית, פּאָכענדיק מיט די הענט. אויפן ווײַטן האָריזאָנט הענגט אַ רויטע זון וואָס האַלט זיך שוין אין זעצן אונטער די גרינע בלעטער פון אַן איינזאַמען בוים.

דורכגעגאַנגען אַלע זאַלן, דערנענטער איך זיך צום אַרויסגאַנג, אונטערברומענדיק פאַר זיך אַליין די ווערטער פונעם שולהימען: „נישט פון גאָלד איז די ייִדישע שול, נאָר ווי גאָלד איז די פּראַכט וואָס פאַרבלענדט אונדזער שול...” פּלוצעם דערפיל איך ווי עמעצער רירט אָן מײַן אָרעם. איך גיב זיך אַ קער אין דער זײַט און... לעבן מיר איז רייזעלע.

— האָסט געזען, מאירקע — זאָגט זי מיט שטאָלץ — אונדזער טביה שטייט אין סאַמע צענטער.

— יאָ — ענטפער איך — אין סאַמע צענטער. — און גיי ווײַטער מײַן וועג.

ווּ נעמט מען געווער ?...

דער פאַרהאַנג איז אַראָפּגעלאָזט. אין זאַל איז שוין פינצטער, מען קאָן קוים זען דעם עולמס קעפּ, וואָס וויגן זיך ווי כוואַליעס פון אַן אויפגעשטורעמטן טײַך. באַלד דאַרף זיך אָנהייבן די פאָר־שטעלונג, אָבער פאַן אַנטאָני האָט פּאַרשפּעטיקט אויפצושטעלן די דעקאָראַציעס. עפּעס דאַרף ער נאָך צוקלאַפּן אַ ברעטל, פאַרריכטן אַ בענקל, און גראָד האָבן אים אויסגעפּעלט נעגל. איך קוק אַרום דורך אַ שפּאַרונע און זוך מײַן טאַטן, אָבער כ׳זע בלויז קעפּ און קעפּ. נאָר אָט רופט מיך דער לערער זײַד:

— מאַירקע, עס וועט נאָך נעמען אַ ווײַלע ביז מיר וועלן זײַן גרייט. גיי דערווײַלע אַרויס פאַרן פאַרהאַנג און זאָג דאָס ליד וואָס דו האָסט געזאָלט דעקלאַמירן שפּעטער.

מײַן האַרץ נעמט האַסטיק קלאַפּן. עס שרעקט מיך די פינצ־טערניש. בעת די פּראָבעס איז אַלע מאָל געווען ליכטיק אין זאַל, און דאָ — אַזאַ פינצטערניש, גלײַך איך וואָלט געשטאַנען פאַר אַ תהום. דאָס ליד וועגן יאַנקעלען האָב איך גראָד גוט אויסגע־לערנט אויף אויסנווייניק, נאָר איצט דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב אַלץ פאַרגעסן.

— לערער — זאָג איך — כ׳האָב מורא, ס׳איז אַזוי פינצטער...

דער לערער זײַד שמייכלט קוים צום באָמערקן און טרייסט מיך:

— נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן, מאַירקע, דו ביסט דאָך נישט קיין פּחדן.

ער נעמט מיך פאַר דער האַנט און פירט מיך אַרויס אין פראָנט פונעם פאַרהאַנג. איך הער אַ פּאַטשערײַ און מיט אַ מאָל ווערט שטיל. אַ טויטע שטילקייט. אַ רגע שטיי איך ווי פאַרלוירן, נאָר באַלד דערמאָן איך זיך די ווערטער פונעם ליד, און הייב אָן:

יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַרײַן,
יאַנקעלע וויל אַ יעגער זײַן,
שיסן וויל ער נאָר אַ בער,
ווּ נעמט מען געווער?

איידער איך באַווײַז אָנצוהייבן דעם צווייטן פערז פיל איך ווי עמעצער גיט מיר אַ שטויס אין רוקן און גלײַך פאַל איך אין אַ פינצטערן תּהום אַרײַן. איך הער אַ טומל, אַ געשריי און פון ערגעץ ווײַט דערטראָגן זיך, ווי אַן עכאָ, די ווערטער: „ווּ נעמט מען געווער, ווּ נעמט מען געווער?..."

„...ווּ נעמט מען געווער?" — ישׂראַליק חזרט איבער די דאָזיקע פראַגע שוין צום ווייפלטן מאָל. אין בונקער, ווּ מיר זיצן זאַלבע פינפט, ישׂראַליק, זײַן ברודער בערל, שמאַיאַ, שׂרהלע קאַץ און איך, ברענט אַ קאַנעצל וואָס באַלײַכט קוים אונדזערע פּנימער. ס'איז קאַלט. סוף אָקטאָבער. די גרויסע אַקציע אין געטאָ האָט זיך שוין געענדיקט. פון צווישן אונדזערע רייען זענען אַרויסגעריסן געוואָרן די בעסטע, די געטרײַעסטע און נאָענטסטע חברים. איצט נעמען זיך צוזאַמען די רעשטלעך — אויסגעהונגערטע, פאַר־מאַטערטע, אָבער נישט רעזיגנירטע. דורך וועגן און אומוועגן טראָגט זיך פונאַנדער די ידיעה, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, און — מען וועט שטעלן אַ ווידער־שטאַנד. „מיר דאַרפן, מיר מוזן זיך באַוואָפענען..."

נאָר ווּ נעמט מען געווער?

ישׂראַליק קוקט אויף די חברים מיט דעם גוט באַקאַנטן פײַערל אין זײַנע אויגן, און די חברים קוקן אויף איינאַנדער, גלײַך ווי יעדער וואָלט מורא געהאַט איבערצורײַסן די שטילקייט. פּלוצלינג רופט זיך אָפּ שמאַיאַ:

— איך וועל גיין.

— וווּהין — פרעגט ישׂראַליק — ווּ וועסטו גיין מיט איין האַנט?

— דערוויַילע גיי איך נאָך אויף די פיס און נישט אויף די הענט — זאָגט שמאַיאַ און שמייכלט שעלמיש. — און חוץ דעם, ווער נאָך האָט אַזאַ פּנים ווי איך? מיט אַזאַ פּנים וועל איך נישט פאַרפאַלן ווערן אויף יענער זײַט. און פאַרגעסט נישט, איך האָב באַקאַנטשאַפט אין דאָרף.

אַזוי איז עס געבליבן. שמאַיאַ גייט אין דאָרף, אויף יענער זײַט געטאָ-מויער, און איך גיי מיט אים. איך ווייס גוט דעם וועג דורכן בית-עלמין צום מויער, וואָס פירט אויף פּאָוואָנזעק, און דאָרט וווינט פאַן אַנטאָני. עטלעכע מאָל בין איך געווען בײַ אים אין דער היים, ווען כ׳בין נאָך געגאַנגען אין שול. דאָרט וועלן מיר איבער־נעכטיקן. עס קאָן נישט זײַן, אַז פאַן אַנטאָני זאָל אָפּזאָגן. ווײַטער וועט שוין פירן שמאַיאַ.

שׂרהלע קוקט אויף מיר שווײַגנדיק און איך דערקען דעם אומרו אין אירע אויגן, איך ווייס, זי וועט נישט פּרוּוון אָפּהאַלטן, זי וועט לײַדן שטילערהייט און וואַרטן. בלויז ווען מיר לייגן זיך שלאָפן אין ווינקל, טוליעט זי זיך צו מיר שטאַרקער ווי שטענדיק, גלײַך זי וואָלט וועלן ווערן אַ טייל פון מיר כּדי מיך נישט פאַרלירן.

— זײַ פאָרזיכטיק, מאירקע — שעפּטשעט זי. — געדענק, דו ביסט בײַ מיר בלויז איינער פאַרבליבן. מער קיין נאָענטע האָב איך נישט. ווען נישט דו וואָלט איך אויך פאַרנומען געוואָרן צום אומ־שלאַג, צו גלײַך מיט טאַטע-מאַמע. אפשר וואָלט טאַקע בעסער געווען אַזוי...

— וואָס רעדסטו, טײַערסטע — זאָג איך און קוש אירע פאַר־טרערטע אויגן, פאַרפרעסנדיק איר מויל מיט מײַנע הייסע ליפּן גלײַך איך וואָלט קאָנען אַזוי אַרום אירע ווערטער צוריק אין קעל פאַרשטופּן. — שווײַג, שווײַג, רעד נישט אַזוי, קעצעלע. עס וואָלט נישט בעסער געווען... דו ביסט בײַ מיר אויך די איינציקע, די נאָענטסטע און איך וועל זײַן צוריק. און מיר וועלן האָבן געווער. און מיר וועלן פאַר אַלץ נקמה נעמען. וועסט זען...

פאַר טאָג. אַ בלייכע זון קוקט קוים אַפער פון אונטער די

וואָלקנס. שוואַכע שטראַלן רײַסן דורך די גרויקייט גלײַך זיי וואָלטן זוכן עפּעס אויף די אויסגעלייזדיקטע גאַסן. פֿון הײַזער שלײַכן זיך אַרויס מענטשן, ווי שאָטנס אײַנגעוויקלטע אין שמאַטעס. זיי אײַלן צו די זאַמלפּונקטן וואָס פֿירן צו די אַרבעט־„פּלאַצוווקעס" אויף יענער זײַט מויער. פֿון ווו נישט ווו דערטראָגט זיך אַ געלעכטער און דער אָפּהילך פֿון פּאָליציייִשע שטיוול אויפֿן ברוק. די פּאָליציי־לײַט וואַרטן שוין אויף זײַער „סחורה" וואָס זיי דאַרפֿן באַגלייטן צו דער אַרבעט און שפּעט אין אָוונט ברענגען צוריק אין געטאָ.

אויך מיר, שמאַיאַ און איך, שלײַכן זיך אַרויס פֿונעם האַלב־אײַנגעפֿאַלענעם הויז און שליסן זיך אָן אין אַ גרופּע אַרבעטערס. בײַם טויער, וואָס פֿירט אַרויס פֿון געטאָ, שטייען עטלעכע אָנגע־פּרעסענע דײַטשן און זיי באַטאַפּן אַלעמען מיט די אויגן. די פּאָלי־ציי־לײַט, וואָס באַגלייטן די צונויפֿגעזאַמלטע אַרבעטערס, שמועסן עפּעס מיט די דײַטשן, פּאַכען מיט די הענט, און לסוף לאָזט מען זיי דורך. איצט דאַרף מען זיך אָפּרײַסן פֿון דער מחנה און גיין דעם אייגענעם וועג. צו ערשט רײַסט זיך אָפּ שמאַיאַ. ווי אַ קאַץ גיט ער זיך אַ בייג אין דרײַען בײַם ערשטן עק פֿון דער גאַס. אַ שפּרונג, און שוין איז ער אין אַ טויער. קיינער האָט גאַרנישט באַמערקט. דאָרט דאַרף ער וואַרטן אויף מיר. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט. איצט איז מײַן ריי. איך קוק זיך אַרום אין אַלע זײַטן און וואַרט ביז דער פּאָליציאַנט וואָס גייט דערנעבן וועט זיך דערווײַטערן. עס נעמט אַ ווײַלע און אָט איז שוין פֿאַרבײַ אַן אַנדערער עק גאַס. נישט גוט, שוין צו ווײַט אַוועק פֿון שמאַיאַן. אין דעם מאָמענט דערווײַטערט ער זיך, דער פּאָליציאַנט. אַ צווייטער האָט אים אַ רוף געטאָן און זיי רעדן עפּעס צווישן זיך. נוץ איך אויס די געלע־גנהייט און טו אַ שפּרונג אין אַ זײַט, ווי אַ ווינט וואָלט מיך געטראָגן אויף די פֿליגל, און פֿאַרשטעק זיך אין אַ נאָענטן טויער.

פֿלוצלינג באַווײַזט זיך דער סטרוזש, אַ האַלב־פֿאַרשלאָפֿענער רײַבט ער די אויגן מיט איין האַנט און אין דער צווייטער קלינגען שווערע שליסלען, ווי גלאָקן, וואָס וועקן די וועלט פֿון איר טיפֿן שלאָף. איך הער ווי דער סטרוזש שילט די שלאָפֿנדיקע וועלט, די

דײַטשן און די ייִדן, און שטעקט אַרײַן אַ שליסל מיט אַ גרילץ אינעם פֿאַרזשאַווערטן שלאָס. די שווערע טיר עפֿנט זיך און פֿאַר־מאַכט זיך צוריק. דעם סטרוזשס טריט דערווײַטערן זיך אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג. אָפּגעוואַרט נאָך עטלעכע רגעס, ביז די גאַס וועט ווערן ליידיק, שטרעק איך אַרויס דעם קאָפּ פֿון טויער און קוק זיך אַרום אין אַלע זײַטן. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפֿש. די פּאָליאַקן זענען נאָך נישט אַרויסגעקראָכן פֿון די בעטן, און די דײַטשן גרייטן זיך איצט צו בײַטן די וואַכפּאָסטנס. מיט שטילע טריט גיי איך לענג־אויס די מויערן ביז איך דערגרייך דעם טויער ווו שמאַיאַ האָט זיך געהאַט פֿאַרשטעקט. נאָר שמאַיאַ איז דאָרט נישטאָ. וואָס איז געשען מיט אים? נישט שוין זשע האָט אים באַמערקט אַ בייז אויג און אים איבערגעגעבן צו די דײַטשן? אַן אומרויִקער שלײַך איך זיך דורך די הינטערגאַסן וואָס זענען מיר גוט באַקאַנט. יעדער ווינקל איז מיר דאָ אייגן נאָך פֿון די קינדער־יאָרן. אַראָפּגענומען די געלע לאַטע און פֿאַרשטעקט זי אין אַ שוך, ווײַל זי וועט צו ניץ קומען אויפֿן וועג צוריק בײַם אַרײַנבאַקומען זיך אין געטאָ, דערנענטער איך זיך לסוף צום בית־עלמין. דאָ צאַפּלט אויף מײַן האַרץ. פֿון אַ ווינקל קומט מיר אַנטקעגן שמאַיאַ גלײַך ווי קיין מאָל גאָרנישט.

— וואָס איז געשען מיט דיר, שמאַיאַ, האָסט דאָך געזאָלט וואַרטן אויף מיר אין טויער? — פֿרעג איך אַן אויפֿגערעגטער און אין דער זעלבער צײַט אַ גליקלעכער וואָס כ׳האָב צוריק אָפּגע־פֿונען מײַן חבֿר.

— פֿרעג בעסער נישט, ס׳איז אַ לאַנגע געשיכטע. — און ער ווערט אַנטשוויגן.

און איך פֿרעג נישט מער. נישטאָ קיין צײַט צו פֿאַרלירן.

דאָס טויער פֿון בית־עלמין איז געשלאָסן, פּינקערטס חבֿרה־קדישא־לײַט שלאָפֿן נאָך. עס וואַרט זיי אַ שווערער טאָג אַרבעט בײַם אָפּרוימען די מתים פֿון די גאַסן און הויפֿן. זאָלן זיי שלאָפֿן. קיין עדות זענען נישט נייטיק. אַפֿילו נישט די פּינקערט־לײַט.

איך בייג זיך אַראָפּ און שמאַיאַ קריכט אַרויף אויף מײַנע

אַקסלען. די משאַ איז אַ שווערע אָבער איך גלײַך זיך אויס און באַלד איז שמאַיאַ אויף דער מויער. ער דערלאַנגט מיר זײַן ליידיקן אַרבל און שלעפּט מיך אַרויף ווי מיט אַ שטריק. מיט דער געזונטער האַנט האַלט ער זיך אָן אין דער מויער כּדי נישט אַראָפּצופאַלן. אַ שפּרונג, און ביידע זענען מיר אונטן, אויפן גראָז, צווישן די מצבות. אַ שאַרפער ריח פון די קאַשטאַנביימער גיט אַ שלאָג צום מוח, אַז עס פאַרדרייט זיך אַזש אין קאָפּ.

— דו פילסט עפּעס? — פרעג איך שמאַיאַן.

— יאָ, איך פיל, איך פיל אַז כ'בין הונגעריק...

— הונגעריק בין איך אויך — זאָג איך — אָבער איך מיין דעם ריח, דעם ריח פון די ביימער. ווי קומט אַזאַ ריח אָט דאָ, אויפן געטאָ־בית־עלמין, ווו טאָג־טעגלעך ווערן געבראַכט צו קבורה הונדערטער שטינקענדיקע גופים?...

דערקליבן זיך צו אַ האַלב־אײַנגעפאַלענעם אוהל האָבן מיר זיך פאַרשטעקט אונטער די פליטעס. פון דעם באַהעלטעניש קאָן מען זען אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום. אונדז קאָן מען פון דרויסן נישט זען. לעבעדיק באַגראָבן... צוויי מתים מיט אָפענע אויגן און אַ נויענדיקן הונגער. איך נעם אַרויס פון טאַש דאָס שטיקל ברויט, וואָס שׂרהלע האָט מיר מיטגעגעבן, און טייל זיך מיט שמאַיאַן.

— זײַ שפּאָרעוודיק — זאָג איך אים — עס דאַרף סטײַען אויף אַ גאַנצן טאָג און אפשר אויף לענגער.

נאָר שמאַיאַ הערט נישט. איינס און צוויי, און דאָס שטיקל ברויט איז פאַרשוווּנדן. איך באַהאַלט אַ שטיקל אויף שפּעטער. ווער ווייסט ווען עס וועט אויסקומען ווידער זען אַ שטיקל ברויט פאַר די אויגן?

אָפּגעגעסן, לייגן מיר זיך אַוועק אויף דער פײַכטער ערד און הערן זיך אײַן אין דער שטילקייט. מען הערט נישט מער ווי דעם רויש פון בלעטער. ערגעץ ווו בילט אַ הונט מיט אַזאַ וויינענדיקוויִיענדיקער בילערײַ, גלײַך ער וואָלט געוווּסט וואָס אַרום טוט זיך. און אפשר איז ער אויך הונגעריק און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אים צוואַרפן אַ ביין?

דאָ דאַרפֿן מיר זײַן ביז זונפֿאַרגאַנג. ווען ס'וועט ווידער ווערן שטיל אַרום, די פֿינקערט-לײַט וועלן פֿאַרשווינדן און דער טויער וועט ווערן אָפּגעשלאָסן, דעמאָלט וועלן מיר אַרויס פֿון דעם באַהעלטעניש, דערקלײַבן זיך צום פּלויט וואָס טיילט אָפּ דעם בית-עלמין פֿון גויִישן צווינטער, און אַריבער אויף יענער זײַט. פֿון דאָרט פֿירט שוין אַ גלײַכער וועג צו פּאָוואָנזעק. אַזוי איז געווען אָפּגעמאַכט. איך שלים צו די אויגן, שמאַיאַ איז וואַך. ער דאַרף מיך אויפֿוועקן אַרום האַלבן טאָג. דעמאָלט וועל איך איבערנעמען די וואַך.

גערענקסט די ליימגריבער?

איך טראַכט וועגן פֿאַן אַנטאַנים שטיבל אין פּאַוואַנזעק — ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן געסל, וואָס דערמאָנט מער אין דאָרף ווי אין שטאָט, וועגן פֿאַן אַנטאַנין טראַכט איך און ווייס נישט צי יענער וועט מיך דערקענען. אַ מאָל בין איך פֿאַר אים געווען אַן „איטשלאַק", ווי אַלע יינגלעך אין שול, און איצט... אַ דערוואַקסע־נער מאַנצביל מיט וואַנצעס ענלעכע צו זיינע. צי וואָלט איך זיך אַליין דערקענט ווען כ'וואָלט געווען אויף יענעמס אָרט?

פּאַוואַנזעק, פּאַוואַנזעק... ווידער בין איך אַ יינגל און יאָג זיך נאָך ווישניעווסקים טויבן אין דער פרייער צייט פון שול. פֿאַר נאַכט צו, ווען כ'קער זיך צוריק אין הויף, רופֿט מיך יאַנעק:

— מאירקע, ווילסט גיין מיט אונדז?

— מיט וועמען?

— נו מיט אונדז — חזרט איבער יאַנעק — איך, מיין ברודער און זענאָן... ביי נאַכט מיר גייען נאָך טויבן. קיין פּאַוואַנזעק.

גיין נאָך טויבן בין איך שטענדיק גרייט. כ'ווייס נאָך נישט וואָס צו זאָגן דעם טאַטן, נאָר עפּעס וועל איך שוין צוטראַכטן. נישט איין מאָל בלייב איך דאָך אין דרויסן ביז האַלבער נאַכט.

פֿאַר מיר איז עס אַ גרויסער כּבוד וואָס זיי נעמען מיך מיט. יאַנעק איז מיינער אַ גוטער חבר, הגם ער איז עלטער פון מיר. מיט מיעטעקן, יאַנעקס יינגערן ברודער, קום איך נישט אויס. אָפט שלאָגן מיר זיך און שפּעטער בעטן מיר זיך איבער. זענאָנען קען איך בלויז פון זען. ער איז אַ הויכער גוי מיט ברייטע פּלייצעס און אַ ברייטלעך פּנים פון וועלכן עס קוקן אַרויס צוויי שמאָלע שפּעלטלעך — אויגן. ער וווינט נישט אין אונדזער הויף, זענאָן. בלויז צייטנווייז, אין די אָוונטן און זונטיקטעג, קומט ער אַריין צום סטרוזש אין שטוב און זיצט דאָרט אַ ווײַלע. שפּעטער גייט ער פון דאָרט אַרויס מיט מאַנקען.

— ער איז מאַנקעס חתן — האָט מיר איין מאָל געזאָגט יאַנעק.

וווּהין זיי גייען ווייס איך נישט, אָבער ווען זיי קומען צוריק זע איך — זײַ בלײַבן שטיין אין טויער, אין אַ פינצטערן ווינקל, קוועטשן זיך צו אײַנאַנדער, ווי עס וואָלט זיי שווער געווען זיך אָפּצורײַסן. אָט פּונקט ווי די טויבן ווען זיי פּאָרן זיך.

מיר ווילט זיך פרעגן יאַנעקן פאַר וואָס בײַ נאַכט. שוין עטלעכע מאָל געגאַנגען מיט אים נאָך טויבן אויפן מאַרק בײַם קערצעלאַק־פּלאַץ, אָבער שטענדיק בײַ טאָג. יאַנעק פאַרקויפט דאָרט פאַר־שיידענע אַלטוואַרג און קויפט אַ טויב אָדער צוויי. געבראַכט אַהיים, לאָזט ער זיי אַרײַן אין קעלער־קאַמער, ווו עס געהאָדעווען זיך קראָליקעס און הינער. קיין סך טויבן האָט ער נישט, יאַנעק. מיט ווישניעווסקין קאָן ער זיך נישט פאַרגלײַכן. אָבער ער האָט זיי ליב ווי דאָס לעבן. און אפשר נאָך מער. איך אויך. מיר ווילט זיך אים פרעגן: „פאַר וואָס בײַ נאַכט?״ אָבער כ׳האָב מורא, ער קאָן נאָך בייז ווערן, יאַנעק, און מיך נישט מיטנעמען. ווײַזט אויס, אַז ער האָט באַמערקט מײַן פאַרלעגנהייט און זאָגט מיט אַ שמייכל דורך די פאָדערשטע צוויי ציין, וואָס שטאַרצן אַרויס פונעם מויל ווי לאָפּעטעס:

— פּאַמוירע זאָך נישט,* מאַירקע, זענאָן וויל גיין בײַ נאַכט...

עס איז שוין גוט פינצטער ווען מיר פאַרלאָזן דעם הויף זאַלבע פערט — יאַנעק, מיעטעק, זענאָן און איך. ס׳זעט זיך נישט קיין שטערן אויפן הימל. די לבנה האָט זיך אויך באַהאַלטן ערגעץ צווישן די וואָלקנס. זענאָן גייט דער ערשטער. ער לאָזט נאָך זיך אַ לאַנגן שאָטן און איך היט זיך, נישט אָנצוטרעטן אויף אים. גיי איך דער לעצטער און קוק אויף די קוים זיך לײַכטנדיקע לאַמטערנס, וואָס מיניען זיך מיר אין די אויגן ווי פײַערלעך וואָס ברענען ערגעץ ווײַט. זיי באַגלייטן מײַנע טריט, די לאַמטערנס, אַזש ביזן סוף פון גוייִשן צווינטער, און נאָך דעם זעט זיך שוין נישט קיין שום

---

* האָב נישט קיין מורא.

זאַך. בלויז די ווײַס־געקאַלכטע ווענט פֿון הײַזקעס קוקן אַרויס פֿון דער פֿינצטערניש ווי שטערן, וואָס זענען גלײַך פֿונעם הימל אַראָפּ־געפֿאַלן. דאָס איז פּאַוואָנזעק...

זענאָן פֿאַרקערעוועט ערגעץ צווישן די הײַזקעס און בלײַבט שטיין לעבן אַ גרויסן צוויי־גאָרנדיקן טויבנשלאַק. איך זע ווי דורך יענעמס אויגנשפּעלטלעך פֿינקלען זיך צוויי גרינע פֿײַערלעך, ווי בײַ אַ קאַץ. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זײַטן און באַלד הערן זיך זײַנע באַפֿעלן:

— יאַנעק, דערלאַנג די צוואַנגען! מיעטעק, מאַיקע (אַזוי רופֿט ער מיך), גיט אַכטונג צי קיינער קומט נישט אָן פֿון דער גאַס.

אַ רגע, און ער איז אויפֿן דאַך פֿונעם טויבנשלאַק. עטלעכע באַוועגונגען, און עס עפֿנט זיך אַ טירל. פֿון הינטערן רעקל ציט ער אַרויס, זענאָן, אַ גרויסן זאַק און נעמט אים אָנפֿילן מיט טויבן, ווי מיט קאַרטאָפֿל. ער דערלאַנגט יאַנעקן דעם פֿולן זאַק און מיט איין שפּרונג איז ער אונטן. יאַנעק גיט אַ שטילן פֿײַף און פּאַכעט מיט דער האַנט אין מײַן ריכטונג:

— מאַירקע, נעם דעם זאַק — זאָגט ער. — פּאַמוירע זאָך נישט, דו גיי נאָך זענאָנען, מיר וועלן גיין נאָך דיר.

איך נעם דעם זאַק און פֿאַרוואַרף אים אויפֿן אַקסל. דער זאַק איז אפֿשר גרעסער פֿון מיר, נאָר ער איז נישט שווער. אויף דער פּלייצע פֿילט זיך אַ ווייכע וואַרעמקייט. זענאָן גייט מיט שנעלע טריט. איך האָב מורא אים נישט צו פֿאַרלירן פֿון אויג אין דער פֿינצטערניש. גיי איך אויך שנעל, כּמעט לויפֿנדיק. הינטער זיך הער איך אויך אַ געלויף, אָבער כ׳קאָן זיך נישט אומקוקן, ווײַל דער זאַק פֿאַרשטעלט מיך אין גאַנצן. פּלוצלינג גיט מיך עמעץ אַ צי פֿאַרן אַרבל און כ׳הער יאַנעקס קול:

— נו, גענוג מאַירקע, דערלאַנג דעם זאַק.

איך עטעם אָפּ לײַכטער און גיב אים איבער דעם זאַק מיט די טויבן. איצט שטעלט ער לאַנגע, פֿעסטע טריט, יאַנעק, און איך זע קוים ווי יענער גלײַכט זיך אויס מיט זענאָנען. אין דער זעל־בער רגע קומט צו מיעטעק און גיט מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— ביסט אַן אייגענער, מאירקע, נישט ווי די אַנדערע...

איך פאַרשטיי גוט וואָס ער מיינט, מיטעק, און ס׳ווילט זיך דערמאָנען אים פון ווען ער שטאַמט... אַזאַ הינטישער זון!... „נישט ווי די אַנדערע...״ וואָס דען, אַ שייגעץ בין איך? כ׳וואָלט אים גוט דערלאַנגט אין דער צורה, ווי דעמאָלט ווען ער האָט צו מיר אַ שיפּע געטאָן ווי אַ שלאַנג: „דו ביילים!״ און איך האָב אים צוריק געענטפערט מיט דעם באַקאַנטן פּיזמון: „ביילים זשיע אַ מאַצאָך גניִע!״* נאָר אַרום איז פינצטער, מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש, און זיי זענען דרײַ. און מיר ווילט זיך זען וואָס זיי וועלן טאָן מיט די טויבן.

ווידער באַווײַזן זיך די לאַמטערנס און מיר דאַכט זיך, אַז זיי לײַכטן איצט העלער ווי פריִער. אויך די לבנה קוקט אַפער פון אונטער די וואָלקנס און באַגלייט אונדז פון איין גאַס צו דער צווייטער.

— געמיינט עס וועט רעגענען — זאָגט מיטעק — און דאָ גאָר אַ לבנה.

איך ענטפער נישט קיין וואָרט. אין די אויערן קלינגט נאָך אַלץ אָפּ יענעמס זאָג: „נישט ווי די אַנדערע...״ זענאָן פירט דורך אַן אַנדערן וועג, אַ קירצערן. עטלעכע מאָל מוזן מיר אַריבערשפרינגען פלויטן און לסוף באַווײַזט זיך דער הויף. דער טויער איז אָפן. איינער נאָכן צווייטן שלײַכן מיר זיך אַרײַן אינעווייניק. זענאָן עפנט דעם קעלער־קאַמער און יאַנעק עפנט דעם זאַק. די פינצטערע שטילקייט ווערט מיט אַ מאָל צעריסן פונעם פליגל־געפּאַך און פאַר מײַנע אויגן וויקלט זיך פונאַנדער אַ רעגן־בויגן פון קאָלירן: ווײַס און שוואַרץ, ברוין און געל, בלוי און רויט. די פליגל פלאַטערן, די קאָלירן מישן זיך אויס און עס שווינדלט אין קאָפּ. אַזוי פיל טויבן, אַזוי פיל טויבן...

---

* „ביילים לעבט און מאַצאָך פוילט״. דער גלח מאַצאָך איז אין 1910 פאַרמישפּט געוואָרן אין טשענסטאָכאָוו פאַר באַגנבענען דעם הייליקן קלויסטער אויף דער „יאַסנאַ גוראַ״.

...ס'איז שבת אין דער פרי, וואַקאַציע־צייַט. קיינער וועקט מיך הייַנט נישט, ווי שטענדיק ווען כ'דאַרף גיין אין שול אַרייַן. ווי נאָר די זון באַווייַזט זיך אין פענצטער בין איך שוין אויף די פיס. יאַנעק האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז פאַר טאָג וועט ער אַרויסלאָזן די פרישע טויבן אויף אַ פּראָבע, צי זיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט צום נייַעם פּלאַץ. זענאָן וועט אויך זייַן. לויף איך אויף די טרעפּ אַ נישט געוואַשענער און נישט געגעסענער, און... שטאָט ווייַסע טויבן, דערזע איך... שוואַרצע פּאָליציאַנטן. דרייַ פּאָליציאַנטן און זענאָן אין דער מיט, מיט קייטלעך אויף די הענט. מאַנקע, זייַן כלה, שטייט פון דער ווייַטנס אַ פאַרוויינטע, און איר מאַמע, וואָס שטייט דער־נעבן, רעדט עפּעס צו איר. צו מיר דערטראָגן זיך בלויז אָפּגע־ריסענע ווערטער:

— געזאָגט... אַ גנב... גיי נישט...

מאַנקע הערט נישט אויף צו וויינען. יאַנעקן זע איך נישט. און די טויבן? אַ קליינער גראָבער גוי, ווי אַ פעסל מיט וואָנצעס, שטייט לעבן קעלער־קאַמער אָנגעבויגן, מיט אַן אָפענעם זאַק אין די הענט, און עמעצער וואַרפט אַהין אַרייַן די טייַבעלעך איינס נאָכן אַנדערן. אָנגעפילט דעם זאַק, גייט צו דאָס פעסל צו די פּאָלי־ציאַנטן, יענע דערלאַנגען אים עפּעס אַ פּאַפּיר, ער שרייַבט אונטער און גייט אַרויס פונעם הויף מיטן זאַק אויף די פּלייצעס. נאָך אים גייט זענאָן מיט די קייטעלעך אויף די הענט, און פון ביידע זייַטן צוויי פּאָליציאַנטן. דער דריטער גייט הינטער אים. אין הויף ווערט פּוסט און שטיל. בלויז מאַנקעס געוויין שנייַדט דורך די שטילקייט און דער עכאָ שלאָגט זיך אָפּ אין די טויבע ווענט.

מאַנקעס געוויין... ווי מאָדנע, דאָס געוויין ווערט אַלץ שטילער און שטילער, און ביסלעכווייַז פאַרוואַנדלט עס זיך אינעם מיאַוקען פון אַ קאַץ. אַ שוואַרצע קאַץ מיט פייַערדיק־גרינע אויגן שטייט איבער מיר און מיאַוקעט אַ בייז מיאַוקערייַ. פון וואַנען האָט זי זיך דאָ גענומען, די שוואַרצע קאַץ? וואָס וויל זי פון מיר? איז זי צוריק אַרויס פונעם וואַסער, וווּ יאַנעק שפּילט זיך מיט איר און

פרוווט זי דערטרינקען? אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיך און איך כ'שרײַ:

— יאַנעק, ניין! הער אויף! וואָס ווילסטו פון דער קאַץ?

נאָר יאַנעק הערט מיך נישט. ער טוט זיך דאָס זײַניקע. ער שווימט מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער שטופּט ער אַראָפּ דער קאַצס קאָפּ אונטערן וואַסער. די קאַץ ראַנגלט זיך, אַט פאַר־שווינדט זי און אַט שטרעקט זי ווידער אַרויס דעם קאָפּ פונעם וואַסער, באַוועגנדיק מיט די פאָדערשטע לאַפּקעס, ווי זי וואָלט זיך ווען אין עפּעס אָנכאַפּן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אַלץ אומשולדיק. אַ הייסער זומערטאָג. אַ באַנדע ייִנגלעך גייען מיר קיין פּאָוואָנזעק צו די ליימגריבער. דאָרט, אינעם אָפּגעשטעלטן וואַסער איז גוט צו שווימען. נישטאָ אַזוי פיל מענטשן ווי בײַ דער ווײַסל. אויפן וועג דערזעט יאַנעק אַ שוואַרצע קאַץ און נעמט זיך יאָגן נאָך איר. די קאַץ אַנטלויפט, נאָר חברה נעמט זי אין אַ רעדל און זי פאַלט אַרײַן אין ישׂראַליקס הענט. ער גלעט זי, דערלאַנגט איר אין פּיסקל אַרײַן אַ שטיקל שאָקאָלאַד און די קאַץ באַלעקט זיך מיט איר רויטן צינגל. זי וואַנדערט פון איין האַנט צו דער צווייטער ביז זי קומט אין מײַנע הענט. איך טוליע זי צום פּנים און די קאַץ לעקט מײַן נאָז, די אויערן. אַ גרויסע נאָענטקייט דערפיל איך צו דעם חיהלע און ס'איז מיר אַ שאָד עס אַרויסצולאָזן פון די הענט.

און אָט זענען די ליימגריבער. פּאָוואָנזעק. מיר וואַרפן אַראָפּ פון זיך די בגדים און גלײַך אין וואַסער אַרײַן מיט אַ געשריי און געפילדער. איצט איז די קאַץ אין יאַנעקס הענט. ער לאָזט זי שווימען און יאָגט זיך נאָך איר ווי אַ הונט. אָט כאַפּט ער זי בײַם עק און באַלד לאָזט ער זי אָפּ און יאָגט זיך נאָך איר ווידער. איינער נאָכן צווייטן גייען מיר אַרויס פונעם וואַסער, נאָר יאַנעק איז נאָך אַלץ דאָרטן מיט דער קאַץ. די קאַץ, זעט אויס, האָט שוין גענוג די שפּילערײַ און זי וויל אויך אַרויס פונעם וואַסער. זי שווימט צום ברעג, נאָר יאַנעק פאַרשטעלט איר דעם וועג. זי פאַרקערעוועט אויף צוריק און אַנטלויפט. יאַנעק נאָך איר. ער כאַפּט זי פאַר אַ

לאַפּקע און די קאַץ טונקט אונטער איר קאָפּ אינעם וואַסער. מער לאָזט ער זי נישט אָפּ, די קאַץ...

און די קאַץ שטייט איבער מיר און מיאַוקעט אַ בייז מיאַוקעריי. און איבער דער קאַץ שטייט יאַנעק, מײַן גוטער פֿרײַנד יאַנעק, אויסגעוואַקסן, הויך און שלאַנק, מיט ברייטע אַקסלען און אַ פֿרעמדן שמייכל אויף די גראָבע ליפּן. איך עפֿן די אויגן און זע אַ פּאָר שוואַרצע, גלאַנציקע שטיוול און אַ ברוינעם נאַצי־מונדיר. און מײַן גוטער חבר יאַנעק רעדט צו מיר גוטע רייד:

— פּאַמוירע זאָך נישט, מאַירקע, געדענקסט די ליימגריבער, די קאַץ? איך וועל דיך אויך אַהין פֿירן. דאָס וואַסער איז וואַרעם, ס'איז גוט צו שווימען אין וואַרעמען וואַסער. און ס'איז אויך גוט צו גיין צום גרונט, ווי די קאַץ...

בײַ נאַכט קריכן מיר אַרויס פֿון דעם באַהעלטעניש און לאָזן זיך אַוועק צו דער אַנדערער זײַט בית־עלמין און, דורכן גויִישן צווינטער, קיין פּאָוואָנזעק.

אַ הײַזל בײַם וועג

פֿאַן אַנטאָנים הײַזל דערקען איך פֿון דער ווײַטנס. עס שטייט בײַם סאַמע עק פֿונעם וועג. אײַנגעהויקערט, מיט אַ צעבראָכענעם פּלויט אַרום, אַזוי ווי אַ מאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען כ׳בין דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל. עס זעט אוים ווי קיין זאַך וואָלט זיך דאָ נישט געענדערט. ערגעץ בילט אַ הונט און אַ צווייטער ענטפֿערט אים מיט אַ פֿאַרצויגענער האַווקערײַ. באַלד ווערט אין גאַנצן שטיל. צום הײַזל דערקלײַבן מיר זיך הינטן אַרום, פֿון דער זײַט פֿונעם פֿעלד. דאָרט זעט מען נישט קיין לעבעדיקן נפֿש. שמאַיאַ בלײַבט שטיין פֿון דער ווײַטנס, פֿאַרשטעקט הינטער אַ קוסט, און איך גיב אַ לײַכטן קלאַפּ אינעם פֿענצטער וואָס איז פֿאַרשטעלט מיט אַ געלבלעך פֿאַרהאַנגל. איך וואַרט אויף אַן ענטפֿער און קאָן זיך נישט דערוואַרטן. צי שלאָפֿט ער שוין, פֿאַן אַנטאָני? און אפֿשר איז ער גאָר נישטאָ אין דער היים? אין עטלעכע רגעם אַרום טו איך ווידער אַ קלאַפּ אין פֿענצטער. איצט, דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס האָט זיך דאָרט אַ ריר געטאָן אינעווייניק. איך הער שווערע טריט און אַ שוואַכע שײַן פֿון אַ נאַפֿטלעמפּל באַוועגט זיך אין דער ריכטונג פֿונעם פֿאַרהאַנג.

— ווער האָט עס אָנגעטראָגן אין אַזאַ שפּעטער שעה? — הער איך פֿאַן אַנטאָנים שטים. מיר ווערט לײַכטער אויפֿן האַרצן.

— דאָס בין איך, פֿאַן אַנטאָני, מאיר, מאירקע לעווין.

— ווער? וואָס פֿאַר אַ לעווין? — כריפּעט פֿאַן אַנטאָני אַ פֿאַרשלאָפֿענער.

— מאירקע לעווין, פֿון דער שקאָלע אויף מוראַנאָווסקע. איר געדענקט, איך פֿלעג קומען צו אײַך ווען איר זענט קראַנק געווען, געבראַכט עסן, וואָס דער לערער זײַד פֿלעגט אײַך שיקן.

— האַ, דו, איטשלאַק? — ווערט פֿאַן אַנטאָנים שטים שוין ווייכער. — פֿון וואַנען האָסטו זיך דאָ גענומען? פֿון יענער וועלט?

— גיין, פֿאַן אַנטאָני, איך בין נאָך אַלץ אויף דער וועלט און קלײַב זיך נישט אַזוי שנעל אין גן־עדן.

— קום אַרײַן, דורך יענער זײַט, דו ווייסט דאָך דעם וועג. באַלד עפֿן איך די טיר. — און די שײַן פֿונעם נאַפּטלעמפּל דער־ווײַטערט זיך בײַ ביסלעכווײַז פֿונעם פֿענצטער.

איך גיב אַ פֿײַף, ווי אָפּגערעדט, און באַלד איז שמאיאַ לעבן מיר. מיר גייען אַרום דעם צעבראָכענעם פּלויט און קומען צום פֿראָנט־טירל וואָס איז אָפּגעשפּאַרט. די טיר פֿונעם הײַזל איז נאָך אַלץ פֿאַרמאַכט. שוין נאָענט בײַ דער טיר הער איך פֿאַן אַנטאָנים שטים:

— ט׳עפֿן איך. קום אַרײַן, נאָר גיך, די ווענט אַרום האָבן אויגן און אויערן. קיינער דאַרף דיך נישט זען.

אַ היימישע וואַרעמקייט גיט אַ שלאָג אין פּנים ווען די טיר עפֿנט זיך און פֿאַן אַנטאָני באַווײַזט זיך אויף דער שוועל. עס פֿילט זיך דער ריח פֿון געקאָכטע קאַרטאָפֿל. בײַם האַרצן נעמט נאָגן דער לאַנגאָניקער הונגער, וואָס האָט געהאַט אײַנגעדרימלט און איצט האָט ער זיך אויפֿגעוועקט און צעווײנט ווי אַ קינד אין מיטן דער נאַכט. איך קוק אויף דעם מענטש מיט די צעשויבערטע האָר און לאַנגע וואָנצעס, וואָס זענען פֿאַר דער צײַט גרוי געוואָרן, און מיר דאַכט זיך, אַז ער האַלט אַ גלעקל אין האַנט און באַלד וועט ער נעמען קלינגען — „געענדיקט די גרויסע פּויזע, קינדער, צוריק אין די קלאַסן!” נאָר ניין, עס איז נישט דאָס גלעקל, עס איז דער נאַפּטלאָמפּ וואָס ער רוקט אונטער נעענטער צו מײַן פּנים און קוקט אַרײַן אין מײַנע אויגן.

— ביסטו הייסט עס מאירקע לעווין, אַט יענער איטשלאַק פֿון שקאָלע, וואָס איז מיר אויפֿן קאָפּ געקראָכן — זאָגט פֿאַן אַנטאָני האַלב באַשטעטיקנדיק און האַלב פֿרעגנדיק — און ווער איז דער?

— ווײַזט ער מיטן פֿינגער אויף שמאיאַן.

— דאָס איז מײַן חבר שמאיאַ. מיר זענען דאָ פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָב איך באַשלאָסן אַ קוק טאָן וואָס עס מאַכט מײַן אַלטער פֿאַן אַנטאָני, צי לעבט ער נאָך?...

— הם, פאַרבײַגעגאַנגען — זאָגט פאַן אַנטאָני און גיט אַ פּאַרצי מיט אַ פינגער זײַן רעכטע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצע. אַזוי זיך, פאַרבײַגעגאַנגען... שפּעט בײַ נאַכט, נאָך דער פּאָליציי־שעה... פאַר־בײַגעגאַנגען... נו, קומט אַרײַן, שטייט נישט אין דער טיר, איר קאָנט נאָך כאַפּן אַ צוגווינט.

פאַן אַנטאָני פאַרשליסט די טיר און הייסט אונדז זיך צווזעצן בײַם טיש, ווו עס ליגן נאָך נישט אויפגעראַמטע רעשטלעך פון זײַן וועטשערע.

— האָסט מיך אַרויסגעשלעפּט פון בעט, לעווין — זאָגט ער מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַרן פרײַען שלאָפן גיין, — זיך צוגעלענט אויף אַ ווײַלע אָפּרוען און אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. נו, זאָג זשע מיר, וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער אין אונדזערע קאַנטן? ביסט דאָך נישט סתם פאַרבײַגעגאַנגען. דאָ איז נישט קיין פלאַץ צום שפּאַצירן. פאַר אַזאַ שפּאַציר קאָן מען הײַנטיקע צײַטן באַצאָלן מיטן קאָפּ... בפרט ווען דער קאָפּ איז אַזאַ שוואַרצער ווי בײַ דיר.

— דערפאַר איז שמאַיאַס קאָפּ אַ בלאָנדער — ווײַז איך מיט די אויגן אויף מײַן חבר. נאָר פאַן אַנטאָני מאַכט זיך נישט־הערנדיק. ער פאַרעט זיך אַרום דער אײַזערנער פּליטע, שטעלט אַרויף דעם טשײַניק צום אויפקאָכן טיי, און באַלד באַווײַזט זיך אויפן טיש אַ פלעשל בימבער מיט אַ לאַבן ברויט.

— „טשעם כאַטאַ באָגאַטאַ...‟ *

— אַ דאַנק, טײַערער פאַן אַנטאָני — זאָג איך — כ׳האָב געוווּסט, אַז כ׳קאָן אויף אײַך רעכענען. אָבער נישט דערויף זענען מיר אַהער געקומען.

— וואָס הייסט, נישט דערויף? — רײַסט ער מיר איבער. צי פרעג איך דען בײַ דיר נאָך וואָס איר זענט געקומען? וועסט וועלן, וועסטו מיר זאָגן, נישט איז נישט. וועט בלײַבן פאַרבײַגעגאַנגען.

---

* מיט וואָס דאָס הויז איז רײַך (וואָס דאָס הויז פאַרמאָגט).

דערוויילע דאַרף מען זיך דערוואַרעמען. — און ער גיסט פונאַנדער דעם בימבער אין טייגלעזער.

אַ שאַרפער ברי אין האַלדז, גלייך אַ פייער וואָלט זיך צעצונדן און פאַרכאַפּט די אינגעווייד. פאַר די אויגן נעמט שווינדלען און איך זע קוים מיין חברים בלאַנדן קאָפּ און פאַן אַנטאָנים לאַנגע וואָנצעס. יענער רוקט מיר אונטער אַ שטיקל שוואַרץ ברויט און אַליין פאַרבייסט ער מיט אַ וויש פונעם אַרבל איבערן מויל.

— עס, לעווין — זאָגט פאַן אַנטאָני און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער איצט דאָס קול פון מיין טאַטן. — עס, און דו אויך, שמאַיאַ... אויפן ניכטערן מאָגן טאָר מען נישט שלאָפן גיין. בייזע רוחות קומען צו חלום...

דאָס ברויט האָט גאָר אַן אַנדערן טעם ווי דאָרט, אין געטאָ. פריש געבאַקן, שמעקט עס מיט פעלד, מיט קאָרן, מיט לופט וואָס דו פילסט, דאַכט זיך, אויפן גומען. און כ'ווייס נישט וואָס עס פאַרשיכּורט מיך מער, דער בימבער, אָדער דאָס ברויט. איך שנייד אָפּ נאָך אַ פּענעץ פונעם לאַבן וואָס אויפן טיש און פאַרבייס מיט אַ ציבעלע וואָס פאַן אַנטאָני האָט געבראַכט פונעם קעמערל.

פאַן אַנטאָני קוקט ווי מיר עסן זשעדנע, ווי אויסגעהונגערטע הינט, און איך דערקען אין זיינע אויגן אַ הענגענדיקן פרעגצייכן. ער האָט טאַקע געזאָגט: „צי פרעג איך דען ביי דיר נאָך וואָס איר זענט געקומען?" און ער פרעגט נישט, אָבער זיינע אויגן פרעגן. אַלץ מער און מער עקשנותדיק פרעגן זיי. אפילו ווען ער גיסט אָן די קאָכעדיקע טיי אין די גלעזער זעט זיך דער פאַרנעפּלטער פרעג-צייכן דורך דער פּאַרע וואָס הייבט זיך צום נידעריקן סופיט.

לסוף פיר איך אים אַרויס פון דער פאַרלעגנהייט:

— צי קאָנען מיר ביי אייך איבערנעכטיקן, פאַן אַנטאָני?

— און דאָס איז אַלץ? וואָס דען, איך וועל אייך אַרויס-טרייבן אין מיטן נאַכט די היצלעס זאָלן אייך פאַרכאַפּן... איר קאָנט דאָ זיין ביי מיר ווי לאַנג איר וועט וועלן און ווי לאַנג עס וועט זיין זיכער פאַר אייך. מיין הייזל שטייט אין סאַמע עק גאַס, ווייטער איז שוין פעלד, הוילער פעלד. קיין שכנים קומען נישט

אַרײַן צו מיר. איך לעב דאָ אין איינזאַמקייט שוין יאָרן לאַנג, זינט די שול איז פֿאַרמאַכט געוואָרן. פֿון צײַט צו צײַט בלויז קומען אַהער די וואַלדיִינגלעך עפּעס אויסשמעקן, און פֿאַר זיי דאַרפֿט איר זיך נישט שרעקן...

— איר זענט זיכער, פֿאַן אַנטאָני?

— זיכער, זיכער! דאָס זענען אייגענע. פֿאַראַן אַפֿילו צווישן זיי עטלעכע ייִדן.

— פֿון וואַנען ווייסט איר?

— אַ ייִדן דערקען איך פֿון דער ווײַטן. כּמעט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט צווישן אײַך. און דו פֿרעגסט נאָך פֿון וואַנען איך ווייס.

— און די קאָמענדאַנטן ווייסן אויך?

— דאָס ווייס איך נישט — זאָגט פֿאַן אַנטאָני שאַרף, ווי ער וואָלט וועלן אָפּהאַקן דעם שמועס.

איך קוק זיך איבער מיט שמאַיאַן און מיר פֿאַרשטייען זיך אויפֿן ווינק. אויב די וואַלדיִינגלעך קומען אַהער צו, וועלן מיר אפֿשר נישט דאַרפֿן גיין צו זיי און נישט אין דאָרף, וווּ שמאַיאַ האָט צו באַקומען געוווער. דער וועג אַהין איז אַ ווײַטער און איז פֿאַרבונדן מיט גרויסע געפֿאַרן.

— ווען קומען זיי אַהער, די וואַלדיִינגלעך? — פֿרעגט שמאַיאַ פֿאַרזיכטיק. פֿאַן אַנטאָני ענטפֿערט נישט גלײַך. ער מאַכט עטלעכע שפּרײַזן צום פֿענצטער און צוריק צו דער טיר, גלײַך ער וואָלט זיך אײַנגעהערט אין עפּעס, און אפֿשר הערט ער זיך אײַן בלויז אין די אייגענע טריט, וואָס הילכן אָפּ שווער אינעם קליינעם צימער.

— זיי קומען נישט אין קיין באַשטימטער צײַט. איין מאָל אין וואָך, איין מאָל אין צוויי וואָכן. פֿאַר וואָס פֿרעגט איר?

— מיר וואָלטן זײַער וועלן זיך טרעפֿן מיט זיי — זאָג איך רויִק און באַמי זיך צו פֿאַרבאַהאַלטן מײַן אויפֿגעהײַטערטקייט.

— וואָס זשע שווײַגסטו די גאַנצע צײַט, — רופֿט זיך אָפּ פֿאַן אַנטאָני. — האָסט דאָך גלײַך געקאָנט זאָגן, אַז איר זוכט אַ וועג צו די פּאַרטיזאַנערס. איר קאָנט דאָ וואַרטן בײַ מיר ביז זיי וועלן זיך באַווײַזן. שלאָפֿן וועט איר אויפֿן בוידעם. מיר וועלן אַלץ

אײַנאָרדענען אַזוי, אַז קײנעם זאָל נישט אײַנפֿאַלן, אַז איך האָב בײַ זיך געסט.

— די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט — זאָג איך און וואַרף ווידער אַ בליק אין דער זײַט פֿון שמאַיאַן, צי ער באַגיטיקט מײַנע ווערטער, צי אַנטפּלעק איך נישט צו פֿרי פֿאַר פֿאַן אַנטאָנין דעם אמתן ציל פֿון אונדזער קומען אַהער צו. אָבער אָנגעהויבן, גײ איך שוין ווײַטער:

— מיר זוכן נישט דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנערס. נישט איצט. נאָך נישט איצט... מיר ווילן זיך טרעפֿן מיט זײ צוליב עפּעס אַנדערש. מיר דאַרפֿן געווער. געווער פֿאַרן געטאָ. געווער זיך צו פֿאַרטיידיקן. צו קעמפֿן קעגן דײַטש.

— זענט איר, הייסט עס, נישט אַנטלאָפֿן פֿון דאָרטן, איר ווילט זיך צוריקקערן אין גיהנום?

— יאָ, מיר ווילן, מען וואַרט דאָרט אויף אונדז. געלאָזן דאָרט נאָענטע, אייגענע... אָבער מיר ווילן נישט צוריקגײן מיט ליידיקע הענט — זאָג איך, גלײַך איך וואָלט זיך וועלן פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן אַלטן שולוועכטער.

פֿאַן אַנטאָני, ווי ער וואָלט נישט הערן די סאַמע לעצטע ווערטער, אָדער ווי ער וואָלט זיך געמאַכט נישט הערן, חזרט איבער עטלעכע מאָל אונטער די וואָנצעס: „נאָענטע, אייגענע, נאָענטע, אייגענע...” און פּלוצעם רײַסט זיך פֿון אים אַרויס אַ פֿראַגע, ווי אַ שטײן וואָלט זיך אַראָפּגעקײַקלט פֿון זײַן צונג:

— וואָס איז מיטן לערער זײַד? צי לעבט ער נאָך? — אַ ווײַלע ווערט ער אַנטשוויגן און ציט ווײַטער: — ער האָט אַזוי פֿיל געטאָן פֿאַר מיר, דער גוטער לערער זײַד, און איך האָב אים מיט גאָרנישט נישט געקאָנט העלפֿן, ווען ער האָט געדאַרפֿט הילף, ווען די ברוינע היצלעס זענען געקומען און אים פֿאַרשלאָסן אין געטאָ צוזאַמען מיטן ווײַב און קינדער. גאָט וועט מיר נישט מוחל זײַן, ניין, ער וועט נישט מוחל זײַן, דער פֿאַן בוג אין הימל...

— שרעקט זיך נישט פֿאַר אײַער פֿאַן בוג, פֿאַן אַנטאָני — זאָג איך מיט אַ רויִקער שטים און דערקען אַלײן נישט מײַן קול. מיר

דאַכט זיך, אַז עס קומט נישט פון אינעווייניק, פון מײַן צעטרייסלטן געמיט, נאָר פון ערגעץ ווײַט, פון אַן אַנדער וועלט, פון אַן אַנדער פּלאַנעט. — ער קוקט אַראָפּ פון אויבן, אײַער גאָט, און זעט אַלץ, יאָ, ער זעט דאָך אַלץ וואָס דאָ, אונטן, טוט זיך, און גאָרנישט. קינדער שטאַרבן פון הונגער בײַ די ליידיקע בריסט פון זייערע טויטע מאַמעס, און ער שווײַגט, דער פּאַן בוג אין הימל... אויף אונדזער לאַנד, אויף אַ האַלבער וועלט איז אַנגעפלויגן אַ היישעריק און ער פאַרניכטעט אַלץ וואָס שטייט אים אין וועג, פרעסט אויף דאָס לעבעדיקע אויף דער ערד און קאָן זיך גאָר מיטן בלוט נישט אָנזעטיקן און, ער שווײַגט, דער פּאַן בוג אין הימל... צי האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ שטראָף אויף דער ברוינער חיה? צי האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ מבול אויף איר לאַנד? ניין, ער שווײַגט, דער פּאַן בוג אין הימל. ער איז מוחל, ער איז מוחל דעם מערדער. און איר, פּאַן אַנטאַני, האָט מורא, אַז אײַך וועט ער נישט מוחל זײַן? אָ, ער וועט מוחל זײַן, ער וועט מוחל זײַן. גאָט איז דער־באַרעמדיק...

— רעד נישט אַזוי, לעווין, לעסטער נישט — זאָגט פּאַן אַנטאַני. — אין שקאָלע האָט מען אײַך טאַקע נישט געלערנט קיין דרך־ארץ פאַר גאָט, נאָר בלויז פאַרן מענטש, אָבער דו זעסט דאָך צו וואָס דער מענטש איז דערגאַנגען. און אפשר זענען זיי גאָר קיין מענטשן נישט, די דײַטשן. דער טײַוול האָט זיי באַהערשט, דער אַנטיכריסט... גאָט וועט זיי פאַר אַלץ באַצאָלן!

ער שווײַגט אַ רגע, פּאַן אַנטאַני, גיט אַ וויש מיט דער האַנט די לאַנגע וואָנצעס, ווי ער וואָלט אַרויסגעשלעפּט פון אונטער זיי די ווערטער, און חזרט איבער די פריִערדיקע פראַגע:

— וואָס איז מיטן לערער זײַד? פאַר וואָס ענטפערסטו נישט, לעווין, נאָר דו פּרוּווסט מיר פאַררעדן די ציין מיט גאָט, אין וועלכן דו גלייבסט נישט.

— דאָס האָט איר דאָך אָנגעהויבן מיט גאָט, פּאַן אַנטאַני. און מיר דאַכט זיך, אַז הײַנטיקע צײַטן דאַרף מען אים בעסער צו רו לאָזן...

— נו, רעד שוין, לעווין, איך האָב דאָך עפּעס געפרעגט און איך וויל אַן ענטפער.

— עס וואָלט אפשר בעסער געווען איר זאָלט דעם ענטפער נישט הערן, פאַן אַנטאָני. א סך מאָל איז בעסער ווען מען ווייסט נישט. אז מען ווייסט נישט, טוט נישט אַזוי וויי... אָבער אַז מיר האָבן שוין אָנגעהויבן, דאַרף מען פאַרענדיקן... דער לערער זײַד לעבט שוין נישט. אויך די פרוי און קינדער זענען שוין נישטאָ... דאַכט זיך, אַז בלויז לעאָן איז געבליבן.

— וואָס איז געשען, ווי אַזוי ? צי זענען זיי כאַטש געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט ? פון הונגער אויסגעגאַנגען ? האָט מען זיי פאַרנומען אין די לאַפּאַנקעס ?

— ניין, ניין, — זאָג איך, ווי כ׳וואָלט אים פּרווון בארויִקן.

— אַליין זיך דאָס לעבן גענומען...

— אַלע צוזאַמען ?

— יאָ, צוזאַמען.

— ווען ? ווי אַזוי איז עס געשען ?

— בעתן אָנהייב פון דער גרויסער אַקציע אין געטאָ. דער לערער זײַד האָט אָנגעפירט מיט אַ געהיימער קינדערשול אויף מילע-גאַס. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז די שול באַפאַלן געוואָרן דורך געשטאַפּאָ-לײַט און ייִדישע פּאָליציאַנטן און מ׳האָט אַלעמען פאַרנומען. די קינדער צוזאַמען מיט די לערערס. אויסגעשטעלט אין אַ ריי, האָט מען זיי געפירט צום אומשלאַגפּלאַץ. אויפן וועג האָט איינער פון די שילערס, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף, געפּרוּווט אַנטלויפן. ער איז אָפּגעלאָפן קוים עטלעכע טריט ווען אַ געסטאַ־פּאָוויעץ האָט עס באַמערקט און בליץ שנעל אַרויסגעשלעפּט דעם רעוואָלווער פון טאַש, גרייט צו שיסן. דער לערער זײַד איז גראָד געשטאַנען דערבײַ און ער האָט אָנגעכאַפּט דעם דײַטש פאַר דער האַנט. יענער האָט אים אַ זעץ געטאָן מיטן קולאַק אין פּנים. דער לערער איז אומגעפאַלן און דער דײַטש האָט נאָך באַוויזן אויסצו־שיסן. דאָס ייִנגל איז ווײַט נישט דערלאָפן... אין צווישנצײַט איז געוואָרן אַ מהומה און ערגעץ פון אַ טויער האָט זיך אויסגע־

שטרעקט אַ האַנט און אַרײַנגעצויגן אינעווייניק דעם פאַרבלוטיקטן לערער.

— איז ער דאָך געבליבן לעבן... — רײַסט מיר איבער פאַן אַנטאָני.

— יאָ, אָבער נישט אויף לאַנג. אָן די שילערס, די לעצטע שילערס זײַנע, האָט ער שוין מער קיין לעבן נישט געהאַט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים געפונען, דעם לערער זײַד, צוזאַמען מיט זײַן פרוי און די צוויי יינגערע קינדער אָפּגעסמטע אין זייער שטיבל אויף דזשיקע־גאַס. ווו לעאָן איז דעמאָלט געווען, ווייסט מען נישט. קיינער האָט זיי נישט באַגלייט צום בית־עלמין. נישט קיין שילערס, נישט קיין פרײַנד. קיינער איז מער נישט געבליבן. איך האָב זיך דערוווּסט דערוועגן ערשט שפּעטער, שוין נאָך אַלעמען. די פינקערט־לײַט האָבן זיי צוגענומען און מקבר געווען ערגעץ אין אַן אַלגעמיינעם קבר.

— אָ, גאָט, אָ, גאָט מײַנער! — האָט אַרויסגעקרעכצט פאַן אַנטאָני און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

אין דרויסן האָט שוין גענומען טאָגן. פאַן אַנטאָני האָט אַ בלאָז געטאָן אויפן נאַכטלעמפּל און דאָס פלעמל האָט זיך אײַנגעלאָשן. די בלאַסע שײַן וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורכן פאָרהאַנג האָט קוים באַלויכטן אונדזערע פּנימער. שמאַיאַ האָט, דאַכט זיך, געהאַט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט געשלאָפן, אָדער געדרעמלט. די גאַנצע צײַט וואָס איך האָב געשמועסט מיטן אַלטן שולוועכטער, האָט שמאַיאַ זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. איצט האָט ער זיך אויפגעשטעלט, די אויגן נאָך אַלץ האַלב צוגעשלאָסן, און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— וווּהין גייסטו, יונגער־מאַן? — איז פאַן אַנטאָני אויפגעשפּרונגען.

— שלאָפן, אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. איך קאָן שוין נישט מער.

— איז ווו זשע ווילסטו שלאָפן, אויף דער גאַס? וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל אײַך אויסבעטן אין דער הייך, אויפן בוידעם.

אַרום איז פינצטער. נישט קיין פענצטער, נישט קיין טיר. אויף די ווענט וואַנדערן שאָטנס וואָס רײַסן זיך אַהער אַרײַן דורך די שפּאַרעס צווישן די ברעטער. מאָדנע שאָטנס. אָט ווערן זיי קירצער און אָט לענגער, ווי ביימער וואָלטן זיך געוויגט אויף די ווענט. איז איצט טאָג, אָדער נאַכט? אין רוקן פיל איך אַ שאַרפן ווייטיק וואָס דערגייט אַזש ביז די ריפּן. איך טו אַ פיר מיט דער האַנט אַרום זיך, פּרוּוו טאַפּן אין דער פינצטערניש און דערפיל אַ שטעכעניש אין די פינגער. שטרוי. איצט קאָן איך שוין פילן אויך דעם ריח פונעם פרישן שטרוי און ביסלעכווײַז הייבט זיך אָן אויסשיילן פון דער פינצטערניש זײַן געל-גאָלדיקער קאָליר. צוזאַמען מיט דעם שטרויגאָלד, וואָס ליכטיקט אויף אין מײַנע אויגן, ווערט אויך ליכטיקער דער געדאַנק: איך בין אויף אַ בוי־דעם... אויפן בוידעם בײַ פּאַן אַנטאָני אין הויז.

פון אונטן דערגייט אַ גערויש, גלײַך מען וואָלט דאָרט איבער־גערוקט טישן און בענק, און ער מישט זיך אויס, דער גערויש, מיטן ווויען פון ווינט, וואָס רײַסט, דאַכט זיך, די שינדלען פון דאַך. איך שטרענג אָן מײַן געהער און, דורך דעם גערויש און ווויען פון ווינט רײַסן זיך דורך צו מיר קלאַנגען פון אַ באַקאַנטער שטים. שמאַיאַ... יאָ, דאָס איז מײַן חבר שמאַיאָס קול. צו וועמען רעדט ער דאָרט? און פאַר וואָס איז ער נישט אָט-אָ-דאָ צוזאַמען מיט מיר אויפן בוידעם? איך פּרוּוו זיך אויפשטעלן, נאָר די פיס ברעכן זיך אונטער מיר. דער קאָפּ איז שווער, ער פאַלט צוריק אויף דעם געל-גאָלדיקן שטרוי. איך בין קראַנק. נאָך אַלץ קראַנק... ווי לאַנג שוין? און פאַר וואָס בין איך נישט אין מײַן בעט?

שמאַיאָס שטים ווערט אַלץ בולטער. איך הער איצט גענוי זײַנע ווערטער און אויך די ווערטער פון עמעצן אַן אַנדערן. מיר דאַכט, אַז איך דערקען די נישט-פרײַנדלעכקייט פון יענעמס גראָבן באַסאָוון קול.

— יאָ, — זאָגט שמאַיאַ — געקומען פון געטאָ. נישט לײַכט געווען דער וועג, אָבער מיר זענען אים בײַגעקומען. דאָרט האָבן מיר זיך אויסגעלערנט בײַקומען גרעסערע שטערונגען...

— פאַר וואָס זשע האָט איר זיך פאַרהאַלטן דאָ, אין דעם הויז? — פרעגט דער אַנדערער. — דער באַלעבאָס האָט אײַך נישט געזאָגט, אַז דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר פרעמדע?

— מיר זענען נישט אין גאַנצן קיין פרעמדע און, צווייטנס, ניין, ער האָט נישט געזאָגט...

— פאַר מיר זענט איר פרעמדע, און ייִדן אין דעם הויז קאָנען ברענגען נישט מער ווי אומגליק. דאָ איז אונדזערס אַ מעלינע און מיר מוזן זי האַלטן ריין. מער פעלט אונדז נישט, נאָר דער שקאָפּ זאָל דאָ געפינען אויסבאַהאַלטענע ייִדן...

— מיר זענען נישט געקומען זוכן קיין באַהעלטעניש — הער איך שמאַיאָס קול, וואָס קלינגט אַ ביסל נערוועז. — מיר זענען געקומען זוכן געווער. געווער פאַרן געטאָ. געוואָלט גיין ווײַטער, אין דאָרף ווו איך האָב באַקאַנטע, אָבער פּאַן אַנטאָני האָט געזאָגט, אַז אַהער קומען וואַלדייִנגלעך, האָבן מיר באַשלאָסן וואַרטן.

— אָ, פּאַן אַנטאָני, פּאַן אַנטאָני... ער האָט אַ צו לאַנגע צונג. איז וואָס, איר האָט גערעכנט, אַז מיר וועלן אײַך געבן געווער? און געלד האָט איר?

— וואָס, געלד?

— יאָ, געלד... — זאָגט דער אַנדערער, און מיר דאַכט, אַז איך זע אַ בייזן שמייכל אויף זײַן פּנים.

— קיין געלד האָבן מיר נישט, אָבער פאַר עטלעכע רעוואָל־ווערן קאָנען מיר באַצאָלן אַ גוטן פּרײַז.

דער אַנדערער לאַכט.

— אַ גוטן פּרײַז... ייִדן פון געטאָ, און זיי האָבן נישט קיין געלד... דערציי̱ל עס דײַן באָבען אין הימל. הער זיך אײַן, ייִד. יאָ געלד, צי נישט געלד, סײַ ווי סײַ קאָן איך דאָ אַליין גאָרנישט נישט באַשליסן. מײַן געווער וועל איך דיר נישט אָפּגעבן. אויב דו זוכסט טאַקע רעוואָלווערן, וועסטו דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט מיר אין וואַלד אַרײַן, צום קאָמענדאַנט. איצט מוז איך שוין גיין. איך דאַרף זיך דאָ אַרומקוקן. מאָרגן וועל איך זײַן צוריק. ווי עס זאָל נישט

זײַן מוזט איר מאָרגן סײַ ווי פֿאַרלאָזן דאָס הויז. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, דאָ איז אונדזוערם אַ מעלינע. נישטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר צוויי קעץ אין איין זאַק...

אונטן האָט די טיר זיך געעפֿנט און פֿאַרמאַכט. ווידער איז געוואָרן שטיל און ס'האָט אויסגעזען, אַז די פֿינצטערניש הילט מיך אַרום נאָך מער ווי פֿריִער.

אין וואַלד

בעת מיר גערזעגענען זיך זאָגט צו מיר פאַן אַנטאָני הויך אויפן קול :

— געדענק, לעווין, אויפן וועג צוריק טרעט אָפּ בײַ מיר, אומ־באַדינגט, פאַרגעס נישט ! איך וויל אײַך עפּעס מיטגעבן פאַר לעאָנען. זאָל ער וויסן, אַז דער אַלטער פאַן אַנטאָני האָט אים נישט פאַרגעסן.

וואָס זשע טוט מען ? גיין מיט דעם לענגערן וועג, וואָס פירט צו פאַן אַנטאָנים שטיבל, אָדער מיטן קירצערן, וואָס איז אפשר נישט אַזוי זיכער, אָבער דערפאַר נענטער צום געטאָ ? דער רע־וואָלווער, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט מיר געגעבן פאַר די אײַנ־געניייטע אין מײַן מלבוש דאָלאַרן, און וועלכן איך האַלט איצט פעסט פאַרדריקט אין מײַנע פינגער, ווי כ'וואָלט מורא געהאַט ער זאָל נישט אַרויספאַלן פון טאַש אין דעם לאַנגן מאַנטל, מאָנט, דאַכט זיך : שנעלער, שנעלער, מען וואַרט אויף דיר ! אָבער פון דער צווייטער זײַט, טראַכט איך, ווי קאָן מען אַנטווישן דעם אַלטן שולוועכטער. און אפשר האָט ער עס ספּעציעל געזאָגט אַזוי צו מיר אויפן קול, אַז דער אַנדערער, דער וואַלדיונג זאָל הערן און וויסן, אַז ער וואַרט אויף אונדז, פאַן אַנטאָני ?

— ווי מיינסטו, שמאַיאַ — ווענד איך זיך צו מײַן באַגלייטער, וועלכער שפּרײַזט מיט שנעלע טריט פאַרויס, לאָזנדיק טיפע שפּורן אויפן פריש־אַראָפּגעפאַלענעם שניי — אפשר זאָלן מיר טאַקע אַרײַנגיין צו אים ?

שמאַיאַ ענטפערט נישט. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט פאַר־שנעלערט דעם טראָט און זײַן שאָטן וואַקלט זיך צווישן די ביימער, ווערנדיק אַ מאָל קירצער, אַ מאָל לענגער. ווײַזט אויס, אַז ער וויל וואָס שנעלער דערגרייכן די רעלסן פון דער קליינבאַן און דורכגיין דעם געפערלעכן שטח ווי לאַנג עס איז נאָך נאַכט. יאָג איך אים

אָן, גלײַך זיך אוים מיט אים און מיט מײַן פרײַער האַנט גיב איך אַ שלעפּ זײַן הוילן אָרבל.

— שמאַיאַ, דו דרימלסט?

— ניין, איך טראַכט...

— איך טראַכט אויך, שמאַיאַ. איז ווי מיינסטו, זאָלן מיר אַרײַנגיין צו פּאַן אַנטאָנין?

— נישט וועגן דעם טראַכט איך. ער האָט געבעטן, דאַרף מען עס טאָן. אפשר וועט זיך דיר אײַנגעבן צו געפינען דײַן לערערס זון.

— וואָס זשע דען, שמאַיאַ?

— וועגן זיי, וועגן די וואַלדיינגלעך טראַכט איך.

— אַנטוישט, שמאַיאַ?

אַזאַ הינטישער זון... האָט נישט קיין צוטרוי... ייִדן זענען נישט קיין קעמפערס... גיב אים באַוויַיזן, גיב אים, אַז מיר וועלן ניצן דאָס געווער קעגן דײַטש... און ער זיצט זיך אין דער וואַרעמער כאַטע און זשליאָקעט בימבער, גלײַך ס׳וואָלט קיין מלחמה נישט געווען. אין דרויסן וואַרקען די טויבן, פייגעלעך זינגען, אין די פינצטערע ווינקלען פּרוּוון אוים זײַנע זעלנערס דאָס געווער אויף די באַבעס... אידיליע... און דו גיב אים באַוויַיזן... האָסט געזען ווי זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ווען ער האָט דערזען די ווייכע?* וואָס מיר באַוויַיזן, ווען מיר באַוויַיזן, אַלץ איז מיט אַ מאָל באַוויזן געוואָרן, קלאָר און בולט. אַזאַ הינטישער זון... בלויז איין שפּײַער געגעבן. זיי האָבן אַליין נישט גענוג, זאָגט ער. „אַז איר וועט אים ניצן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן, וועט מען זען...”

— שמאַיאַ, שמאַיאַ — זאָג איך, גלײַך כ׳וואָלט אים וועלן באַרויִקן, אָבער פּאַקטיש פּרוּוו איך באַרויִקן זיך אַליין, ווײַל אויך אין מיר קאָכט דאָס בלוט ווען איך דערמאָן זיך ווי דער קאָמענדאַנט האָט אונדז אויפגענומען, — וואָס האָסטו דען דערוואַרט פון

---

* דאַלאַרן — אינעם אָקופּאַציע־זשאַרגאָן.

אים? אַן אַרסענאַל? דאַנק גאָט דערפֿאַר. זאָל זיך דיר דאַכטן — ביי אַ חזיר אַ האָר אַרויסגעריסן... אויך דער איינער וועט גוט צו ניץ קומען.

— איך ווייס, איך ווייס — זאָגט שמאַיאַ — אָבער עס טוט וויי.

איך הער קוים זיינע ווערטער אין דער נאַכטיקער שטילקייט, און מיר דאַכט זיך, אַז זיין פֿוסטער אַרבל אין מיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן.

— אַזוי פֿיל יאָרן געלעבט מיט זיי צוזאַמען, אין איין אָרגאַניזאַציע געווען, אין תּפֿיסה מיטן לעצטן שטיקל ברויט זיך געטיילט — קאָמונע — און איצט...

— פֿאַרגעס, פֿאַרגעס, שמאַיאַ. דאָס אַלץ איז געווען אַ מאָל... יענע ציַיטן זענען שוין פֿון לאַנג פֿאַרביי. יענע וועלט איז שוין פֿון לאַנג חרוב געוואָרן און די מענטשן צוזאַמען מיט איר. איצט זענען אַנדערע ציַיטן און די מענטשן זענען אַנדערע, און דו קאָנסט פֿון זיי נישט דערוואַרטן דאָס זעלבע ווי אַ מאָל. איבעריקנס, אַ מאָל זענען אויך געווען אַזוינע און אַזעלכע...

איך רעד און מיר גלייבט זיך קוים, אַז דאָס זענען מיַינע ווערטער. נישט שוין זשע האָב איך אויפֿגעהערט גלייבן אין מענטש? נישט שוין זשע האָט זיך אים איַינגעגעבן, דעם מערדער, צו פֿאַרסמען אויך מיַין נשמה, איך וויל אים טרייסטן, מיַין חבר, און שטאָט דעם שיט איך גאָר זאַלץ אויף זיַינע ווונדן. און זיַינע ווונדן טוען מיר וויי, וויַיל זיי זענען אויך מיַינע, און זיי פּיַיניקן מיך אָן אויפֿהער.

דערוויַילע נעמט שוין שאַרן אויף טאָג. דער נעפּל, וואָס האָט איַינגעהילט דעם ביַינאַכטיקן וואַלד, ווערט אַלץ שיטערער און הייבט זיך אַריבער די ביימערקרוינען, גיסט זיך צוזאַמען מיט די גרויע כמאַרעס, וואָס הענגען נידעריק איבער די זילבער־וויַיסע סאָסנעס און בזשאָזעס. מיר הערן קוים אונדזערע אייגענע טריט אינעם ווייכן שניי. בלויז פֿון ציַיט צו ציַיט ווערט די שטילקייט צעשטערט דורכן קראַקען פֿון וראָנעס, וואָס קריַיזן אַרום הויך איבער אונדזערע קעפּ, דערוויַיטערן זיך און קומען צוריק, גליַיך

זיי וואָלט דערוואַרט אַ פּעטער ביסן... צי זעען זיי אונדז דורך די געדיכטע ביימערקרוינען? דער רויש פון אַן עראָפּלאַן, וואָס האָט זיך באַוויזן פון דער מערב-זײַט, פאַרטרײַבט די וואָרענעס און דער־מאָנט אונדז, אַז ס'איז צײַט איבערצורײַסן דעם מאַרש. בײַ טאָג איז אַפילו אין וואַלד געפערלעך זיך צו באַוועגן. נישט בלויז פון די דײַטשן דאַרף מען זיך אויסהיטן, אויך פון די „אייגענע", די באַנדעס וואָס לויערן אויף אַנטלאָפענע געטאָ-ייִדן און פילן זיך דאָ ווי בײַ זיך אין דער היים. אַפילו אַ צופעליק פאַרבײַפאָרנדיקער פויער, וואָס וועט דיר זאָגן „גאָט-העלף", קאָן אויף דיר שפּעטער אָנשיקן אַ דײַטשישן פּאַטראָל.

מיר גייען אַראָפּ פונעם הויפּטשליאַך און דורך זײַטיקע סטעזש־קעס דערגרייכן מיר אַן אָנגעוואַלגער פון ביימער, אַרויסגעריי־סענע דורך אַ שטורעמווינט אָדער אַ באָמבע, וואָס האָט פאַרבלאָנד־זשעט אַהער צו בעת די שלאַכטן אין 1939סטן יאָר. דאָ, אינעם גרוב, אונטער די ביימער, קאָן מען זיך אײַנמאַסטען און איבער־וואַרטן דעם טאָג. קיינער וועט אונדז דאָ נישט באַמערקן, סײַדן אַ הונגעריקער וואָלף, וואָס פאַרקריכט אַ מאָל אין די היגע קאַנטן. אָבער אַ וואָלף איז הײַנטיקע צײַטן ווייניקער געפערלעך ווי אַ מענטש...

...ויהי היום השלישי בהיות הבוקר — קומען מיר אויפן געדאַנק די ווערטער פון חומש, וואָס כ'האָב געלערנט אַ מאָל אין שול... און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווי עס איז געוואָרן פרימאָרגן, אַזוי זענען געוואָרן דונערן און בליצן, און אַ שווערער וואָלקן אויפן באַרג, און דאָס קול פון שופר איז געווען זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין לאַגער האָט געציטערט. און משה האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק פון לאַגער גאָט אַנטקעגן.

און עס פּלאָנטערן זיך מיר אין קאָפּ די ווערטער פון חומש מיט די ווערטער פון גאַרקים דערציילונג וועגן דער אַלטער איזערגיל און דעם יונגן דאַנקאָ, וועלכער האָט געפירט זײַן מחנה דורך דעם פינצטערן וואַלד צו ליכט.

...און פלוצעם האָט ער מיט די הענט אויפגעריסן זײַן ברוסט און אַרויסגעריסן פון דאָרט דאָס האַרץ און עס אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ. עס האָט געפלאַקערט העל ווי די זון, און דער גאַנצער וואַלד איז אַנטשוויגן געוואָרן... פאָרויס! האָט אויסגערופן דאַנקאָ, האַלטנדיק הויך זײַן ברענענדיק האַרץ און באַלײַכטנדיק דערמיט דעם וועג פאַר די מענטשן.

איך זע עס, דאָס פלאַמיקע האַרץ איבער דאַנקאָס קאָפּ און איך פיל אַ פוסטקייט אין מײַן ברוסט און אַ קעלט אין די ביינער. אפשר איז עס גאָר מײַן האַרץ וואָס האָט זיך פון ברוסט אַרויסגעריסן און געלאָזן דאָרט אַן אָפענע ווונד, און עס פלאַקערט ערגעץ אין דער נאַכט און באַלײַכט דעם וועג. נאָר פאַר וועמען? ווּ זענען די מענטשן, ווּ איז מײַן מחנה? און ווּ איז דאָס קול פונעם שופר?

איך בין איינינקער אַליין אינעם וואַלד און שטאָט פירן נאָך זיך די מחנה, זוך איך זי אַרום. כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט, פאַרלאָרן דעם וועג, און ערגעץ ווּ וואַרט מען אויף מיר. שׂרהלע וואַרט אין געטאָ, עס וואַרטן חברים, ישׂראליק, זײַן ברודער. און אין טאַש פון מײַן מאַנטל שווערט עפּעס אַ קאַלטער שטאָלענער מכשיר, וועלכן איך האַלט פעסט פאַרדריקט אין מײַנע פרירנדיקע פינגער. נאָר נישט פאַרלירן אים... נאָר נישט פאַרלירן אים...

מיט דער לינקער פרײַער האַנט שאַר איך פונאַנדער די צווײַגלעך פון די געדיכטע קוסטעס וואָס פאַרשטעלן דעם וועג און שלאָג זיך אַדורך דורך זיי אַלץ נעענטער צום צאַנקענדיקן ליכט — מײַן האַרץ, וואָס ווערט אַלץ קלענער, פאַרשווינדט און לײַכט אויף ווידער אויפן שפּיץ פון אַ בוים. פלוצעם זע איך אַ דינע ריטשקע בלוט רינט אַראָפּ פון יענעם בוים, ווּ מײַן האַרץ האָט זיך פאַרטשעפּעט, און רויט ווערט דער בוים און רויט ווערט דער וואַלד, און די רויטקייט, ווי אַ לאַווע, פליסט צו מײַנע פוסטריט וואָס קאָנען זיך מער נישט אָפּרײַסן פון דער ערד. פרווו איך זיך אָנכאַפּן מיט ביידע הענט אין אַ גראָבער צווײַג, און ווי נאָר כ׳האָב זיך אַ צי געטאָן אַרויף צו, דערהער איך אַ פּליעסק אין דער אונטער-

שטער רויטקייט. מײַן גאָט! דער רעוואָלווער! אַרויסגעפֿאַלן פֿון טאַש... מײַן נאַריש האַרץ האָט מיך פֿאַרמאַניעט... „פֿאַרוים! האָט אויסגערופֿן דאַנקאָ". אַלטע איזערגיל, וווּהין האָסטו מיך פֿאַרפֿירט?

די צווײַג האָט זיך אַ וויג געטאָן און מיר דאַכט זיך, אַז עמעץ ציט מיך פֿאַר די פֿיס אַראָפּ צו אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין אַ זומפּ. די פֿיס זענען אַרומגעהילט מיט אַ קלעפּיקער מאַסע און קאָנען זיך קוים באַוועגן. אויך די הענט זענען ווי געליימט, גלײַך ווי עמעץ וואָלט זיי מיר פֿאַרבונדן מיט אַ שטריק אויף אַהינטער. פּרוּוו איך זיך באַפֿרײַען פֿון די פּענטעס. ניין, עס איז נישט קיין שטריק, דאָס זענען לאַנגע ווילדגראָזן וואָס האָבן זיך פֿאַרוויקלט אַרום מײַן קערפּער און גרייכן שוין באַלד ביז די אַקסלען. זאָל איך שרײַען? רופֿן שמאַיאָן צו הילף? חלילה, די דײַטשן קאָנען נאָך דערהערן און כ'וועל ברענגען אַן אומגליק אויף אונדז ביידן. און דאָך רײַסט זיך אַרויס אַ שטילער געשריי, ווי אַ שטאַרבנדיקנס כאָרכלען, פֿון מײַן האַלדז. אַ טויבער עכאָ שלאָגט זיך אָפּ אין די אַרומיקעביימער און קומט צוריק צו מיר אַ דערשטיקטער, קוים צו דערהערן. און אפֿשר איז עס גאָרנישט מײַן געשריי, נאָר דאָס קוואַקען פֿון זשאַבעס וואָס צופּן מײַנע האָר. ניין, דאָס זענען נישט קיין זשאַבעס, עס איז אַ ריזיקער וואָלפֿהונט וואָס שטייט אויף אַ בערגל אין מיטן פֿונעם זומפּ מיט אַ לאַנגן שטעקן אין די פֿאַרהויבענע פֿאָדערשטע לאַפּעס און, שטאָט בילן, לאַכט ער גאָר, דער הונט, מיט אַ טײַוואָליש געלעכטער. מיט איין האַנט, וואָס האָט זיך באַפֿרײַט פֿון די גראָז־פּענטעס, פּרוּוו איך דערגרייכן דעם שטעקן, נאָר דער וואָלפֿהונט טוט מיט אים אַ פּאַך אין דער לופֿט, ווי מיט אַ בײַטש, און זײַן בילן־געלעכטער ווערט אַלץ הילכיקער, גלײַך עס וואָלט קומען נישט פֿונעם בערגל וואָס אין מיטן זומפּ, נאָר פֿון די שווערע וואָלקנס וואָס פֿאַרציִען דעם הימל. באַלד האָט אַ מעכטיקער בליץ צעשפּאָלטן די פֿינצטערניש און בײַם פֿײַערשײַן האָט זיך פֿאַרענדערט די הינטישע מאָרדע. אויפֿן בערגל שטייט מער נישט דער וואָלפֿהונט, נאָר דער קאָמענדאַנט, אַ פּירפּיסיקער,

מיט דעם זעלבן שטעקן אין די פֿאַרהויבענע לאַפּעס. און ער לאַכט, און ער לאַכט...

— וואָס שרײַסטו אַזוי? — הער איך אַ באַקאַנט קול וואָס דערגייט צו מיר פֿון ערגעץ ווײַט און דאָך איז עס אַזוי נאָענט.
— נו שוין, נו שוין, באַרויִק זיך, מײַן ליבער.
איך פֿיל אויף מײַן שטערן אַ צאַרטן באַריר פֿון גוט באַקאַנטע פֿינגער און דעם אָפּדרוק פֿון אַ פֿײַכטן קוש. געעפֿנט די אויגן, זע איך ווי שׂרהלע שטייט איבער מיר מיט אַ טיכל אין האַנט און ווישט דעם שווייס פֿון מײַן פּנים. איך וויל איר עפּעס זאָגן, נאָר די ליפּן באַוועגן זיך נישט. אין מויל איז טרוקן און די ליפּן ברענען, ווי אַ פֿײַער וואָלט געקומען פֿון מײַנע אינגעווייִדן און זיך געוואָלט אַרויסרײַסן דורכן האַלדז.
— ביסט פּיטש נאַס — זאָגט זי, מײַן טײַערע, פֿאַרלייגט אַן אָרעם אונטער מײַן קאַרק און פּרוּווט אַראָפּשלעפּן מײַן פּידזשאַמע. בעת זי בייגט זיך אָן איבער מיר דערזע איך פּערל, וואָס קײַקלען זיך פֿון אירע אויגן צו דער רונדיקער גאָמבע. „נאַרעלע — וויל איך איר זאָגן — וויין נישט, איך בין דאָך דאָ צוריק מיט דיר, אַרויס פֿונעם זומפּ און כ׳וועל שוין מער נישט גיין אַהין..." נאָר די ווערטער קאָנען זיך נישט אָפּרײַסן פֿון דער טרוקענער צונג.
ווידער פֿאַרשליסן זיך די אויגן און כ׳פֿאַרזינק אין אַ טיפֿן שלאָף.

אַ העליש פֿײַער ברענט פֿון אַלע זײַטן, און מיר, ישׂראליק, שמאַיאַ און איך ליגן אײַנגעגנורעט אין אַ גרויסער הינטישער בודע און קוקן אַרויס דורך דער דרײַקאַנטיקער עפֿענונג צום דרויסן, ווו עס הערן נישט אויף פֿאַלן באָמבעס פֿון דײַטשישע עראָפּלאַנען. די ערד ציטערט אַרום אונדז און די פֿײַערצונגען קומען אַלץ נעענטער און נעענטער, באַלד וועלן זיי גרייכן אַהער צו און אונדז פֿאַרשלינגען צוזאַמען מיט דער בודע. פֿון דער ווײַטנס איז די שטאָט, ווו מיר האָבן זיך געזאָלט פֿאַרהאַלטן אויף אָפּרו נאָך אַ

לאנגן מאַרש צוזאַמען מיט טויזנטער פּליטים פון וואַרשע אויפן וועג צו מיזרח, צו דער גרענעץ, וואָס האָט אַ מאָל געלאָקט אונדזער קינדערשע פאַנטאַזיע און האָט איצט אויסגעזען צו זײַן די איינ־ציקע רעטונג פאַר די פאַרצווייפלטע מענטשן, וואָס זענען אַנט־לאָפן פון דער הויפּטשטאָט צו וועלכער עס האָבן זיך דערנעענ־טערט די היטלערישע חיילות. נישט ווײַט פון אונדז ליגט אויפן אויסגעברענטן גראָז אַ ברוינער הונט מיט גרויסע אָפענע אויגן, ווײַזט אוים געטראָפן פון אַ שפּליטער. איז עס יענער וואָלפהונט פונעם זומף, וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהער צו צוזאַמען מיט דער צײַט, וואָס לויפט אַהין און צוריק? ער קוקט אויף אונדז, דער הונט, דער באַלעבאָס פון דער בודע, גלײַך ער וואָלט האָבן טענות הלמאי מיר האָבן פאַרנומען זײַן פּלאַץ, אָדער גאָר בעטנדיק רחמים, הילף וואָס קאָן אים שוין סײַ ווי גאָרנישט נישט העלפן.

צײַטנווײַז דאַכט זיך מיר, אַז נישט קיין הונט איז עס, נאָר אַ פערד, אַ גרויס פערד מיט אַן אָפענעם בויך, וואָס מיר האָבן געלאָזן הינטער זיך, אַנטלויפנדיק פונעם אָנגרײַפנדיקן דײַטש. און די באָמבעס הערן נישט אויף צו פאַלן, די ערד ציטערט און אַלץ אַרום ברענט, און עס ברענט אין האַלדז. אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט אין מויל קיין שלוק וואַסער. פאַר טאָג, ווען עס האָבן גענומען פאַלן די באָמבעס, האָבן מיר זיך אײַנגענורעט דאָ אינעם סאַד און אַזוי ליגן מיר און רירן זיך נישט פון אָרט.

— איך וועל גיין ברענגען אַ ביסל וואַסער — זאָגט ישראליק, ווײַזנדיק מיט דער האַנט אויפן ברונעם וואָס איז נישט ווײַט פונעם אָפּגעברענטן הילצערנעם פּלויט. ער וואַרט נישט אויף קיין ענט־פער, נעמט אַרוים פונעם רוקזאַק די זעלנערשע מענאַשקע, וואָס מיר האָבן געפונען אויפן וועג, און שאַרט זיך אַרוים אויפן בויך פון דער הינטישער בודע. איך וויל אים רופן אויף צוריק, נאָר כ׳קאָן נישט אַרויסבאַקומען קיין וואָרט פונעם פאַרטריקנטן האַלדז. דער־ווײַלע פויזעט ער, ישראליק, אויפן בויך אַלץ ווײַטער און ווײַטער, שטעלט זיך אויף און, אײַנגעבויגענערהייט נעמט ער לויפן. פּלוצעם באַווײַזט זיך אין הימל איבער אים אַ דײַטשישער עראָפּלאַן, גלײַך

ער וואָלט נאָר געוואָרט, אַז עפּעס זאָל זיך נעמען באַוועגן אויפֿן אויסגעברענטן באָדן. דער עראָפּלאַן פּיקירט און נעמט שטעפּן פֿון אַ קוילן־וואָפֿער, נאָר ישׂראליק איז שוין לעבן דעם ברונעם פֿון דער צווייטער זײַט, ווו די קוילן קאָנען אים נישט גרייכן.

— נישט געדאַרפֿט אים לאָזן גיין אַהין — זאָגט שמאַיאַ אָן אויפֿגערעגטער. — עטלעכע שעה אָן וואַסער שטאַרבט מען נאָך נישט. געקאָנט צוואַרטן ביזן אָוונט ווען אַלץ וועט זיך אײַנשטילן.

— פֿאַר וואָס זשע האָסטו פֿריִער געשוויגן, שמאַיאַ?

נישטאָ קיין ענטפֿער. שטאָט דעם באַווײַזט זיך אין דער בודע ישׂראליקס שמייכלענדיק פּנים, און אויף דער ערד — די מענאַשקע, אַ פֿולע מיט וואַסער. שמאַיאַ בייגט זיך אָן און טרינקט זשעדנע, ווי אַ הונט. אַ רגע דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז טאַקע דער טויטער הונט מיט די גרויסע אויגן און נישט דער אויפֿגערעגטער שמאַיאַ.

— ישׂראליק — וויל איך אויסרופֿן — טרײַב אים אַוועק, דעם הונט, ער וועט אַלץ אויסטרינקען!

נאָר ישׂראליק איז פֿאַרשוווּנדן. איך שטרעק אַרויס דעם קאָפּ פֿון דער בודע און זע פֿון דער ווײַטנס אַ לאַסטאויטאָ פֿול מיט פּוילישע זעלנערס, וואָס אײַלן צום פֿראָנט אָדער פֿון פֿראָנט, און אויף דער הינטערשטער קלאַפּע זיצט ער, ישׂראליק, און פֿאָכעט צו מיר מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט מיך רופֿן צו זיך. איך וויל זיך אויפֿשטעלן און לויפֿן נאָך אים, נאָר די פֿיס זענען ווי צוגע־שמידט צום באָרן. און שמאַיאַ טרינקט אַלץ דאָס וואַסער, קאָן זיך נישט אָפּרײַסן פֿון דער מענאַשקע. דער לאַסטאויטאָ ווערט אַלץ קלענער און קלענער, איך זע מער נישט ישׂראליקס רופֿנדיקע האַנט, זי ווערט פֿאַרשוווּנדן אין די פֿלאַמען וואָס לעשן זיך צוזאַ־מען מיט דעם טאָג.

— וואָס ברענט דאָרטן? — פֿרעגט שמאַיאַ אַ פֿאַרוווּנדערטער, ווײַזנדיק מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פֿון פֿאַן אַנטאָנים שטיבל צו וועלכן מיר דערנענטערן זיך נאָך אַ לאַנגן מאַרש דורך וואַלדיקע סטעזשקעס. איך קוק זיך אײַן און אַ רגע דאַכט זיך מיר, אַז דאָס

איז יענע הינטישע בודע אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען און מיר קאָנען זיך נישט אַרויסבאַקומען פון איר. די פלאַמען זענען נאָך ווײַט, אָבער אין דער לופט פילט זיך שוין דער שטיקנדיקער ריח פון ברענענדיק געהילץ. איך וויל זיך לאָזן לויפן אַהין צו, נאָר שמאַיאַ האַלט מיך אָפּ.

— ווּהין, מאַירקע, עס איז געפעלעך...

— אַזוי פיל מאָל שוין געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט. ווּ דו גיסט זיך אַ קער און אַ ווענד איז געפערלעך. לאָז געמאַך, שמאַיאַ... אויב זיך אונטערגעבן דעם געפערלעך, דאַרף מען נעמען און זיך אײַנפּעקלען, און נישט לאָזן זיך אויף אַזעלכע נסיעות ווי אונדזערע.

שמאַיאַ שווײַגט. איך פאַרשטיי גוט זײַן שווײַגן. ער ווייסט, אַז ער קאָן מיך נישט אָפּהאַלטן, און איך ווייס, אַז ער וועט מיך נישט אָפּהאַלטן. פון דעסטוועגן באַרויִק איך זיך אַ ביסל און פאָרזיכטיק דערנענטערן מיר זיך דורך די הויכע פעלדגראָזן צו אַ באַרג טליִענדיקע אַשן.

ניין, כ'האָב נישט געהאַט קיין טעות. דאָ איז געשטאַנען פאַן אַנטאָנים שטיבל. פון דאַנען זענען מיר מיט עטלעכע טעג צוריק אַוועק צו די פאַרטיזאַנערס נאָך געווער און פאַן אַנטאָני האָט אונדז אַרויסבאַגלייט, בעטנדיק מיר זאָלן אַרײַנגיין צו אים אויף צוריק־וועגס. אינסטינקטיוו דריק איך שטאַרקער דעם רעוואָלווער, וואָס אין קעשענע פון מײַן לאַנגן מאַנטל, אַזש די פינגער נעמען ווײ טאָן. נישטאָ מער דער גוטער אַלטער שולוועכטער, נישטאָ זײַן הויז. פון אַלץ איז געבליבן אַ הויפן אַש. ווער האָט עס אונטער־געצונדן דאָס הויז? די דײַטשן? די פאַרטיזאַנערס, וואָס קריגן זיך אַרום צווישן זיך? און ווּ איז פאַן אַנטאָני? צי איז ער פאַר־ברענט געוואָרן צוזאַמען מיט זײַן הויז, אָדער אפשר האָט ער באַוויזן צו אַנטלויפן פון דאַנען?

עס הייבט שוין באַלד אָן טאָגן און מיר דאַרפן נעמען זוכן אַ באַהעלטעניש ווּ איבערצוּוואַרטן די דראָענדיקע טאָגשײַן. פּלוצעם באַווײַזט זיך פון צווישן די הויכע גראָזן אַ געשטאַלט, וואָס

דערנענטערט זיך צו אונדז, ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעקומען. איך קאָן זען די לאַנגע וואָנצעס וואָס הענגען אַראָפּ פונעם פּנים און פּלאָנטערן זיך צווישן די גראָזן. פֿאַן אַנטאָני? יאָ, דאָס איז ער. נאָר וואָס נענטער ער קומט, צעשווימט ער זיך אין דער לופט און עס בלײַבט בלויז אַ שאָטן, אַ לאַנגער שוואַרצער שאָטן, וואָס באַגלייט אונדז אויפן וועג צוריק אין געטאָ.

דער שטיקלייד

די גאַס איז ליידיק, אַזוי ווי מיר האָבן זי פאַרלאָזט מיט אַ וואָך צוריק, פאַר טאָג, מיט דער האָפענונג זיך איינצושאַפן געווער. און דאָך דאַכט זיך, אַז עפּעס האָט זיך דאָ געענדערט, עס איז ווי שטילער געוואָרן. אַן אומרויִקע שטילקייט הויערט צווישן די היַיזער, וואָס האָבן נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק געצאַנקט מיט פאַרגייענ־דיקן לעבן, מיט קרעכצן און געשרייען, מיט געלויף און געפּילדער, גלייך די מענטשן וואָלטן זיך געאַיילט ערגעץ ווּ, אַליין נישט ווייסנדיק ווּהין. און כאַטש די שטילקייט טוט וויי ווי אַן אייטער־דיקע ווונד, איז דאָך עפּעס גרינגער אויפן האַרצן, פאַרט זיך צוריק־געקערט אַהיים פון אַ ווייַטן, אויסמאַטערנדיקן וועג, און באַלד וועלן מיר ווידער זייַן צוזאַמען מיט אונדזערע חברים, וואָס וואַרטן אויף אונדז אינעם בונקער, באַלד וועל איך ווידער זען שׂרהלען, פילן איר וואַרעמען האַנטדרוק און דעם גלעטנדיקן בליק פון אירע דורכדרינגלעכע אויגן וואָס זענען שטענדיק אַ ביסל פאַרזשמורעט, ווי באַהאַלטן אונטער די לאַנגע וויִעס, און בייַ נאַכט וועט זי ווידער זיך טוליען צו מיר ווי פאַר דער לעצטער צעשיידונג.

מיר שלייַכן זיך בייַ די ווענט און הערן דעם אָפּהילך פון אונדזערע אייגענע טריט, מער גאָרנישט. דער שטענדיק באַרע־דעווודיקער שמאַיאַ רעדט נישט קיין וואָרט און איך בין פאַרטאָן אין די אייגענע געדאַנקען, דריקנדיק פעסט דעם קאַלטן „אוצר" אין דער קעשענע פון מייַן מאַנטל. הגם עס איז שוין לאַנג נאָך דער פּאָליציי־שעה, פיל איך זיך זיכערער מיט דעם רעוואָלווער וואָס אונדז האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען בייַם פאַרטיזאַ־נער־קאָמענדאַנט. זאָל זיך נאָר נישט באַווייַזן קיין פּאָליציי־פּאַטראָל, זאָל זיך נאָר איינגעבן אים דערטראָגן, דעם רעוואָלווער, צו אונד־זערע חברים און אים ניצן ווען ס׳וועט קומען די ריכטיקע צייַט.

פון דער האַלב־פינצטערניש שיילן זיך שוין אויס די קאָנטורן

פון אונדזער הויז, וואָס הייבט זיך אַרויס איבער די חורבות פון די אַנדערע הײַזער, צעשטערטע בעת די אַנפּליען פון דער דײַטשישער אַוויאַציע אָנהייב מלחמה. מיר אײַלן צו אונדזערע טריט, נאָר פּלוצעם פאַרהאַלט זיך שמאַיאַ און גיט מיר אַ ציִ פאַרן אַרבל. לעבן אַן אײַנגעפאַלענער מויער ליגט אַ פּעקל אײַנגעוויקלט אין אַ צעריסענער צײַטונג. פון צווישן די יידישע קאַנטיקע אותיות קוקט אַרויס אויף אונדז אַ האַלב־רונדיקע רויטע באָרד ווי אַ ברענענדיקע האַלבע לבנה. איך בייג זיך אָן און וויל פאַרדעקן די באָרד מיט אַ שטיקל צײַטונג וואָס ליגט דערנעבן, נאָר מײַנע הענט ווערן ווי אָפּגענומען. פון צווישן די רויטע האָר, וואָס באַדעקן דאָס אויסגעמאַגערטע פּנים, קוקן אויף מיר אַ פּאָר גרויסע ברוינע אויגן גלײַך זיי וואָלטן פרעגן: „דערקענסט מיך נישט, מאירקע, דאָס בין איך, דער שטיקלייִד..."

דער שטיקלייִד... ווי לאַנג איז ווי איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל? אַ יאָר? אַ יאָרהונדערט? צווישן אונדזער קעלערשטוב, ווו ער פלעגט זיך אַרײַנשטעלן מיט זײַן זאַק אויף די פּלייצעס, כּדי צונויפנעמען דעם אָפּפאַל פון דעם צוגעשניטענעם געוואַנט, די שטיקלעך, פאַר וועלכע ער האָט געצאָלט גראָשנס, לויט דער גרייס און דער וואָג — און דעם פּעקל מיט דער רויטער באָרד אויפן שמוציקן געטאָ־טראָטואַר איז אַן אומבאַגרײַפלעכער מהלך, אַ ים מיט בלוט, וואָס פאַרשווענקט מיך און טראָגט אַוועק אויף צוריק.

...— באַלד וועט קומען דער שטיקלייִד און דיך אַוועקטראָגן אין זײַן זאַק — זאָגט דער טאַטע, נאָר איך הער נישט אויף צו וויינען. וואָס מיר שטיקלייִד, ווען מיר שטיקלייִד, אַז איך בין הונגעריק און קיין עסן קריג איך נישט. נאָר אָט באַווײַזט ער זיך, אַ קליינינקער, עטוואָס העכער פון מײַנע זעקס יאָר, מיט אַ שפּיציקן הוט אויפן קאָפּ, ווי אַ שקאָרמעץ וואָס מאַכט אים ענלעך צו אַ שרעטעלע, פון יענע שרעטעלעך וואָס וואַנדערן אַרום אין וואַלד און כאַפּן קינדער. די רויטע באָרד וואָס פאַרדעקט אַ האַלב פּנים

פאַרשטעלט זײַן מויל און ווען ער רעדט, דאַכט זיך, אַז די ווערטער ווערן פאַרלוירן צווישן די געדיכטע האָר.

ער עפנט דעם גרויסן זאַק, דער שטיקלייִד, און ווענדט זיך צו מיר:

— קום אַהער, מאירקע, העלף מיר.

— איך בין הונגעריק...

— קום, טיפּש איינער. וועסט מיר העלפן, קריגסטו אַ פינעוואַ.

פאַר פינעף גראָשן קאָן איך קויפן אַ בייגל און נאָך קריגן אַ רעשט בײַ „מײַטל מיטן שײַטל" — די ייִדענע וואָס שטייט אין עק גאַס און רופט אויס איר סחורה: „דראַ אַ צעינאַ, דראַ אַ צעינאַ, פרישע הייסע בײַגל גלאַך פין בעקאַ!" הער איך אויף וויינען און נעם העלפן דעם שטיקלייִד אָנשטופּן דעם זאַק מיט די שטיקלעך געוואַנט וואָס וואַלגערן זיך אונטערן טיש, ווו דער טאַטע שטייט און פּרעסט די הויזן מיט דעם הייסן פּרעסאײַזן פון וועלכן ס'טראָגט זיך אַ פאַרע אַזש ביז צום סופיט. דאָס האַרץ קלאַפּט בײַ מיר פון שרעק, ער זאָל מיך נישט אַרײַנשטופּן אין זאַק אַרײַן צוזאַמען מיט די שטיקלעך געוואַנט, אָבער איך טו מײַן אַרבעט פלײַסיק, קוקנדיק דערבײַ בגנבה אויף זײַנע גרויסע הענט וואָס שטאַרצן אַרויס פון די לאַנגע אַרבל און זעען אויס ווי מעטאַלענע צוואַנגען.

אויגן האָט ער אָבער גוטע, דער שטיקלייִד, גרויסע ברוינע אויגן וואָס שמייכלען אַפער פון די דיקע אויגן-לעפלעך, ווי זײַ וואָלטן זאָגן: „שרעק זיך נישט, ייִנגעלע, באַלד וועלן מיר אַוועקשטעלן דעם פולן זאַק אין אַ זײַט און אויסציילן מזומן. פון די שטיקלעך געוואַנט וועט ווערן ברויט, פריש ברויט מיט פּוטער, און דער הונגער וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט מיר..."

און ער איז פאַרשוווּנדן דער הונגער. און פאַרשוווּנדן איז דער שטיקלייִד מיט דער רויטער באָרד און גרויסע ברוינע אויגן. אויף ווי לאַנג?

די לבנה האָט שוין אַרײַנגעקוקט דורכן פענצטער ווען די מאַמע האָט מיר דערלאַנגט די פופציק גראָשן, וואָס דער שטיקלייִד האָט

באַצאָלט פֿאַר דעם פֿולן זאַק סחורה, און געהייסן מיך אַריבערגיין אין דער שפּײַזקראָם קויפֿן אַ ברויט מיט אַ הערינג אויף וועט־שערע. איידער זי האָט נאָך אַרויסגערעדט די פּאָר ווערטער — „גיי און קויף" — בין איך שוין געווען אין דער שפּײַזקראָם. ריוועלע, די פֿאַרקויפֿערין, קען מיך גוט, זי איז אונדזערס אַ שכנטע, וווּנדערט זי זיך וואָס איך קום אַזוי שפּעט אין אָוונט קויפֿן אַ ברויט:

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — פֿרעגט זי. — און וווּ ביסטו געווען אין דער פֿרי, ווען דאָס ברויט איז פֿריש אויסגעבאַקן? וואָסי, די מאַמע האָט דיך געשיקט צו דער פֿאַרסאַרגעטער טעמען? איר ברויט איז בעסער ווי מײַנס?

— ניין — זאָג איך — כ'בין נישט געגאַנגען צו דער פֿאַרסאַר־געטער. מיר האָבן געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אויפֿן שטיקלייד.

— אויף וועמען?

— אויפֿן שטיקלייד. נו, דער קליינער ייִד מיטן זאַק, וואָס קומט קויפֿן די שטיקלעך.

— וואָס עפּעס אויף אים?

— די מאַמע האָט נישט געהאַט קיין געלט.

— אוי וויי איז מיר! — רופֿט אויס ריוועלע — האָסט נישט געקאָנט אַרײַנקומען נעמען אויף באָרג? עץ זענט נאָך גאַנץ קראַנט בײַ מיר.

— די מאַמע האָט געזאָגט, אַז עס פּאַסט נישט. צו פֿיל אָנגע־באָרגט... מער באָרגט זי נישט...

ריוועלע דערלאַנגט מיר דאָס גרויסע קײַלעכדיקע ברויט וואָס, הגם עס איז שוין נישט אַזוי פֿריש, שמעקט עס נאָך מיט קימל, פּאַקט אײַן דעם הערינג אײַנגעוויקלט אין אַן אַלטער צײַטונג און גיט נאָך אַ שטיקל קעז אויף אַ צוליײג.

צוריקגעקומען אין שטוב, דערצייל איך מיט פֿרייד דער מאַמען די גאַנצע געשיכטע וועגן מײַן געשפּרעך מיט ריוועלען אין דער שפּײַזקראָם. אויסגעהערט מיך ביזן סוף, גיט זי זיך אַ כאַפּ, די מאַמע, פֿאַרן קאָפּ מיט אַ געשריי:

— אוי, אַ בראָך האָט מיך געטראָפן! הערסט יעקב, דײַן תּכשיטס חכמה? ווי אַזוי וועל איך איצט ווײַזן מײַן פּנים פֿאַר מענטשן? געוואָרט אויפֿן שטיקלייִד... די מאַמע האָט נישט געהאַט קיין געלט... — חזרט זי איבער מײַנע ווערטער. — נאָך וויניק געהונגערט אַ גאַנצן טאָג, איז נאַ דיר דאָס...

די לעצטע ווערטער רעדט זי שוין אַרויס, די מאַמע, שטיקנדיק זיך מיט טרערן.

— נו שוין, נו שוין, באַרויִק זיך — זאָגט צו איר דער טאַטע פֿון הינטערן קעפּל פֿון דער ניימאַשין. — ר'איז דאָך נאָך אַ קינד. וואָס ווילסטו פֿון אַ קינד. אַ קינד ווייסט נישט פֿון קיין חכמות. נעם בעסער און מאַך עפּעס צום עסן. שוין צײַט איבערצובײַסן.

די מאַמע צעשנײַדט דאָס ברויט אויף דינע פּענעצלעך, ציט אַראָפּ די הויט פֿונעם הערינג און גרייט צום טיש, ווישנדיק מיטן פֿאַרטעך די טרערן פֿון די אויגן.

ווי האָט ער געהייסן, דער שטיקלייִד, האָב איך זיך קיין מאָל נישט דערוווּסט. אַזאַ איז ער פֿאַרבליבן פֿאַרקריצט אין מײַן זכּרון: אַ רויטע פֿײַערדיקע באָרד און גרויסע ברוינע אויגן. און שטענדיק קומט ער מיר אַנטקעגן, ווען ס'מאַטערט דער הונגער, און דער־לאַנגט מיר אַ פֿינפֿערל. איין מאָל האָב איך געוואָלט זיך אָפּדינען.

...צווישן די שרײַענדיקע בעטלערס, נישט ווײַט פֿון בית־עולם־טויער אין געטאָ, איז ער געשטאַנען, דער שטיקלייִד, אַ שווײַגנדי־קער, בלויז געמורמלט עפּעס מיט די ליפּן ווי ער וואָלט תּפֿילה געטאָן, און זײַן פּוסטער הוטשקאַרמעץ איז געלעגן אויף דער ערד בײַ זײַנע פֿיס. כ'האָב אים דערזען פֿון דער ווײַטנס, נישט אים, נאָר די פֿײַערדיקע באָרד זײַנע, און ס'האָט מיר פֿאַרקלעמט בײַם האַרצן. מעכאַניש האָב איך אַראָפּגעלאָזט מײַן האַנט אין דער הויזן־קעשענע און... גאָרנישט נישט געפֿונען. קיין איינציקע מטבע נישט. אַ פֿאַרשעמטער האָב איך פֿאַרקערעוועט אין אַ זײַט און צוגעאײַלט מײַן טראָט. כ'האָב קוים באַוויזן אַ ביסל זיך צו דער־ווײַטערן, ווי פֿון דער אָקאָפּאָווע־גאַס איז אָנגעפֿאָרן אַ לאַסטאויטאָ

מיט עם-עם-לײַט. זיי זענען שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון דער צע־עפנטער קלאַפּע און מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אַרומגערינגלט די בעטלערס. איך האָב נאָך באַוויזן צו פאַרשטעקן זיך אין אַ טויער און כ'האָב מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט, געוואָלט זען וואָס וועט דאָ ווײַטער געשען.

איינער אַ גראָבער דײַטש מיט אַ רויטן פּרצוף, באַדעקט מיט גרויסע שווייסטראָפּנס, האָט אויפגעשטעלט אַ דרײַפוס און פון אויבן צוגעפּעסטיקט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. אַנדערע האָבן פונעם לאַסטאויטאָ אַראָפּגעשלעפּט עטלעכע בלאָנדע מיידלעך, ווײַזט אויס געכאַפּטע אין אַן אָבלאַווע אויף דער אַרישער זײַט און זיי באַפוילן אויסצוטאָן די קליידער. די מיידלעך זענען געשטאַנען האַלב-נאַקעטע און געציטערט, הגם עס איז געווען פריִער האַרבסט און די זון האָט געוואַרעמט, ווי שטענדיק אין דער צײַט. געלע בלע־טער פון די ביימער וואָס אויף יענער זײַט בית-עולם-פּלויט, פאַרטראָ־גענע פון ווינט, זענען געפאַלן אויף די בלאָנדע קעפּ און ווי דערנער זיך פאַרפּלאָנטערט אין די מיידלעכס האָר.

דער גראָבער דײַטש האָט געלאַכט און דער פאָטאָ-אַפּאַראַט זײַנער האָט אָן אויפהער געקנאַקט, גלײַך ער וואָלט הנאה געהאַט פונעם ספּעקטאַקל. יענע דײַטשן, וואָס האָבן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אַרומגערינגלט די בעטלערס, האָבן זיי גענומען טרײַבן צום מיטן גאַס, וווּ עס זענען געשטאַנען די האַלב-נאַקעטע מיידלעך. איינער, אַ יונגער דײַטש מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, האָט מיט רוגזה אַ געשריי געטאָן:

— טאַנצט, פאַרפלוכטע יודע, טאַנצט מיט די מעדכען!

און די איבעריקע דײַטשן האָבן זיי אונטערגעטריבן מיט די ביקסן. און דער פאָטאָ-אַפּאַראַט האָט געקנאַקט. די בעטלערס האָבן געפּלאָנטערט מיט די פיס און צעשאַרט די פרי-האַרבסטיקע בלע־טער אויפן ברוק.

— אָט אַזוי, אָט אַזוי! — האָט געשריגן דער יונגער דײַטש און באַפוילן די בעטלערס זיי זאָלן פאַרלייגן די הענט אַרום די מיידלעכס לענדן און העכער הייבן די פיס.

די בעטלערס האָבן נישט גלײַך געפאָלגט. ערשט ווען עס האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן און די קוילן זענען געפלויגן נידעריק איבער זייערע קעפּ, זענען זיי ווי צוגעפאַלן צו די מיידלעך און גענומען טאַנצן אין אַ ראָד. איך האָב געזוכט צווישן די טאַנצנדיקע דעם שטיקלייִד און אים נישט געפונען. שטאָט צווישן די טאַנצנ־דיקע איז ער גאָר געלעגן אויף דער ערד לעבן אַ וואַנט און זיך געוואָרפן ווי אין קאָנווולסיעס. איבער אים איז געשטאַנען אַ דײַטש און מיט זײַן גלאַנציקן שטיוול אים געקאָפּעט אין בויך.

— אופשטיין, פאַרפלוכטע יודע! — האָט ער געשריגן און נישט אויפגעהערט דערלאַנגען אים מיטן שפּיץ פונעם שטיוול.

אַ גרויער וואָלקן האָט פלוצעם פאַרשטעלט די זון און פון הימל האָט אַ גאָס געטאָן אַ רעגן. גרויסע בלוטיקע טראָפּנס זענען געפאַלן אויף דער גאָס באַגלייט פון דונערן און בליצן, וואָס האָבן אָנגעצונדן די ביימערקרוינען. די דײַטשן זענען שנעל אַרויף אויפן לאַסטאויטאָ, פאַרצויגן די דעק און פאַרשוווּנדן אין דער פינצטער־ניש. די בעטלערס און די מיידלעך זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זײַטן און איך האָב מער קיינעם נישט געזען פון מײַן באַהעלטע־ניש אין טויער.

איבערגעוואָרט אַ שטיקל צײַט ביז ס'האָט אויפגעהערט כליאַ־פּען, בין איך אַרויס פונעם טויער און אַוועק אין דער ריכטונג, ווו כ'האָב פריִער געזען ליגן דעם שטיקלייִד. נאָר ער איז נישט געווען, פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די רעגן־טראָפּנס וואָס האָבן געלאָזן רויטע פלעקן אויפן ברוק.

דער שטיקל־ייִד ווערט גרעסער און גרעסער

ער איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר פון אונטער דער ערד, ווי אַ שוואָם, אין מיטן דער רוישיקער געטאָ־גאַס, און איך האָב זיך שיִער נישט איבערגעקערט צוזאַמען מיט אים.

— וווּהין לויפסטו אַזוי, מאירקע? — האָט ער געפרעגט — דערקענסט מיך נישט?

— דער שטיקל־ייִד! — האָב איך אַרויסגעפּלאַצט אַ פאַרוווּנ־דערטער. — וואָס הייסט כ׳דערקען נישט? אין מיטן נאַכט אין פינצטערן וואַלד וואָלט איך אײַך דערקענט. אויב נישט אײַך, איז די באָרד.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט זײַנע גרויסע ברוינע אויגן.

— ווי קומט איר אַהער? כ׳האָב דאָך געמיינט, אַז איר לעבט שוין נישט. געזען אייך בײַם בית־עולם ווען די בעטלערס האָבן געטאַנצט און אײַך האָט אַ דײַטש געקאַפּעט אין בויך ווען איר זענט געלעגן אין קאַנוווּלסיעס.

כ׳האָב געוואָלט צוריקכאַפּן מײַנע ווערטער, נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז איך ווייס זײַן מעמד.

— יאָ, מאירקע, געזען צווישן די בעטלערס... קיין שטיקלעך פאַרקויפט הײַנט קיינער נישט, און לעבן דאַרף מען... און דײַן טאַטע, דײַן מאַמע, ווו זענען זיי?

כ׳האָב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דער שטיקל־ייִד האָט מיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער.

— מאירקע — האָט ער געזאָגט שטיל, אַ שלעפּ טוענדיק מיך פאַרן לאַץ איך זאָל זיך אָנבייגן נעענטער צו זײַן באָרד — איך וויים, אַז דו ביסט אין דער אָרגאַניזאַציע. פרעג נישט פון וואַנען. דער שטיקל־ייִד ווייסט אַלץ. איך וויל העלפן.

— איר?

— יאַ, איך. וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי?

— ווייסט איר דען נישט, אַז מיט אונדז איז געפּערלעך?

— און אַן אײַך איז דען נישט? הײַנט לעבט מען און מאָרגן קאָן מען אָפּגעבן די באָנע... איז זאָל כאָטש זײַן נישט אומזיסט...

— הער, אַלטער — האָב איך געזאָגט, פּרוּווּנדיק אים אָפּפּטרן מיט אַן אויסרייד — עס איז נישט אָפּהענגיק פון מיר. איך מוז זיך אָנפרעגן בײַ די אַנדערע.

— נו גוט, פרעג, אָבער לאָז מיך נישט צו לאַנג וואַרטן. מאָרגן קאָן שוין זײַן צו שפּעט.

מיר האָבן אים אַרײַנגענומען אין אונדזער גרופּע. שמאַיאַ האָט זיך מיט אים באַזונדערש באַפרײַנדט. צוזאַמען זענען זיי געגאַנגען אָרגאַניזירן שפּײַז, צוזאַמען האָבן זיי אויסגעפונען אַ פּאַרלאָזן הויז אויף ניסקע־גאַס, ווו מיר האָבן אויסגעבויט אונטער אַ קעלער אונדזער בונקער. דער שטיקלייד האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין דער קעלערשטוב, וווהין ער האָט צונויפגעשלעפּט עטלעכע מעבלשטיקער פון די אַרומיקע חורבות. בײַ טאָג האָט ער געוואַכט, בעת מיר האָבן אונטן געדרוקט אויף אַן אַלטער מאַשינקע פלוג־בלעטלעך פאַר דער אָרגאַניזאַציע. בײַ נאַכט פלעגט ער אַראָפּקומען צו אונדז און דערציילן וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, ווען די דײַטשן האָבן צוגענומען, ווו עס איז געווען אַ לאַפּאַנקע, וואָס פאַר אַ נײַע באַפעלן האָט אַרויסגעגעבן דער יודענראַט.

איין מאָל איז ער פאַרלוירן געגאַנגען, דער שטיקלייד. אַוועק אין דער פרי און מער זיך נישט באַוויזן. עטלעכע טעג האָבן מיר אים אַרומגעזוכט, נאָכגעפרעגט בײַ באַקאַנטע אין געטאָ, בײַ די בעטלערס, זײַנע אַמאָליקע פרײַנד, נאָר קיינער האָט נישט געוווּסט, נישט געהערט פון אים, נישט געזען אים.

— אָ, דער קליינער מיט דער רויטער באָרד? דאַכט זיך, אַז אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט אים פאַרנומען.

— כ'האָב אים געזען מיט דער לאָמער לאה פונעם הײַזל — האָט אַן אַלטער בעטלער געפּרוּווט חוזקן.

— מ׳זאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ גביר און זיך אָפּגעגאָלט די באָרד, איצט קאָן מען אים נישט דערקענען...

אויפן דריטן טאָג האָט ער זיך באַוויזן אין אונדזער מעלינע אַ באָרוועסער, מיט צעקאַליעטשעטע פיס און פאַרטריקנטע בלוט־פלעקן אונטער די גרויסע ברוינע אויגן, און ער האָט דערציילט:

— כ׳בין געגאַנגען ווי געוויינטלעך אויף דזשיקע־גאַס צו מײַנעם אַ ידיד ווען זיי זענען אָנגעלאָפֿן, די עס־עס־לײַט, ווי די הינטשלעגערס, און גענומען כאַפּן אויף לינקס און אויף רעכטס, אַז געכאַפּט זאָלן זיי ווערן... נישט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן ווי כ׳בין אין דער מיטן פון אַ געזעמל און אַרום אונדז די כאַפּערס. די גאַס האָט זיך אויסגעליידיקט איינס און צוויי, און זיי האָבן געבילט ווי די הינט, געשלאָגן איבער די קעפּ און אַרײַנגעשטופּט אַלע אין אַ לאַסטוואָגן וואָס איז אָנגעפאָרן פון דער גענשע־גאַס. איך קוק זיך אַרום אין אַלע זײַטן, אפשר קאָן מען אַראָפּשפּרינגען און נעלם ווערן, אָבער פון אַלע זײַטן באַגלייטן אונדז די היצלעס אויף מאָטאָ־ציקלען און איידער וואָס־ווען גיט זיך אָן עפן דאָס טויער פון פּאַוויאַק און מיר זענען אין פּעקל.

אין תּפֿיסה־הויף האָבן מיר איבערגענעכטיקט אונטערן פרײַען הימל, נישט געגעסן, נישט געטרונקען און נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט איינער צום אַנדערן. „ניכט שפּרעכען!" — האָט געוואָרנט דער פּאָליציאַנט וואָס האָט געהיט די אַרעסטירטע ייִדן. פאַר טאָג האָט מען אונדז ווידער אויפגעלאָדן, ווי בהמות, אויף אַ לאַסטוואָגן און אַוועקגעפירט צום ווילנער וואָקזאַל.

דער שטיקלייִד איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט דעם שטערן און אַראָפּ־געלאָזט זי איבער דער באָרד. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט, צי זאָל ער ווײַטער דערציילן, צי וועט מען אים גלייבן די אומגלייבלעכע געשיכטע.

— אויפן ווילנער וואָקזאַל — האָט ער ענדלעך גענומען ווײַטער רעדן — האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז, אויף אַ זײַטיקער באַן־

ליניע, פּראַכטוואַגאָנען, נאָר קיין לאָקאָמאָטיוו האָט זיך נישט געזען. מיט געשרייען, זידלערײַען און קלעפּ פון ביקסן־קאָלבעס האָבן די דײַטשן אונדז אַרײַנגעטריבן, אַ מאַן פופציק, אין אַ שמוציקן וואַגאָן, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט עיפּושדיקן שטרוי, ווײַזט אויס, אַז פריִער האָט מען אין אים געפירט פערד, און פאַרקלאַפּט די שווערע טירן מיט אײַזערנע פּרענטן. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט אונדז אַרומגענומען אין מיטן העלן טאָג. און דאָך האָבן מיר אַ ביסל פריַיער אָפּגעעטעמט, דערפילט זיך אַליין צווישן אייגענע, אָן שומרים מיט ביקסן, אָן געשרייען און זידלע־רײַען. ביסלעכווײַז האָט מען זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש, און אין דער שטיקעניש און ענגשאַפט האָט יעדער געפּרוּווט געפי־נען ערגעץ אַ ווינקל פאַר זיך. פּלוצעם האָט דער וואַגאָן זיך געטאָן אַ שאָקל, ס'האָט זיך דערהערט אַ קנאַק, ווי עמעץ וואָלט אויס־געשאָסן פון אַ ביקס, און די מענטשן אינעווייניק זענען געפאַלן איינער אויפן צווייטן. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן צוגעטשע־פּעט דעם לאָקאָמאָטיוו. באַלד האָבן מיר טאַקע גענומען פאָרן, נאָר וווהין האָט קיינער נישט געוווּסט.

בעת דער וואַגאָן האָט גערירט פון אָרט האָט זיך ערגעץ אין דער הייך, נאָענט צום דאַך, באַוויזן אַ קליין פאַרקראַטעוועט פענצ־טערל און דורך די קראַטעס האָבן זיך דורכגעריסן דינע פּאַסמעס ליכט. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט און נישט ווײַט פון דעם אָרט, וווּ איך בין געשטאַנען, האָב איך דערזען אַ באַקאַנט פּנים. דײַן שכן, מאירקע, דער קוילן־טרעגער איטשע דראָנגאַל. נאָר דאָס איז שוין נישט געווען דער זעלבער דראַנגאַל ווי אַ מאָל. עפּעס האָט ער אויסגעזען קלענער, ווי ער וואָלט זיך אײַנגעקורטשעט, דער קאָפּ געבויגן, ווי ס'וואָלט אים געצויגן צו דער ערד. אויך ער האָט מיך באַמערקט און זיך צוגערוקט נענטער צו מיר.

— גוט אַרײַנגעפאַלן, האַ, שטיקלייִד — האָט איטשע דראָנגאַל אַ פּליסטער געטאָן, אָנבייגנדיק זיך צו מײַן אויער. כ'האָב קוים געהערט זײַנע ווערטער, וואָס זענען פאַרטויבט געוואָרן דורכן גערויש פון די רעדער.

— וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? ביסט דאָך אַ חכם אַ ייִד, גיב אַן עצה.

— מיר איז געוואָרן שלעכט. כ'האָב זיך שיִער נישט צעוויינט, אַזוי שטאַרק האָט מיך גענומען שטיקן אין האַלדז. אַזאַ ריז, איטשע דראַנגאַל, פאַר וועמען אַ גאַנצע גאַס מיט ווילע־יונגען האָט געציטערט, בעט ביַי מיר אַן עצה. ביַי מיר, דעם שטיקלייִד, וואָס גרייכט אים קוים צום ראָספּער...

פּלוצעם איז מיר איַינגעפאַלן אַ געדאַנק. כ'האָב אַ קוק געטאָן אויפן פענצטערל און אויף איטשען. צי וועט ער בכוח זיַין? אַ מאָל וואָלט עס פאַר אים געווען אַ קינדערשפּיל, אָבער היַינט?

— איטשע — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו אים, וויַיזנדיק מיט די אויגן אויף די קראַטעס ביַים פענצטערל. — וואָלטסט געקאָנט?

— דו מיינסט?

— יאָ, כ'וואָלט זיך געקאָנט דורכשטופּן.

— און איך?

דערויף האָב איך נישט געהאַט קיין ענטפער. ער האָט פאַרשטאַנען מיַין שוויַיגן.

די רעדער האָבן געטראַסקעט אָן אויפהער און פאַרטויבט די תפילות פון איייניקע ייִדן וואָס האָבן זיך צונויפגעקוועטשט אין אַ ווינקל פון וואַגאָן.

כ'האָב געוואַרט מיט אומגעדולד. וואָס וועט דאָ זיַין? צי וועט ער, איטשע דראַנגאַל, אַרויסברעכן די קראַטעס פון פענצטערל און העלפן מיר אַרויסריַיסן זיך פון מלאך־המוותס הענט, אָדער ער וועט גיכער טראַכטן וועגן אייגענעם גורל: „און איך?”

לאַנג האָב איך נישט געמוזט וואַרטן. ער האָט אויפגעהויבן די הענט און גענומען ברעכן די קראַטעס. דערוויַילע האָט זיך אין וואַגאָן אויפגעהויבן אַ טומל. „וואָס טוט ער, דער משוגענער?” — האָבן עטלעכע ייִדן גענומען שריַיען. „ער וועט דאָך אונדז אומגליקלעך מאַכן...” און זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו אים מיט אויפגעהויבענע פויסטן.

איטשע האָט אַ רעווע געטאָן ווי אַ לייב: „אַוועק, איר ווערעם

וואָס איר זענט!" זײַן געשריי האָט געווירקט. די פאַרגלזשעטע ייִדן זענען אָפּגעטראָטן און ער האָט ווײַטער געטאָן דאָס זײַניקע. איצט האָבן אַלע זיך צוגעקוקט מיט באַוווּנדערונג ווי איטשע דראַנגאַל האָט אויסגעבויגן די קראַטעס, אַזוי ווי איטשע ברייט־באָרד פלעגט עס טאָן אַ מאָל אין צירק, און לסוף אַרויסגעריסן זיי פון די פראַמוגעס. נישט לאַנג געוואַרט האָט ער מיך אַ הייב געטאָן ווי אַ פילקע און אַרויסגעשטופּט אין דער העלפט דורכן אָפענעם פענצטערל. מיר האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. דער צוג איז געלאָפן דורך אַן אָפענעם פעלד און פאַרויס האָט געברענט דער האָריזאָנט. איך האָב געוואָלט זיך אָפּרײַסן פון וואַגאָן און נישט געקאָנט. אינעווייניק האָט איטשע דראַנגאַל מיך פעסט געהאַלטן פאַר די פיס. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ פײַף פון לאָקאָמאָטיוו און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער רויש פון די רעדער ווערט אַ ביסל שטילער. אין דער זעלבער רגע האָב איך דערפילט אַ שטויס, די פיס האָבן זיך באַפרײַט און כ'בין אַ פאַל געטאָן צום פעלד, צום גראָז וואָס האָט זיך געדרייט אַרום מיר ווי אַ קאַרוזעלע. כ'בין געבליבן ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַ שרעקלעכן קאָפּווייטיק. דער רויש פון די רעדער האָט זיך דערווײַטערט, אָבער בײַ מיר אין קאָפּ האָט נאָך אַלץ געררוישט, עפּעס האָט געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער אין די שלייפן.

ווידער איז דער שטיקלייִד אַנטשוויגן געוואָרן, גלײַך ער וואָלט געוווּיגן די ווערטער. ער האָט שווער אָפּגעעטעמט און ענדלעך ממשיך געווען:

— כ'ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן, נאָר ווען כ'האָב געעפנט די אויגן האָב איך דערזען אַן אויסגעשטערנטן הימל און פון צווישן די שטערן איז אַרויסגעקומען אַ פויער, אַ באָרוועסער, אין אַ צעכראַסטעטע העמדל און קאַראַמיסלעס אויף די אַקסלען, גלײַך ער וואָלט פון הימל אַראָפּגעפאַלן, און געשטעלט זיך בײַ מיר צוקאָפּנס.

— וואָס טוסטו דאָ, זשידעק — האָט ער געפרעגט מיט אַ קוויטשענדיק קולעכל — אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן?

— יאָ, פון וואַגאָן, אַנטלאָפן פון די דײַטשן — האָב איך געענטפערט, קוקנדיק אים גלײַך אין די אויגן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז לייקענען האָט נישט קיין זינען. אָדער, אָדער. מײַן לעבן איז איצט סײַ ווי אין זײַנע הענט.

ער האָט מער גאָרנישט נישט גערעדט, דער פויער, אַראָפּגענומען די קאָראַמיסלעס פון די אַקסלען, האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער מיר, אַראָפּגעצויגן די שיך פון מײַנע פיס און אַרויפגעצויגן זיי אויף זײַנע באָרוועסע טרעטערס. „זיי פּאַסן״ — האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין. — „אַזאַ קליינער זשידעק און אַזעלכע גרויסע פיס...״

ער האָט צוריק פאַרוואָרפן די קאָראַמיסלעס אויף די אַקסלען און איז אַוועק, ווײַזט אים צום טײַך, וואָס האָט געמוזט זײַן נישט ווײַט פון אָרט ווו ער האָט מיך געפונען.

דער שטיקליד איז אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס מאָל שוין אויף גוט. מער האָבן מיר פון אים קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. ווי אַזוי ער איז דערגאַנגען צוריק צו אונדז איז געבליבן אַ סוד.

צוגעקומען צו אונדזער הויז צווישן די חורבות האָב איך דערפילט אַ ציטער אין הארצן. דאָס טויער, וואָס איז אַלע מאָל געווען פאַרשפּאַרט, אַ סימן אַז די מויער איז פאַרלאָזן און קיינער לעבט דאָ נישט מער, איז איצט געווען אויפגעפּראַלט און אַ ווינט האָט אָנגעיאָגט פאַרשיידענעם בראָכוואַרג. וואָס האָט פאַרצוימט דעם אַרײַנגאַנג. כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף שמאַיאָן, און ער אויף מיר. אונדזערע בליקן האָבן זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער: עפּעס איז דאָ געשען...

שנעל האָבן מיר זיך דורכגעריסן דורכן בראָכוואַרג, צעקאַלעטשענדיק די פיס, און דערגרייכט צו אונדזער בונקער אונטערן קעלער. קיינער איז דאָרט נישט געווען, ליידיק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע ערגעץ שרהלעס שאָטן וואַנדערן צווישן די ווענט, און כ׳האָב אויסגעשטרעקט מײַן ליידיקע האַנט, מיט דער

אַנדערער דריקנדיק קראַמפּהאַפּט דעם רעוואָלווער וואָס בײַ מיר אין קעשענע, נאָר מײַן האַנט איז געבליבן הענגען אין דער האַלב־פּינצטערניש.

— ווי קאָנען זיי איצט זײַן? נישט שוין זשע האָבן די דײַטשן...

— שמאַיאַ האָט נישט פאַרענדיקט די ווערטער וואָס ער האָט געערדט ווי צו זיך אַליין.

— קום — האָב איך געזאָגט, נישט ענטפערנדיק אויף זײַנע אָפּגעהאַקטע רייד. און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער די אויסגעליידיקטע געטאָ־גאַסן זוכן אונדזערע פאַרשוווּנדענע חברים.

מיר האָבן זיך געשלײַכט בײַ די ווענט, אַראָפּגעלאָזט זיך אין טיפע קעלערס און געקראָכן דורך בוידעמער, ווו נישט ווו באַגעגנט מענטשן מיט גרויע פּנימער און ברענענדיקע אויגן, נאָר קיינער האָט נישט געקאָנט ענטפערן אויף אונדזערע פראַגעס. עטלעכע מאָל האָבן מיר אַרומגעקרײַזט די געטאָ־גאַסן, געגאַנגען דורך מילע און דזשיקע, גענשע, פראַנציסקאַנער, נאַלעווקעס און פּאַקאָרנע, ביז מיר האָבן דערגרייכט צום הויז אויף מוראַנאָווסקע־גאַס נומער זעכצן, ווו ס׳איז אַ מאָל געווען אונדזער שול און איז איצט געלעגן אין חורבות. בלויז איין וואַנט איז געבליבן שטיין, ווי אַ מצבה איבער אַ פאַרשניטן לעבן, ווי דער כּותל־המערבי אין ירושלים... און פּלוצעם האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע זיי, אונדזערע חברים, אַז איך זע שׂרהלען מיט צעשויבערטע האָר און צעריסענע קליידער, און לעבן איר איז דער שטיקליײַד, ער פירט זי פאַר דער האַנט ווי אַ קינד, און וואָס נענטער מיר קומען צו זיי ווערט שׂרהלע קלענער, און ער, דער שטיקליײַד, ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. אָט האָט שוין זײַן קאָפּ מיט דער רויטער צעפּאַטלטער באָרד אַריבערגעשטיגן די איינזאַמע וואַנט און דאָרט, אויף יענער זײַט וואַנט, ווערט ער פאַרשוווּנדן, דער קליינער גרויסער שטיקליײַד, און מיט אים פאַרשווינדט אויך מײַן שׂרהלע, מײַן קעצעלע, מײַן קלאַפּנדיק האַרץ.

אַהין און צוריק

דער שניי האָט פּלוצעם אויפגעהערט פאַלן און דער גרויער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט. פון אונטער די אָפּשווימענדיקע וואָלקנס האָבן אויפגעלויכטן אַ האַלבע לבנה און איינצלנע שטערן, און אַלע האָבן זיי, דאַכט זיך, געקוקט אויף די שולבענק וואָס האָבן געציטערט פון קעלט. איינזאַם זענען זיי געשטאַנען, בלאַסע פון שרעק, באַדעקטע מיט שניי-פּליטערלעך, וואָס האָבן אָנגעפילט די פאַרטריקנטע טינטערס. זיי האָבן געוואַרט אויף די שילערס, די איינזאַמע שולבענק, נאָר קיינער האָט זיך נישט באַוויזן.

איך האָב געקוקט אויף זיי פון דער ווײַטנס, אַרומגעהילט פון דער בײַנאַכטיקער פינצטערניש, און זיך געוווּנדערט: פאַר וואָס שטייען זיי אין מיטן הויף, די שולבענק, שטאָט אָנפילן די קלאַס-צימערן און אײַנהערן זיך אינעם געפּילדער פון די שילערס, אין די באַרוּיִקנדיקע ווערטער פון לערער זײַד, אין די טענער פון דער געזאַנג-לערערין זילבערשטיין?

די געזאַנג-לערערין... אָט, דאַכט זיך מיר, זע איך אירע הענט, וואָס הייבן זיך קוים, קוים אַרוים איבערן טישל, ווו עס ליגט איר נאָטנבוך, און זיי באַוועגן זיך, די הענט אירע, צום טאַקט פון אַן אומבאַקאַנטן ניגון, אַ קיין מאָל נישט געהערטן און דאָך אַזוי נאָענט-באַקאַנטן. זענען עס טאַקע אירע הענט, אָדער בלויז צוויי שאָטנס וואָס וויגן זיך ווי צווײַגן אין ווינט?

די געזאַנג-לערערין... ווער האָט עס אויסגעטראַכט אויף איר דאָס מיאוסע חוזק-לידל וואָס האָט איר פאַרשאַפט אַזוי פיל ווייטיק, ביז טרערן? איך קוק אויף די זיך וויגנדיקע שאָטנס און מיט אַ מאָל ווערן זיי אַלץ מער און מער. דאָס זענען שוין נישט דער לערערין זילבערשטיינס הענט, וואָס הייבן זיך אַרוים איבערן טישל, נאָר די הענט פון אונדזער חברה שילערס, און זיי זינגען, די הענט, דאָס מיאוסע חוזק-לידל, וואָס האָט פאַרשאַפט אַזוי פיל עגמת-נפש

דער לערערין זילבערשטיין. איך וויל זיי פֿאַרטרײַבן, די ווערטער פֿונעם לידל, נאָר זיי קומען אָן אויפֿהער צוריק, ווי אַן עכאָ צווישן באַרג און טאָל: „הויקער פּוקל אַטראַמענט / לאַנגע פּיס און קורצע הענט...״

און אָט שטייט זי פֿאַר מיר, די לערערין זילבערשטיין. דאָס לידל, ווי אָפּגעמאָסטן פֿאַר איר. אַ קלײנינקע, דער קאָפּ אַרײַנגעגראָבן צווישן די אַקסלען, ווי זי וואָלט גאָר קיין האַלדז נישט געהאַט. אויף די קורצע פּיס, וואָס האָבן עמעצן אויסגעצויגן לאַנג, איז אײַנגעמאָסטעט אַ קאַנטיקע פֿיגור אויף וועלכער עס זיצט אַ האַלב-קינדעריש פּנימל מיט אַ פֿאַררויסן נעזל און צוויי גרין-פֿינקלענדיקע אויגן אונטער אַ נידעריקן שטערן, אויף וועלכן עס פֿאַלן קוטשמעס ברוינע האָר, פֿאַרקעמטע מיט אַ שרונט אין מיטן. און דאָס אַלץ איז באַלויכטן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל פֿונעם קליינעם מויל מיט בלענדיק ווײַסע ציין. איך זע אירע טרערן און הער דעם לערער זײַד:

— ווער האָט עס אויסגעטראַכט דאָס לידל, ווער האָט עס זיך אַזוי אויסגעקליגלט?

קיינער ענטפֿערט נישט.

— איך פֿרעג נאָך אַ מאָל — חזרט איבער דער לערער זײַד — ווער איז דער מחבר פֿונעם לידל?

אין קלאַס איז ווידער שטיל.

— נו גוט — זאָגט דער לערער זײַד אַן אויפֿגעבראַכטער. — ווי לאַנג דער מחבר וועט זיך נישט מודה זײַן, וועלן נישט זײַן קיין לעקציעס. איר קאָנט גיין אַהיים.

און ער איז אַרויס פֿון קלאַס. מיט אונדז איז געבליבן די לערערין זילבערשטיין. די טרערן זענען שוין פֿאַרשוווּנדן פֿון אירע אויגן און דער שמייכל אויף אירע ליפּן איז ווי ברייטער געוואָרן. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אָפּגערופֿן, ווי זי וואָלט בלויז געוואַרט, אַז דער לערער זײַד זאָל אַרויס פֿון קלאַסצימער:

— מען דאַרף נישט, קינדער, איר קאָנט בלײַבן. געהערט דאָס לידל, ס'איז אפֿשר טאַקע פּאַסיק. איך נעם עס אָן נישט ווי חוזק,

נאָר ווי גוטמוטיקן שפּאַס. און אַט אַזוי וויל איך איר זאָלט אָננעמען דאָס וואָס איך לייג פֿאָר. אַן אַנדער לידל, און מיר וועלן עס זינגען יעדן טאָג אין משך פֿון דער קומענדיקער וואָך. — און זי האָט אויפגעזונגען מיט דער זעלבער מעלאָדיע ווי דאָס חוזק-לידל, וואָס איז געווען געווענדט קעגן איר:

לאָמיר זינגען מיט אַ שמייכל,
לאַנגע פּים און קורצער שׂכל,
צווישן פענצטער, צווישן טיר,
דאָס זענען מיר, דאָס זענען מיר...

און מיר האָבן געזונגען דער לערערינס לידל יעדן טאָג אין משך פֿון דער קומענדיקער וואָך און נאָך לאַנגע וואָכן שפּעטער. עס איז שיִער נישט געוואָרן דער הימען פֿון אונדזער קלאַס. און די לאַנגע פּים און קורצע הענט? פֿאַרגעסן געוואָרן אַזוי שנעל ווי דאָס לידל איז אויפגעקומען. בלויז איצט איז עס ווידער געקומען צו מיר פֿון צווישן די איינזאַמע בענק אינעם שולהויף. און צוזאַמען מיטן לידל האָבן זיך באַוויזן אַלע מײַנע שול-חברים און די לערערס, און פֿאַן אַנטאָני מיט די לאַנגע וואָנצעס. זיי האָבן אַרומגעהאָוועט צווישן די בענק און מיר איז שווער געווען צו באַשטימען צי זענען דאָסווירקלעך זיי, אונדזערע ייִנגלעך און מיידלעך, אויפגעוואַקסענע כּמעט נישט צו דערקענען, אָדער עס זענען בלויז זייערע שאָטנס, וואָס האָבן זיך דאָ פֿאַרזאַמלט אין מיטן דער קאַלטער געטאָ-נאַכט.

פֿלוצעם דערגייט צו מיר, ווי פֿון ערגעץ גאָר ווײַט, די גוט באַקאַנטע שטים פֿון לערער זײַד:

— חברה, נעמט זיך פֿאַר די בענק און טראָגט זיי צוריק אין די קלאַסצימערן. זיי האָבן אונדז פֿון דאַנען אַרויסגעוואָרפֿן, אָבער מיר וועלן צוריק קומען, מיר וועלן ווידער לערנען!

וואָס רעדט ער, דער לערער זײַד? אַרויסגעוואָרפֿן... עס איז דאָך שוין אַזוי לאַנג... ווער ווייסט וויפֿל יאָרן עס זענען שוין פֿאַרבײַ זינט די שול איז פֿאַרמאַכט געוואָרן? אַן אייביקייט... ס'איז

נאָך דעמאָלט קיין געטאָ נישט געווען, נישט קיין געסטאַפּאָווצעס און נישט קיין יידישע פּאָליציאַנטן... בלויז איין פּאָליציאַנט, דער „קליינער משהלע" — אַ דאַרער, נידעריקער גוי מיט צוויי קרומע פיס, אַן אכזר, וואָס פלעגט שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס מיט זײַן גומענעם שטעקן, בלויז ער אַליין האָט צוגעהיט, אַז די עקספּמיסיע פון דער שול זאָל דורכגיין אָן שטערונגען. איצט וויל דער לערער זײַד מיר זאָלן צוריק אַרויפטראָגן די בענק אין די קלאַסצי־מערן. נאָר וווהין זאָל מען זיי טראָגן, די בענק, אַז קיין צימערן זענען מער נישטאָ? פון גאַנצן בנין, ווו די שול האָט זיך אַ מאָל געפונען, איז געבליבן נישט מער ווי אַ וואַנט, און דאָס רעשט, בלויז חורבות און חורבות...

נאָר חברה פוילט זיך נישט. מען נעמט זיך פאַר די בענק און מ'הייבט אָן שלעפּן. מען שלעפּט און מ'שלעפּט און די בענק רירן זיך נישט פון אָרט. צוגעפרוירן צום פאַרשנייטן באָדן.

— מען דאַרף אַ לאָפּעטע! — שרײַט אויס מיט אַ מאָל מײַן חבר ישׂראליק. איך דערקען גוט זײַן קול, הגם עס איז איצט ווי הייזעריק געוואָרן.

— וואָס שטייט איר, ברענגט אַ לאָפּעטע!

— אוי, ישׂראליק מיטן קראָליק, חכם איינער — זאָגט דער לערער גרינבלאַט. — ווו וועלן מיר איצט נעמען אַ לאָפּעטע, אַז אַלע זענען צעבראָכן געוואָרן בײַם קובר זײַן די מתים... אַפילו די חברה־קדישא האָט זיך איצט אָפּ די הענט פאַר אַ לאָפּעטע.

דערווײַלע האָב איך געפונען די באַנק, ווו איך פלעג זיצן צוזאַמען מיט ישׂראליקן. כ'האָב זי גלײַך דערקענט, די באַנק, לויט דעם אויסגעשניצטן קאָפּ פון י. ל. פּרצן, וואָס כ'האָב אַ מאָל געהאַט געמאַכט מיט מײַן קליינעם מעסערל. האָב איך אָפּגעשאַרט דעם שניי וואָס איז געווען פאַרמישט מיט שטויב און זיך צוגעזעצט אויף מײַן באַנק, גלײַך כ'וואָלט ווידער געווען אַ שילער. און באַלד האָב איך דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט, ווי אַ הייסער שטראָם וואָלט זיך דורכגעריסן דורכן האַרץ. כ'בין נישט געווען מער אַליין אויף

דער באַנק. לעבן מיר איז געזעסן שׂרהלע קאַץ. נישט די קליינע שׂרהלע מיט די קויל-שוואַרצע אויגן אונטער די געדיכטע שוואַרצע ווִיעס, נאָר יענע וואָס כ׳האָב געלאָזן אינעם געטאָ-בונקער און שפּעטער איז זי פֿאַרשווּנדן געוואָרן און כ׳האָב בשום-אופֿן נישט געקאָנט זי אָפּגעפֿינען.

— שׂרהלע — פֿרעג איך — ווּ ביסטו געווען?

זי ענטפֿערט נישט. זי לייגט צו איר ווײַזפֿינגער צו מײַן מויל, ווי זי וואָלט זאָגן: „שאַ, שטער נישט די שטילקייט". און אַרום איז ווירקלעך שטיל געוואָרן. פֿאַרשווּנדן זענען די שאָטנס פֿון אונדזערע שול-חברים, פֿאַרשווּנדן איז דער לערער זײַד און דער לערער גרינבלאַט, און די שולבענק זענען פֿאַרשווּנדן. געבליבן זענען בלויז מיר, איך און שׂרהלע, אויף דער איינזאַמער באַנק מיט דעם אויסגעקריצטן קאָפּ פֿון אונדזער באַליבטן שרײַבער. און שׂרהלע טוליעט זיך צו מיר, זי קושט מײַנע ליפּן און איך קוש אירע אויגן, און דער שנייִ צעגייט אונטער דער וואַרעמקייט פֿון אונדזערע קערפּערס, פֿון אונדזערע הענט און פּיס, וואָס פֿאַרפֿלעכטן זיך, נישט פֿונאַנדערצורײַסן...

און אַזוי ווי זי איז געקומען, געווען מיט מיר, אַזוי איז זי ווידער פֿאַרשווּנדן, שׂרהלע. און איך בין אויף ס׳נײַ אַ ייִנגל, וואָס לויפֿט אַרום אין גאַס מיט מײַן חבר ישׂראליקן און מיט שמאַיאַן, און בײַ נאַכט זיצן מיר אויף דער פֿור, וואָס שטייט אין הויף צווישן דער שטאַל, ווּ שמואל לעסער האַלט זײַנע פֿערד, און דעם קעלער, ווּ יאַנעק האָדעוועט די קראָליקעס און טויבן.

וואַרעמבע דערציילט געשיכטעס וועגן שדים וואָס פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר בעטלערס; וועגן מלאָכים וואָס באַהאַלטן זייערע פֿליגלען אין די לאַנגע הויזן-קעשענעס און שפּילן זיך מיט קליינע קינדער; וועגן רויבערס וואָס לויפֿן אַרום איבער די דעכער און קיינער הערט נישט זייערע טריט, נאָר בלויז ער איינער, ווײַל אין זײַן רעכטן אויער איז פֿאַראַן אַ שפּליטער פֿון אַ קויל, וואָס דריקט אויף דעם געהערנערוו...

וואַרעמבע דערציילט, און איך זע אים אַזאַ, ווי ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין הויף, כּמעט אין דער זעלבער צײַט ווי שמאַיאַ, אַ באָרוועסער, מיט אַ פֿאַרראָצטער נאָז און אײַנגעפֿאַלענע באַקן. געקומען איז ער, ווי ער האָט געזאָגט, פֿון פֿאַלעניץ, הינטער וואַרשע, וווּ זיי האָבן געוווינט אין אַ קליין הײַזל מיט אַ וואַרעמבע... איך האָב פֿאַרשטאַנען וואָס ער מיינט און אים איבערגעפֿרעגט: „וווּ האָסטו געוווינט?" „כ'האָב דאָך געזאָגט, אין אַ הײַזל מיט אַ וואַרעמבע..." „און אפֿשר מיינסטו אַ ווערענדע", האָב איך נישט אָפּגעלאָזן. „איך זאָג דאָך דיר, אַ וואַרעמבע..."

אַזוי איז ער בײַ אונדז געבליבן — וואַרעמבע. קיין נאָמען האָבן מיר שוין נישט געפֿרעגט. און איצט דערציילט ער, שוין צום צוויפֿלטן מאָל, זײַנע געשיכטעס און ווישט מיטן אַרבל זײַן פֿאַרשמאָדערטע נאָז.

שמאַיאַ, וואָס איז שוין אויסגעווען בײַ אָן אַ שיִער דאָקטוירים מיט זײַן אָפּגעשניטענער האַנט, איידער ער האָט זיך באַוויזן בײַ אונדז אין הויף, און איז אַ מבין אויף אַלע קרענק, זאָגט צו וואַרעמבען:

— וואָס דערציילסטו באָבע־מעשׂיות, אַ שפּליטער דריקט אויפֿן נערוו, דאַרפֿסטו דאָך זײַן טויב...

— אַזוי וואָלט עס טאַקע געדאַרפֿט זײַן — פֿאַרלירט זיך נישט וואַרעמבע — אָבער דאָס איז אַ ספּעציעלער שפּליטער...

— אָנו, באַווײַז, לאָז אַ קוק טאָן אין דײַן אויער — לאָזט זיך נישט שמאַיאַ אָראָפּפֿירן פֿון וועג. און אַלע האַלטן אים אונטער. איך בין אויך טשיקאַווע אַ קוק צו טאָן אויף דעם וווּנדער־שפּליטער, נאָר וואַרעמבע לאָזט נישט. ער איז פֿאַרעקשנט. ניין און ניין. און דערווײַלע הייבט שוין באַלד אָן שאַריִען אויף טאָג און דער סטרוזש, אַן אויפֿגעוועקטער פֿון אונדזער קריגערײַ, קומט אַרויס פֿון זײַן דערבײַיִקן שטיבל מיט אַ געשריי:

— שלאָפֿן גיין, צו אַל די רוחות, ממזרים!

לאָזן מיר וואַרעמבען מיט זײַן שפּליטער, און באַגלייט פֿון אַ ליכטיקער לבֿנה גייט יעדער אין זײַן שטוב. איך קוק נאָך לאַנג

אויף דער לבנה און ס׳איז מיר אַ שאָד זיך שיידן מיט איר. מיר דאַכט, אַז זי ווינקט צו מיר מיטן רעכטן אויג וואָס איבער דער קאַרטאָפל-נאָז. איך ווינק צוריק און לאָז זיך צו די טרעפּ וואָס פירן אַראָפּ צו מײַן קעלערשטוב.

דאָ וואַרט אויף מיר מײַן שול-חבר יאַנקעלע גרובער, וועמען כ׳האָב שוין נישט געזען היפּשע עטלעכע יאָר. ער איז איצט אַ הויכער בחור מיט פינקלענדיקע אויגן, אַזוי ווי אַ מאָל, נאָר זײַן פּנים איז אָפּגעצערט און די לענגלעכע נאָז זעט איצט אויס נאָך לענגער, זי גרייכט כּמעט ביז דער אייבערשטער ליפּ.

— וואָס טוסטו דאָ, יאַנקעלע? — פרעג איך אַ פאַרוווּנדערטער. — ס׳איז דאָך שוין נאָך האַלבער נאַכט.

— איך דאַרף אַן אָרט איבערצונעכטיקן. קאָנסט מיך אַרײַננעמען צו זיך?

— וואָסי, דער טאַטע האָט דיך אַרויסגעוואָרפן פון שטוב?

— דער טאַטע, אָ, דער טאַטע... — זאָגט יאַנקעלע מיט אַן אומעטיקער שטים און טוט אַ פיר מיט דער האַנט צום פּנים, גלײַך ער וואָלט וועלן אויסווישן אַן אויג. — הלוואַי וואָלט ער געקאָנט אַרויסוואַרפן... ער איז שוין נישטאָ, מײַן טאַטע, די מאַמע איז אויך נישטאָ און נישט מײַן עלטערע שוועסטער. געדענקסט זי, פּערעלע מיט די ברוינע צעפּלעך? נעכטן האָט מען זיי אַלע צוגענומען און אַוועקגעפירט צום אומשלאַגפּלאַץ. איך בין געלאָפן אַהין פאַר דער פּאָליציי-שעה, געמיינט כ׳וועל זיי זען, נאָר קיינעם נישט געפונען. דערוווּסט האָב איך זיך דאָרט, בײַ אַ באַקאַנטן ייִדישן פּאָליציאַנט, אַז מען זוכט מיך אַרום, איך בין אויף דער ליסטע.

— נו, איז וואָס זשע שטייען מיר דאָ? קום אַרײַן. מײַן בעט איז נישט גרויס, אָבער עס וועט זײַן גענוג פּלאַץ פאַר ביידן.

געשלאָפן זענען מיר שוין נישט יענע נאַכט. יאַנקעלע האָט מיר דערציילט וועגן עונג-שבת, וועגן אונדזער אַמאָליקן לערער ליכט, וועלכער זאַמלט אַלץ וואָס ווערט אויפגעשריבן פאַרן געטאָ-אַרכיוו, און ער, יאַנקעלע, העלפט דעם לערער דאָס אַלץ אײַנפּאַקן און באַהאַלטן, עס זאָל בלײַבן אַ זכר פאַר די קומענדיקע דורות,

אויב קיין ייִדן פֿון געטאָ וועלן מער נישט בלײַבן. און מיך האָט ער גענומען צורעדן: „שרײַב וועגן דײַנע איבערלעבונגען אין געטאָ, שרײַב וועגן אַלץ, וואָס דו זעסט און הערסט, און שפּעטער וועסטו עס מיר געבן. דו דאַרפֿסט מיך נישט זוכן, איך וועל דיך שוין אָפּגעפֿינען".

איך האָב אים געוואָלט זען, דעם לערער ליכט, וועלכער האָט מיך אַ מאָל אויך צוגערעדט צו שרײַבן, געוואָלט אים דערציילן וועגן מײַנע שריפֿטן און אפֿשר אַליין אים איבערגעבן זיי צו באַהאַלטן. און אַזוי ווי איך טראַכט דערוועגן עפֿנט זיך די טיר און ער באַווײַזט זיך אויף דער שוועל אין אַ שווערן ווינטער־מאַנטל מיט אַן אויפֿשטעלטן קאָלנער פֿון וועלכן עס זעט זיך קוים אַרויס זײַן גרויסער קאָפּ. ער ווישט די ברילן מיט אַ ווײַס טיכל, ווי שטענדיק איידער ער פֿלעגט אָנהייבן רעדן. נאָר איצט רעדט ער נישט גאָרנישט, דער לערער ליכט. ער קוקט אויף מיר מיט די קורצזיכטיקע אויגן און שטרעקט אויס אַ האַנט אין מײַן ריכטונג. איך וויל אים דערלאַנגען מײַן האַנט, נאָר איך קאָן זײַנע נישט גרייכן. און אַזוי ווי ער האָט זיך באַוויזן איז ער פֿאַרשוווּנדן. רוף איך אים: „לערער, לערער, וואַרט אַ ווײַלע!" נאָר עס ענטפֿערט מיר אַ ווידערקול וואָס ווערט פֿאַרשטיקט צווישן די פֿײַכטע ווענט פֿון דער קעלערשטוב.

אויפֿגעכאַפּט זיך אין דער פֿרי, איז מײַן בעט געווען ליידיק. יאַנקעלע איז שוין נישט געווען. און אפֿשר איז ער בכלל נישט געווען? און וואָס איז מכּוח דעם עונג־שבת, דעם לערער ליכט, דעם געטאָ־אַרכיוו? ווער האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט? כ'וועל אים דאַרפֿן אויפֿזוכן, מײַן חבר יאַנקעלע, כ'מוז אים געפֿינען, כ'מוז זיך מער דערוויסן וועגן לערער ליכט, אפֿשר דאַרף ער מײַן הילף?

...די גאַס איז פֿול מיט ייִנגלעך וואָס לויפֿן נאָך אַ קוימען־קערער, אַן אײַנגעהילטן אין שוואַרצע סאַזשעס מיט אַ שוואַרצן שטריק אויף איין אַקסל און אַ לאַנגן בעזעם אויפֿן צווייטן. איך קאָן זיך קוים דורכשטופּן צווישן זיי און עס פֿאַרטויבט מיך זייער

געשריי: „קוימען־קערער, האַקמעסער, קיגל־פּרעסער, הופּ טשופּ, פּאַל אַרופּ!" יענער נעמט פּאַכען מיטן בעזעם, ווי ער וואָלט זיך ווען אָפּיאָגן פון אַ טשאַטע זלידנע פליגן, נאָר קיין זאַך העלפט נישט. די יינגלעך האַלטן אין איין לויפן נאָך אים און חזרן איבער זייער לידל: „קוימען־קערער, האַקמעסער, קיגל־פּרעסער, הופּ טשופּ, פּאַל אַרופּ!"

און מיט אַ מאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס בין איך גאָר דער קוימען־קערער, און איך פּאַל, איך פּאַל אַראָפּ אין אַ טיפן אָפּגרונט און צעקלאַפּ מיר דעם קאָפּ אין אַ שטיין. איך עפן די אויגן, קוק זיך אַרום און זע נישט קיינעם. אַלע אברים טוען ווי און ס'איז מיר שווער צו באַוועגן אַ האַנט אָדער אַ פוס. פּאַוואָליע עפנט זיך די טיר און צום בעט דערנענטערט זיך מײַן שׂרהלע מיט אַ טיכל אין האַנט. זי ווישט מײַן שטערן מיט דער פײַכטקייט פונעם טיכל און איך נעם אָן איר ווייכע האַנט מיט מײַנער און קוש זי מיט די פאַר־טריקנטע ליפּן.

— שׂרהלע — בעט איך — קעצעלע מײַנס, טײַערינקע, אַ ביסל וואַסער...

— באַלד, באַלד, מאירקע — זאָגט זי שמייכלענדיק און ווישט די אויגן מיט אַ ברעג פונעם טיכל.

פאַר וואָס ווישט זי די אויגן, שׂרהלע? כ'בין דאָך בלויז געשלאָפן, געשלאָפן אַ ביסל לענגער ווי געוויינטלעך.

— ווי לאַנג בין איך געשלאָפן, טײַערינקע? — פרעג איך.

— לאַנג.

— מסתמא לאַנג... און מיר האָט זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ אַ גאַנץ לעבן, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. אָט בין איך אַ קינד געוועזן און אָט אַ דערוואַקסענער, אין געטאָ און אין וואַלד, אין שול און מיט די יינגלעך פון מײַן גאַס. איך זע דאָס נאָך אַלץ פאַר די אויגן און ווייס נישט צי ס'איז וואָר, צי ס'איז חלום. און דער קאָפּ טוט אַזוי ווי... בלײַב מיט מיר, קעצעלע, פאַרלאָז מיך נישט, לאָז מיך נישט איבער אַליין מיט די שאָטנס...

לידער

מאָלן די אַמאָלן

כ׳האָב געוואָלט
ווערן אַ שאַגאַל
און מאָלן די אַמאָלן
נאָר זיי זענען
ווי ווילדע פֿייגל
אַרויסגעפֿלויגן פֿון זכּרון
אַ שוואַרצער וואָלקן
האָט געשטעלט זיך
צווישן מיר
און אַלע מײַנע יאָרן
אַ וואָלקן
וואָס פֿאַרשלונגען האָט
מײַן שטאָט און מײַנע גאַסן
נישט קיין פֿידלער אויף די דעכער
נישט קיין שוועבנדיקע פּאָרן
אַלע זענען זיי פֿאַרלאָרן
אין אַ העליש פֿײַער
און זיי שטאַרבן
צוזאַמען מיט די פֿאַרבן
אויף מײַן פּאַלעטע
מוז איך ווידער קערן זיך צום וואָרט
וואָס בלוטיקט אין מײַן ליד.

זיי קומען צוריק

לאָזט צו רו

בעט זיך רחמימדיק אַ קול:
לאָזט שוין לייוויקן צו רו...
ה. לייוויק

בעט זיך רחמימדיק אַ קול:
לאָזט מײַן ייִדיש וואָרט צו רו...
איר וואָס שפּילט פון פרײַנד די ראָל
און ט'פאַרתּכלעט דעם אַמאָל —
לאָזט מײַן ייִדיש וואָרט צו רו...

איר וואָס לאָזט פון אויג אַ טרער
און פאַרשטאָפּט זיך דעם געהער
ווען עס איז אַ קלאַנג גראָד דער
פון אַ היים דאָרט ערגעץ ווו —
לאָזט מײַן ייִדיש וואָרט צו רו...

ס'ועט דאָס שטעטל זיך באַשטיין
מאַמע־לשון איין אַליין
קעגן שונאים, פאַלשע פרײַנד,
די פון נעכטן און פון הײַנט —
לאָזט שוין ייִדיש וואָרט צו רו...

אַליין כ'וועל צערטלען עס און וואַכן,
כ'וועל עס וויגן אײַ־ליו־ליו,
כ'וועל עס וויינען, כ'וועל עס לאַכן —
לאָזט מײַן ייִדיש וואָרט צו רו,
לאָזט צו רו...

נישט געוווּסט האָסט

כ׳האָב גערעדט צו דיר אויף ייִדיש
און דו האָסט פּלומרשט נישט פאַרשטאַנען...
האָסט געקוקט אויף מיר פאַרחידושט,
גלײַך געווען כ׳וואָלט נישט פון דאַנען,

פון אַן אַנדער וועלט, פון נעכטן,
וואָס אַוועק ז׳אין רויך און פלאַמען.
נישט געוווּסט האָסט — כ׳בין דער וועכטער
פונעם לשון פון מײַן מאַמען,

נישט געוווּסט האָסט — אַן דעם לשון
כ׳בין אַ טײַך וואָס הערט אויף פליסן,
כ׳בין דאָס ליכט וואָס ווערט פאַרלאָשן.
נישט געוווּסט האָסט,
אָדער — זיך געמאַכט נישט וויסן...

דאָס וואָרט פון אינדערוואָכן

„ווען מען פעלן מיר נאָך אויס, ווען מען זע'מיר נייטיק?" *
איז זי, אָט די פאַלין-שאלה, ווידער צײַטיק?
און אויב זי איז, צי דאַרפן מיר אַליין זיך שטעכן
און די אין בלוט פון האַרץ געטונקטע פעדער ברעכן?

אָ, ניין! מיר ייִדיש-קנעכט, מיר ייִדישע פּאָעטן,
וואָס האָבן זיך צו פרעמדע טישן נישט געבעטן
און אונטער פרעמדע טישן נישט געקראָכן —
אונדז הייליק איז נאָך אַלץ דאָס וואָרט פון אינדערוואָכן.

און ווי לאַנג ס'וועט נייטיק זײַן כאָטש בלויז פּאָר איינעם,
וואָס וועט וועלן הערן אונדז און נישט באַוויינען,
טאָרן מיר די ייִדיש-פעדער נישט צעברעכן —
אַנדערש וועלן מיר די הייליקייט אַליין פאַרשוועכן.

---

* אַ שורה פון מאיר חרצס אַ ליד.

געוועזן מיר זענען פיר

פֿאַר חנן קיעל

געוועזן מיר זענען פיר:
אַ לערער אָן קינדער,
אַ שוסטער אָן שיך,
אַ פֿאַסטעך אָן רינדער
און איך.

לידער מיר האָבן
געשריבן פֿאַר זיך:
דער לערער אָן קינדער,
דער שוסטער אָן שיך,
דער פֿאַסטעך אָן רינדער
און איך.

געשריבן מיר האָבן
די לידער אויף שניי,
געלייענט עס האָט זיי
דער ווינט און דער וויי,
און זייער עכאָ
פֿאַרנומען עס האָט
דער באַרג וואָס אַריבער
דער שטאָט.

יאָרן אַזוי פיל
שוין זענען פאַרביַי,
דער פראָסט האָט געטייַעט,
צערונען דער שניי,
און מיר שרייַבן לידער
נאָך אַלץ בלויז פאַר זיך:
דער לערער אָן קינדער,
דער שוסטער אָן שיך,
דער פאַסטעך אָן רינדער
און איך.

ליכטליד

פאַר סוצקעווערן
צו זײַנע אַכציק

אַ ווײַטע, ווײַטע נאַכט
חלומט ווידער אויף אין מײַן זכּרון —
אַזוי פיל יאָרן שוין,
אַזוי פיל יאָרן!
...דער זאַל איז איבערפולט.
אין ייִדיש־היכל אויף טלאָמאַצקע 13
לעשן זיך די לאָמפּן ווי לבנות,
פּלוצעם הער איך רופן אַ באַקאַנטן נאָמען...
לעבן מיר עס קערט זיך אום אַ פּלייצע
און אויף איר —
אַ קאָפּ מיט אומעטיקע האָר
און שטראַלנדיקן פּנים.
דאָס איז ער —
דער יונגער זינגער פון מײַן דור,
ווי פונעם לידערבוך אַרויסגעקומען.
אַ רגע ערב פינצטערניש
מײַן בליק כאַפּט אויף דאָס ליכט
פון זײַנע אויגן,
און ווי זײַן ליד
איך האָב דאָס ליכט מיט זיך פאַרנומען
אויף אַלע מײַנע וועגנקרייצן —
דאָס ליכטליד וואָס האָט אויפגעלויכטן מיר
אויף טלאָמאַצקע 13.

אַ ליד — אַ טרער

פאַר הדסה רובין
צום דערשײַנען פון איר נײַ
לידערבוך „רײַס נישט אָפּ די בלום".

וואָס ציטערסטו אַזוי, מײַן האַרץ,
ס'איז דאָך נאָר אַ ליד,
אַ ליד — נישט מער.

וואָס צאַפּלסטו מײַן אויג,
ס'איז דאָך נאָר אַ ליד,
אַ ליד — אַ טרער.

אַזוי האָב איך גערעדט צו זיך
אַ האַלבע נאַכט,
און איבער מיר
און אין מיר
האָט ליד געלויכטן
און געוואַכט.

געבליבן איז בלויז ליד

פאַר רבקה באַסמאַן —
אַ דערמאָנונג

דער שניי איז נאָך געלעגן
אונטער דײַנע טריט —
דער ווײַטער מאָסקווער שניי...
נאָר דאָ בײַם אוהל-פּרץ,
פון לעבן-טויט, אין מיט,
געשוועבט האָט צווישן אונדז
בלויז ליד און ליד.

דער לײַכטער האַנטדרוק
אויך געווען איז ליד;
דאָס פײַערל אין בליק —
אויך ליד.

און ווי געקומען שטיל,
דו ביסט אַוועק
צו אייגן ערד,
צו היים.
געבליבן איז בלויז ליד
און ווײַסע שרעק...

אַז איך וועל אַריבער

אַז איך וועל אַריבער דעם באַרג
פון מײַן קינדערשן חלום,
דעם באַרג אינעם גאָרטן,
וווּ ס'פירט מיך נאָך אַלץ פאַר דער האַנט
מײַן גוטינקע מאַמע,
צי וועל איך זיך ווידער פאַרלירן
און זיך אַליין נישט דערקענען
אין שפּיגל פון סטאַוו,
וווּ כ'שווים מיט די שוואַנען
צווישן די גאָלדענע בלעטער?
— — — — — — —
— — — — — — —
און וואָס וועט זײַן שפּעטער?

זיי קומען צוריק

מײַנע ווערטער, מײַנע לידער,
הערט נישט, דאַכט זיך, קיינער,
נאָר איך איינער,
ווי ס'וואָלטן זיך די זילבן
אָפּגעשלאָגן אין די קיזלשטיינער
פון מײַן גאַס,
וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן
אינעם געטאָ-פײַער
און זיי קומען איצט צוריק צו מיר,
ווי ברענענדיקע ווונדן,
איך זאָל זיי שווײַגן,
כ'זאָל זיי שרײַען —
מײַנע ווערטער,
מײַנע לידער...

נאָך אַ לאַנגן שוויַיגן

נאָך אַ לאַנגן שוויַיגן,
נאָך אַ לאַנגן שטומען,
קומען ווערטער אויף
ווי בלומען —
פילקאָליריק,
פילבאַטיַיַטיק,
נאָר קאָנסט זיי נישט באַרירן
מיט די פינגער,
און דער ווייטיק
פונעם לאַנגן שטומען,
ווערט נישט גרינגער...

*

דאָס וואָרט
דאָס לאַנג פאַרגעסענע
אויף ס'נײַ דערהערן,
נאָר אין אַן אַנדער זײַן,
אַן אַנדער ווערן,
בלויז דער קלאַנג
זאָל, ווי אַ מאָל,
וויברירן
מיט יענעם ציטער
וואָס האָט מײַן האַרץ
צעגליט,
און אָפּגעפינען כ'זאָל אים ווידער
אין מײַן ליד.

כ׳וואָלט אויך אַזוי

נאָך אַלע ליידן שוין
און זאָרגן
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן
און פאַרמאַכטע אויגן
ער גייט, דאַכט זיך,
דעם גורל איבערהיפּן,
ווי דעם פרימאָרגן
וואָס איז אים נישט באַשערט
מער אַנען...

כ׳וואָלט אויך אַזוי אַוודאי
שפּאַנען,
ווי אַלע מאָל,
ווי שטענדיק,
דעם אומבאַוווסט אַנטקעגן
און נישט טראַכטן מער
וווּ אָנהייב איז,
וווּ ס׳ענדיקט זיך
דער פּלאָנטער
פון די וועגן.

דאָס וואָרט דאָס נישט דערזאָגטע

דאָס וואָרט דאָס נישט דערזאָגטע
וועמען וועל איך זאָגן?
דער טאָג דער נישט דערטאָגטער,
ווו וועט מיך פאַרטראָגן?

קיינער הערט נישט,
קיינער זעט נישט,
נאַכט און חושך אומעטום.
קיינער רופט נישט,
קיינער בענקט נישט,
פוסט און פוסטער דער אַרום.

נאָר דאָס וואָרט דאָס נישט דערזאָגטע,
נאָר דער טאָג דער נישט דערטאָגטער
קאָן נישט,
וויל נישט
בלייַבן שטום.

✶

די אונטערשטע שורה —
צי מוז זי דען שטענדיק
זיך שטעלן בײַם סוף
פון אַ לעבן,
בײַם סוף פון אַ ליד?
זי קאָן אויך אַ מאָל
ווי אַ בשׂורה
אַ שוועב טאָן אין מיטן,
אַ לײַכט טאָן
מיט ווערטער צעגליטע
וואָס פירן צו נײַעם באַגינען.
נאָר ווו,
ווו קאָן מען די ווערטער געפינען?

אין בלוי פון קץ

אַן אות
הייליקט זיך אַרײַן
אין וואָרט
ווי קלאַנג
אין ליד
און גייט אויף
און פליט
אין ווײַטן ערגעץ
אויף ווידער זיך באַווײַזן
אין בלוי פון קץ.
און איך האָב אים דערקענט
צווישן אַלע ווערטער
צווישן אַלע רייד
וואָס האָבן אויפגעלעבט
ווי פאַרוועלקטע בלומען
און ווידער זיך צעבליט
אויף טויטע גומענס.

דער זינגער

גרויע קעפּ אויף שטולן קרומע
וויגן זיך אין האַלבן דרימל,
אינעם זאַל — אַ קאַלטער אומעט
נעמט אַרום דעם זינגערס שטימע.

נאָר ער זינגט, דער טאָן ווערט העכער
און דער האַרצקלאַפּ גיכער, גיכער...
ס'האָבן ווערטער זיך צעפּעכערט,
גלײַך געטראָגן פֿון אַ וויכער.

נישט ער זעט די קעפּ די גרויע,
נישט ער פֿילט דעם קאַלטן אומעט.
פֿאַר די אויגן — הימלען בלויע
און אין האַרץ — אַ יונגער זומער.

און דער זינגער זינגט זײַן ניגון
פֿון אַ שטוב מיט ליכט אין שויבן,
פֿון אַ וועלט אַ גאָר נישט היגער,
וואָס האָט אים צום ליד דערהויבן.

פּלוצעם שטילער ווערן טענער,
ס'ליד גייט אוים ווי שבת-ליכטער,
נאָר די ווערטער בלײַבן ברענען
אין קאַלטן זאַל אויף די געזיכטער.

יונגע קלעזמאָרים, אַלטע ניגונים

יונגע קלעזמאָרים, אַלטע ניגונים —
דער פידל, דער באַס און די פלייט
ליכטיקן אויף אינעם זאַל, און פון אים
איך וואַנדער אַוועק אין דער צײַט.

עס מישן זיך טענער — קלאַנגען מינאָרע,
מיט פריילעכן זבענק פון דער פויק...
היי, קלעזמערס, אוי, קלעזמערס, ווו זענט איר פאַרפאָרן,
כ׳קאָן קוים אײַך דערזען מיטן אויג.

אַוועלכער איז בערל און וועלכער איז יידל,
ווער ציט דעם סמיק און ווער בלאָזט די פלייט?
אָט קומט מיר אַנטקעגן אַליין בלויז די פידל
און יידל פאַרשווינדט אין דער ווײַט.

דער באַס, ווי אַ באָרד אָן פאות און פנים,
רײַסט אויף מיט זײַן קרעכצן די נאַכט.
איך שטרענג אָן דעם בליק, מיר דאַכט איך דערקאָן אים —
ווער האָט אים אַהער צו געבראַכט?

ס׳איז נישט קיין שימחה, קיין חתונה ס׳איז נישט,
אוי, יידל, אוי, בערל, וואָס טוט איר דאָ הי?
פאַרלאָשן די ליכט שוין און ליידיק דער טיש איז,
בלויז עפּעס אַ ניגון פלאַטערט אין פלי...

צוריקגעקומען

דער דיכטער איז צוריקגעקומען
נאָך יאָרן אין די פרעמדן
צו פאָכענדיקע בלומען
און פאַרפרעסטע העמדער
אין רוישיקע סאַלאָנען,
צו זײַן ליד, וואָס פלעגט דאָ
צערטלען, טרייסטן, מאָנען,
און איצט, ווי ער, ס׳איז פרעכטיק גראָ,
נאָר עס איז דאָ,
און ער איז דאָ.

און ס׳זענען דאָ די אַלטע גאַסן,
די אַלטע פאַרקן און די סקווערן,
די יונגע דאַמען און די הערן,
וועלכע ער פלעגט ליבן, האַסן...
אויך זיי זענען שוין אַלט געוואָרן
ווי די היימישע קאָשטשאַלן,
וואָס נישט די צײַט און נישט די יאָרן
רינצלען זיך אויף די קופּאַלן —
זיי זענען דאָ,
זיי זענען דאָ...

און איך וואָלט אויך צוריקגעקומען
צו דעם אָרט, ווו כ׳בין געבאָרן,
נאָר וואָס וואַרט מיך דאָרט? שטאָט בלומען
אפשר אַ פאַרברענטער דאָרן —
די אַלטע שטעכנדיקע אויגן,

וואָס האָבן מײַן טראָט געמאָסטן,
געמאָסטן שטענדיק און געוווגן
און באַרעכנט נעטע קאָסטן;

און פּוסטע ווערטער פון באַדויער
פאַר מײַן שטאָם וואָס ז'דאָ געשטאַנען,
פאַלשער מיטגעפיל און טרויער
פאַר טרעבלינקע און מאַידאַנעק.
נישט מײַן ליד כ'וועל דאָרט געפינען,
נישט קיין אַלטע, נײַע ספרים —
נאָר אַן אַלטע, נײַע שינאה
און אין ווילדגראָז — קברים, קברים.

מײַן נישט־פֿאַרענדיקט ליד

אַ מאָל צווישן די יונגע ייִדיש־זינגער —
איך זע שוין אויך דעם רופֿנדיקן פֿינגער

און פֿאַרקוקט אויף די פֿאַרדרייטע וועגן
איך גיי איצטער דעם אומבאַוווּסט אַנטקעגן.

אין האַרצן בלויז איך טראָג אַ בינטל לידער —
מײַן איינציקע ירושה און מײַן ווידוי.

נאָר ווער דאַרף הײַנט מײַנע לידער שטילע,
זיי טויגן נישט אויף פֿרייד און נישט אויף תּפֿילה,

אין פֿײַער און אין אַש אַדורכגעגליטע,
זיי טראָגן פֿון מײַן וואָרט דעם לעצטן ציטער,

דעם צאַפּל פֿון מײַן טאַטע־מאַמעס לשון,
וואָס צאַנקט און צאַנקט און ווערט נישט אויסגעלאָשן.

אפֿשר וועל איך אויכעט אַזוי צאַנקען
און בלויז מײַן נישט־פֿאַרענדיקט ליד וועט באַנג טאָן — — —

*

עס טוט מיר אַזוי ווײ
דאָס שווײַגן פֿון דער נאַכט,
איך זאָל אַ פּיפּס כאָטש הערן —
נײן און נײן...
איך הער בלויז זיך אַלײן
און מער נישט קײנעם.
צי בין איך טאַקע בלויז געבליבן
אײנער
נאָכן מבול
און װעל קײן מאָל
נישט דערשװימען
צו מײַן אָרט?

גערענקסט ?

גערענקסט דעם ווינט וואָס האָט געגלעט אונדז,
דעם פלאַמיק־רויטן הימל שפּעטן,
גערענקסט די ווערטער נישט גערעדטע,
וואָס הענגען שווער נאָך אויף די צווייַגן
אין אַ שטילן, טיפן שווייַגן ?

גערענקסט דעם שניי וואָס האָט געשאָטן
און פאַרשאָטן אונדזער שאָטן
וואָס איז לאַנג נישט אָפּגעטראָטן
און געקלאַמערט זיך איןביידן —
נישט געלאָזן אונדז זיך שיידן ?

גערענקסט דעם ערשטן פרילינג־רעגן
און די וועגן וואָס געלעגן
זענען פאַר אונדז פרייַ און אָפן,
אונדזער לייד און פרייד און האָפן
וואָס זענען אונדז פאַרויסגעלאָפן ?

גערענקסט דעם ווונדער־רעגן־בויגן
וואָס פאַרבלענדט האָט אונדז די אויגן
און ווי אַ פויגל ר'איז פאַרפלויגן,
ווערנדיק אַלץ קלענער, פּיצל,
צווישן דונער, נאַכט און בליצן ?

גערענקסט דעם בוים וואָס ז'דאָ געשטאַנען
און האָט נישט באַוויזן וויאַנען ?
נאָר ווי קאָנסטו דאָס אַלץ גערענקען ?
ווי דער בוים ביסט נישט פאַראַנען,
און געבליבן ז'בלויז מייַן בענקען...

אין דרויסן פון געוועזן

די טיר האָט זיך געעפנט רויט
און כ׳האָב קיין זאַך נישט דערקענט
דער טויט האָט אַלצדינג אויסגערוימט
געבליבן בלויז אַ בילד אויף וואַנט
אין שפּינוועבס אײַנגערעמט
און פון דעם האָט זיך געשטרעקט
צו מיר אַן אָפּגעבראָכענע האַנט
גלײַך זי וואָלט געוואָרנט
נישט טרעט אַריבער אָט די שוועל
עס איז נישט מער דײַן שטוב דײַן וועלט
בלײַב אויף יענער זײַט
אין דרויסן פון געוועזן
גיי צוריק
גיי צוריק
צום אָנגעגרייטן טיש
צו וואַרעם בעט
צו ווײַב און קינד
פאַרגעס
נאָר איך קום ווידער דאָרט אַהין
אַיעדע נאַכט.
און וואַרט מיט אומגעדולד
בײַם שוועל.

וואַרשע, 1992

אין ערב פון פֿאַרגיין

כ׳בין נאָך אַ מאָל געווען מיט אײַך
אין ערב פון פֿאַרגיין,
די גאַנצע וועלט האָט אויסגעזען אונדז
גרויס אַזוי און קליין,
אַ קײַלעכל וואָס קײַקלט זיך —
אַ קײַלעכל, אַ קויל.
ערגעץ וווּ איז פֿרייד פֿאַראַן
און ערגעץ וווּ איז גרויל,
און מיר, מיר זענען אין דער מיט...
ווילסטו, קאָנסט די פֿרייד דערגרייכן,
גענוג איז בלויז אַ ליד, אַ שמייכל,
גענוג בלויז אַ באַריר.
און די גרוילן?
ווײ און ווינד מיר,
זיך אָנגערוקט פֿון אַלע זײַטן —
שוואַרצע כמאַרעס, שוואַרצע הימלען
געקומען זענען אונדז באַגלייטן
ביז צו אַלע שוואַרצע גריבער.

ווער פֿון אײַך איז זײ אַריבער?

וואַרשע, 1992

איך האָב געלאָזט

איך האָב געלאָזט די רויטסטע בלום
מײַן האַרץ
צופֿוסנס פֿונעם קאַלטן שטיין
דעם געטאָ־דענקמאָל
וואָס שטייט שטום אַליין
אין שטאָט פֿון מײַן געבוירן
און שטרעקט הענט פֿאַרבראָכענע
פֿון קדושים און גיבורים
צום הימל לײדיקן
וואָס קוקט בלינד
ווי ס׳גייט און גייט און גייט
אַ מאַמע מיט אַ קינד
אויף הונגעריקע הענט
און ס׳גייען ייִדן — מתים
מיט ביקסן און תּליתים
און אָרום
עס ברענט מײַן ייִדנשטאָט
און ס׳ברענט די בלום
מײַן האַרץ
וואָס כ׳האָב געלאָזן דאָ
מיט יאָרן לאַנג צוריק.

וואַרשע, 1992

פאַר וואָס ?

צוויי גליִענדיקע קוילן
שוואַרצע אויגן
פאַרקוקטע אין דער וועלט
מיט ווייטיק און פאַרדראָס
מיט טענה און מיט פּײַן
באַגלייטן מיך
אויף אַלע וועגן
און כ׳הער אָן אויפהער
זייער פרעגן
פאַר וואָס פאַר וואָס
און כ׳הער ס׳געוויין
פון די שוואַרצע אויגן
פון די גליִענדיקע קוילן
וואָס כ׳האָב געלאָזן
בײַ אַ געטאָ-וואַנט
אין פּוילן
און זיי ברענען מײַנע טריט
און זיי ברענען
אין מײַן
ליד.

וואַרשע, 1992

*

דער בוים אין גאָרטן
פון מײַן יוגנט
איז אַלט געוואָרן פאַר דער צײַט,
זיך אָנגעבויגן,
ווי ער וואָלט וועלן
עפּעס מיר דערציילן.
צי ווייסט ער,
אַז איך קום פון ווײַט
און כ׳מוז זיך אײַלן
צו מײַן פלי,
ווי די פייגל אויף די צווײַגן
ווען ס׳הייבן אָן די בלעטער פאַלן...
נאָר כ׳וועל נישט, ווי די פייגל,
קומען מער צוריק,
כ׳וועל ווערן ווי פאַרפאַלן
אינעם בלוי.

כ׳בייג אָן זיך צו דעם שטאַם
פון בוים דעם אַלטן,
דעם בוים פון יוגנט-גאָרטן,
ווי איבער אַ מצבה-שטיין,
און מיר דאַכט,
איך הער זײַן בעטנדיק געוויין:
פאַרלאָז מיך נישט אויף ס׳נײַ,
ס׳איז אומעטיק,
ס׳איז אומעטיק אַזוי אַליין...

וואַרשע, 1992

בלויז דער ווינט

כ׳בין ווידער מיט באַקאַנטע נעמען
פון גאַסן מײַנע, וואָס זענען מער נישטאָ.
ווײַ, ווו זענען זיי די אמתע — די סטאַווקע
און די מילע, די גענשע, נאַלעווקעס און פּאַווע?

ווי פאַרשטעלטע זעען זיי איצט אויס —
די הײַזער און די גאַסן שווער מיר
צו דערקענען. קוים דערקליבן זיך
צו אַ הויז, וואָס איז אַ מאָל געווען

מײַן היים, נאָר נישט קיין הויז איז עס
און נישט קיין היים מער, בלויז אַ נומער
און שאָטנס שאָטענען אַרום דאָ
ווי פון אונטערערד געקומען מיך

באַגריסן. כ׳וויל עמעצן אַ האַנט
דערלאַנגען, נאָר זי בלײַבט הענגען
אין לופטן, אָן שום באַרירונג.
בלויז דער ווינט, וואָס בלאָזט אָן שטויבן

גלעט מײַן האַנט און מײַן פאַרגליווערט פּנים,
גלײַך ער וואָלט אַ טרייסט מיר וועלן ברענגען.
דער גוטער ווינט וואָס פלעגט מיך שטענדיק
דאָ באַגלייטן, בלויז אים, דעם ווינט, דערקען איך.

וואַרשע, 1992

אין מיטן נאַכט

ער רופט אוים, ווי אַ מאָל,
די נעמען פון די גאַסן
און דער טראַמוויי לויפט,
שטעלט אין ערגעץ זיך נישט אָפּ.
קיינער שטייַגט נישט איַין
און שטייַגט נישט אוים.
דער מאַשיניסט קערט אום דעם קאָפּ
געלאַסן און קוקט אויף מיר —
אַ גאַסט פון יענער וועלט,
פון אונטערערד צי אייבערערד,
פון רויך און פלאַמען,
וואָס לויפט
מיט דעם טראַמוויי צוזאַמען
צווישן נאַלעווקעס און זווּקאָוואָיע,*
צווישן דיזענגאָף און בעווערלי־בולוואר.
איך פיל, פון ערגעץ הויערט
אַ געפאַר
און וויל אַ רוף טאָן:
„שטיי, בלייַב שטיין!"
נאָר יענער לאַכט
אַ טייַוולשן געלעכטער
און פאַרשווינדט צוזאַמען
מיט דעם לויפנדן טראַמוויי.
איך בלייַב אליין
מיט מייַן געשריי
אין מיטן נאַכט...

---

* זווּקאָוואָיע — אַ גאַס אין אַ רוסישער שטאָט, וווּ דער מחבר האָט געוווינט בעת דער מלחמה.

*

ס'קומען וועגן זיך צוזאַמען
אין די ווײַטן פון אין־סוף
און פאַרגייען — זון אין פלאַמען,
און פאַרגייען אין מײַן שלאָף.

בלײַב איך אויף פאַראַשטע וועגן
און ס'איז קיינער נישט אַרום,
און נישטאָ בײַ וועמען פרעגן —
אַלץ איז גרוי און רוי און שטום.

נישט קיין וואָרט און נישט קיין קלאַנג דאָ —
כ'בין אַליין פאַראַשטער וועג,
וואָס איז לאַנג שוין ווי פאַרגאַנגען
און גייט אויף — צו וועלכן ברעג?

גיב אַ האַנט

דבורה הלעו

נאָר נישט אַנטשוויגן ווערן,
נאָר נישט בלײַבן שטיין.
וויש פון אויגן אוים די טרערן,
גיב אַ האַנט און לאָמיר גיין

דעם באַרג אַריבער צו די שטערן,
אַנטקעגן זונענשײַן,
נאָר נישט אַנטשוויגן ווערן —
גיב אַ האַנט און לאָמיר גיין.

שווער דער וועג איז, פול מיט שטערונג,
אָנגעהויפּט איז שטיין אויף שטיין,
נאָר מיר וועלן מיד נישט ווערן —
גיב אַ האַנט און לאָמיר גיין.

איך בין די טרער

איך בין דער שוואָס פון היראָשימאַ
און כ׳בין דאָס אַש פון וואַרשע־געטאָ,
עס הילכן אָפּ אין מיר די שטימען
פון מיליאָנען, און דער עכאָ
טראָגט אַוועק מיך אין די ווײַטן
צום צעטרייסלען אַלע צײַטן.

כ׳בין אויסגעברענטע ערד וויעטנאַמער
און אין פּאָנאַר איך בין פאַרשאָטן,
איך בין די טרער פון לאַגער־מאַמע
און איר קינד אויף שטעכלדראָטן.
איך בין ס׳געשריי דאָס נישט־דערהערטע
און די מיט גוף פאַרברענטע ווערטער.

איך בין דער תּל־אָביבער טאַטע,
וואָס באַווײנט זײַן זון אין סיני,
און כ׳בין דער זון וואָס קאָן דעם טאַטנס
גרוב אין שלאַכטפעלד נישט געפינען,
און מיר בלאָנקען אום זיך ביידע
אײַנגעהילט אין קריעה־קליידער.

איך בין דאָס קינד פון סאַראַיעוואָ
מיט אויסגעשטאַרצטע פּחד־אויגן,
פון אוישוויץ כ׳בין די שוואַרצע כמאַרע
וואָס דעם הימל האָט פאַרצויגן
און הענגט נאָך אַלץ אַריבער הייכן —
איבער וועלט — אַ קין־צייכן.

מײַנע װערטער אױף די צװײַגן

אַ שפּרונג טאָן אין פּאָרױס
אין אײן און צװאַנציקסטן אַרײַן
און פֿון דאָרט
מיט אָדלערבליק
אַ קוק טאָן אױף צוריק
אױף װאַלד און פֿעלד און הױז
װאָס איז געװען מיר אײגן
און הערן אפֿשר אױך
דעם עכאָ פֿון אַ װאָרט
װאָס האָט מײַן ליד געמיטן
און געבליבן ערגעץ הענגען
צװישן צװײַגן נישט דערבליטע...

צי װעל איך זײ דערקענען
מײַנע װערטער אױף די צװײַגן
מײַנע װערטער —
מײַנע יאָרן
אינעם דאָרן
װאָס הערט נישט אױף צו ברענען?

אין פלאַם גייט אויף

ביים סוף פון בלוטיקסטן יאָרהונדערט
עס ווייטיקן נאָך אַלץ די ווונדן,
עס פלאַקערן נאָך אַלץ די פייַערן,
וואָס פאַרברענט האָבן די שייַערן
מיט האָב־און־גוטס, מיט רייַפע זאַנגען...

פרוו איך ווידער איצט דערלאַנגען
מיט מייַן צעשפּליטערטן זכּרון
צו האַלב־פאַרמעקטע צייַטן, יאָרן
פון קינדערטרוימען, יוגנט־ליבעס,
פאַרהילכטע מיט געזאַנגען שטיבער,

וווּ ס׳זענען זיך צונויפגעקומען
פרי צעשפּראָצטע יונגע בלומען —
שויבערקעפּ מיט הערצער פולע
פרייד, פון התלהבות דולע
גרייטע וועלטן איבערקערן.

וווּ זענען זיי? פאַרשטיק די טרערן
און זע — דער הימל איז צעצונדן,
אין פלאַם גייט אויף אַ נייַ יאָרהונדערט!

דער לעצטער כּוס

ווער איז ווער?

אין שפּיגל זע איך אים,
מײַן קליינעם בלייכן טאַטן,
דער זעלבער זילבערדיקער שטערן
מיט קלוגן קנייטש אין מיטן,
די הימל־בלויע אויגן קוקן מיט פאַרוווּנדערונג
אויף מיר. — ווער איז ווער —
פרעג איך זיך אַליין
און מיר דאַכט, איך הער
זײַן קול, די ווייכקייט לייגט זיך
ווי אַ באַלזאַם אויף פאַרבענקטן האַרץ.
ווי אַלט דו ביסט געוואָרן,
קינד מיינס — זאָגט דער יינגערער אין שפּיגל
און ווישט אַ הייסע טרער
וואָס איך קוש מיט מײַנע ליפּן,
— ווי אַלט דו ביסט געוואָרן...

איך קוק אין שפּיגל
און עס לויפן אויף צוריק די יאָרן,
דאָס געשטאַלט אויף יענער זײַט
דערווײַטערט זיך, מיר דאַכט,
אין רוים און צײַט
און מיר וואַנדערן צוזאַמען אין אַ נעפּל.
ווער פירט וועמען פאַר דער האַנט?
צי פירט ער מיך אין שול
אָדער איך פיר אים אין חדר?
ערגעץ ווו פאַרלירן מיר זיךביידע
און טויכן ווידער אויף פאַרענדערטע
אין שפּיגל.

איך פֿאַרקעם די גרויע האָר מײַן טאַטנס,
גלײַך ער געווען וואָלט איך —
און אפשר איז ער?
כ'באַטראַכט דאָס פּנים, שטריך נאָך שטריך,
מיט מײַנע-זײַנע פֿינגער
און פּלוצעם דאַכט זיך מיר,
אַז איך באַריר אַ קאַלטן שטיין
און בלײַב אַליין...

זאָג מיר...

פאַר מײַן שוועסטער ח י ה   ש י ב ע ר

ס׳האָט אַ שטורעמווינט
און רעגן
אונדז געשמיסן אין די אויגן,
און איך געפּרוּווט האָב דעמאָלט פרעגן —
צי ווייסטו ווּ דו גייסט?
און דו, אַליין אַ קינד,
האָסט צו מיר זיך אָנגעבויגן
און געזאָגט:
— איך ווייס, איך ווייס...

אפשר איז געווען עס בלויז אַ טרייסט?

און איצט,
נאָך אַזוי פיל בלוט
וואָס פאַרוואַשן קאָן נישט
קיין שום רעגן,
קום איך ווידער פרעגן
אַ פאַרצוואָגענער פון שלאַקסן,
מיט אַלע פּײַנען אויף די אַקסל —
צי ווייסטו ווּ איך גיי?

זאָג מיר, זאָג מיר,
אַז דו ווייסט...
אויך דער טרייסטער
דאַרף אַ טרייסט...

* * *

פאַר וועמענס קעפּעלעך
די בלומענקראַנצן?
דאָס פעלד איז ווײַט,
די קעפּלעך מער נישטאָ...
איז ווער וועט טאַנצן
אינעם פײַער־ראָד
ביז צו פרימאָרגן־שעה,
ווי דעמאָלט,
ווי אַ מאָל?
צי קאָנען טאַנצן אַשן?
מײַן גאָט,
ווער ווייסט דעם סוד?

2טער יוני 1992

מײַן װונדערזי

איך האָב געװאַרט אױף איר אַ גאַנץ יאָרהונדערט
און אפשר מער.
און אַט האָט זי באַװיזן זיך, פֿאַרשװונדן,
װי אַ שפּערל.

געבליבן איז אַ פֿלאַטער בלױז אין לופֿט,
װי אַ געזאַנג,
װי דער עכאָ פֿון אַ צאַפּלדיקן רוף —
אַ װײַטער קלאַנג.

איצט זוך איך צװישן מענטשן אים אַרום,
דעם פֿלאַטערקלאַנג.
איך זוך אים צװישן װאַלד און פֿעלדגעבלום,
װי אַ געשאַנק

נאָך װעלכן כ'האָב אומזיסט מײַן האַנט געשטרעקט
און ר'איז אַװעק —
אַ שאָטן אין אומאױפֿהערלעכן פֿלי,
מײַן װונדערזי.

איך האָב געװאַרט אױף איר —
און אפשר מער — — — —

אַלע ענטפֿערס...

פֿאַר דינהלען

און דאָ מיר װעלן בלײַבן שטײן,
מײַן קינד.
ס'טוט צו פֿיל װײ די שאלה.
װאַרט אַ װײַלע,
װאַרט אַ װײַלע,
אַלע ענטפֿערס זענען אױסגערונען
װי דאָס װאַסער אין אַ ברונעם,
און זײַן טױבן עכאָ
טראָגט אַװעק דער װינט.
אפֿשר װעט דער שטראָם
דער אונטערהאַרציקער
זיך אומקערן צוריק
און דעם לעצטן ענטפֿער,
קינד מײַנס,
געפֿינען װעסטו אין מײַן בליק.

אפשר בלויז פּאָעטן

פאַר דזשודי

דאָס הויז פון ווײַסן פּאַפּיר,
וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט
פאַר מיר
מיט דײַנע דינע פינגער,
וואַקלט זיך
ווי דײַן קליינע וועלט
און וועט באַלד
צעפאַלן זיך, צעשפּאַלטן,
איך צווייפל צי אַפילו שמשון
וואָלט געקאָנט עס אונטערהאַלטן.

אפשר בלויז פּאָעטן
וואָלטן נאָך געקאָנט
עס רעטן...

אין תהום פון פאַרגעס

ווי בלעטער פון האַרבסטיקן בוים
שפּליטער נאָך שפּליטער
זיי פאַלן אַראָפּ
אין תהום פון פאַרגעס
די פרילינגס און זומערס
און כ׳צאַפּל און ציטער
עס זאָל אויך אויף מיר
נישט קומען
די צײַט
און כ׳וועל בלײַבן
אַזוי ווי דער האַרבסטיקער בוים
אין מיטן פון וועלטוואַלד
אַ נאַקעטער הוילער
און קוים קוים
געדענקען די טעג
פונעם בליִען.

דאָס האַרץ פון זכּרון

נאָך אַ נאָמען אויסגעמעקט
אין נאָטיצביכל דעם קליינעם,
נאָך אַ נאָמען,
נאָך אַ נאָמען
און נאָך איינעם...
שוין נישטאָ באַלד
וועמען צו פאַרמעקן.
יעדער פעדערשטריך
איז ווי אַ רידל ערד
אויף צום פאַרדעקן
אַן אויסגעלאָשן לעבן.
נאָר ביַי מיר פאַראַן איז
נאָר איין ביכל —
דאָס האַרץ פון מיַין זכּרון,
און דאָרט פאַרבליַיבן
אַלע נעמען,
אַלע לעבנס,
אויף אַלע מיַינע יאָרן.

דאָס אויג פֿון זכּרון

וואָס ווײַטער אין וועג
איז שווערער דער בליק
אויף צוריק
דאָס אויג פֿון זכּרון
גרייכט בלויז צו אַ ברעג
נאָך וועלכן
ס׳ווערט אַלץ ווי פֿאַרלאָרן
פֿאַרמישט
גלײַך אַ ווינט
וואָלט די האַרבסטיקע בלעטער
פֿאַרקערט
און געבליבן איז נישט פֿון זיי
קיין סימן אויף ערד
וואָס באַדעקט ווערט מיט שניי

פֿאַר וואָס זשע באַגלייט מיך נאָך אַלץ
דער נויענדער וויי
וואָס קומט ווי פֿון יענער זײַט ברעג
און לעשט מײַנע טעג ?

מיט אייניקע לידער צוריק

מיט אייניקע לידער צוריק,
כ׳גערענק שוין נישט איצטער גענוי —
געשפרייט זיך עס האָט פאַר מײַן בליק
אַ לויטערער הימל אין בלוי.

איז וואָס איז געשען, ווי אַזוי
צעשפּאָלטן האָט זיך מיט אַ מאָל
די זון און דער הימל און גרוי
ט׳צעעפנט זיך פאַר מיר אַ טאָל?

מיט אייניקע לידער צוריק
געווען איז נאָך אַלץ אַזוי פריש,
פאַר וואָס זשע מיר דאַכט איצט עס שטיקט
אין האַלדז מיר אַ יעטווידער קריש,

און כ׳פאַל און איך פאַל אינעם טאָל,
צוזאַמען מיט מיר פאַלט די צײַט,
און כ׳הער פון דער טיפקייט אַ קול,
וואָס קומט פון דער נאָענט און ווײַט — — —

איצט ווייס איך, עס קומט אָט דאָס קול
פון יענער זײַט לעבן און טויט,
פון יענעם פאַראַשטן אַמאָל
וואָס האָט זיך פאַרקאַרבט אין מײַן הויט.

און דאָס איז די וואָר פון מײַן הײַנט,
נישט דער מיניענדער בלוי פאַר מײַן בליק,
וואָס האָט מיר געדאַכט אַז ער שײַנט
מיט אייניקע לידער צוריק.

ס׳גייט אויף דער טאָג

ערגעץ שטייט נאָךווינטער אויפן שוועל
מיט ווײַס־געפאַרבטע צווײַגן,
און דאָ שוין פרילינגט. אין פענצטער העל
גייט אויף דער טאָג אין שווײַגן.

אין נעפּל נאָך די בערג פאַרהילט,
צופוסנס — פאַלמעס גרינען.
פרימאָרגן שיכּור ווערט פון צווית
און גייט אַראָפּ פון זינען,

און קוקט מיט שטוינונג אויף די וועגן
ווו ס׳אײַלן קאַר — — — אַוואַנען.
ער וואָלט אַוודאי וועלן פרעגן —
נאָך וואָס, פון ווו און וואַנען?

נאָר קיינער וועט נישט ענטפערן סײַ ווי,
די צײַט, די צײַט איז טײַער —
דעם מענטש דערוואַרט אַ טאָג פון מי
און פרילינג וועט פאַרבײַ אים...

פאַרבײַ מיט פייגלצוויטש און מילדן ווינט,
פאַרבײַ מיט גרינעם שווײַגן,
זײַן פלאַטער בלויז וועט בלײַבן לינד
הענגען אויף די צווײַגן.

*

אַזוי פיל פרילינגס שוין פאַרבײַ —
עס ווילט זיך זיי נישט ציילן.
און וויפל זענען נאָך געבליבן?
אויב איינער בלויז, איז אויך כּדאַי
פּאַוואָליע גיין צו אים, נישט אײַלן...
און אפשר גאָר אַריבערהיפּן
צײַט און שטח, ווי אַ מויער,
און מיט ליד אויף הייסע ליפּן
זיך אַרײַנקאַרבן אין דויער?

האַרבסטיק

אַ מאָל האָט מיך דער האַרבסט באַוועלטיקט,
אַרײַנגעדרונגען אין געמיט
און אין מײַן ליד.
דער שאָרך פון בלעטערפאַל אויף פײַכטער ערד
האָט שטיל געציטערט צווישן שורות
און כ'האָב געהערט
ווי ס'צערטלט זיי דער ווינט.

איצט, ווען האַרץ שוין, דאַכט זיך, קעלטיקט,
כ'פּרוּוו וואַרעמען מײַן וואָרט
און זיך אַליין
בײַם שײַן
פון יענע פרילינגס, פון די זומערס
לאַנג פאַרגאַנגענע,
וואָס שאָטענען זיך אין מײַן בליק.
נאָר זיי קומען נישט צוריק
און ס'איז ווידער האַרבסטיק...

און ס׳ענטפערט דער וואַלד

די ווילדעניש נעמט דיך אַרום
און פינצטער זאַפּט אײַן, ווי אַ שוואָם,
די סטעזשקע ווערט שמעלער און קרום
פּאַרדרייט זיך און פירט צו אַ תהום.

אויף יענער זײַט ווידער זיך פלעכט
אַ צווײַג מיט אַ צווײַג און פאַרשטעלט
די שײַן פון די טעג און די נעכט,
דו הערסט בלויז אַ קוואַלעכל קוועלט

און ווייסט נישט פון וואַנען עס קוואַלט.
אַ פליגל-געפּאָכע צעשטערט
די שטילקייט פון אוראַלטן וואַלד
און ווידער איז שטיל און דו הערסט

די אייגענע טריט בלויז, נישט מער.
בלײַבסט שטיין און דו פאָרשסט דעם אַרום,
ווי אַ וואָלף מיט פאַרשפּיצטן געהער,
און ס׳דאַכט דיר דו הערסט אַ געברום

פון אורמענטש, וואָס האָט זיך דערוועקט.
דו בעטסט זיך — צעשטער נישט די רו,
ווער ביסטו? צו מיר זיך אַנטפּלעק!
און ס׳ענטפערט דער וואַלד — דאָס ביסט דו,
דאָס ביסט דו...

גערײַנגל

איך פֿרוװ זיך פֿון װינטער באַפֿרײַען,
באַנײַען,
אַרױפֿצי׳ן אַ פֿרילינגדיק העמד,
נאָר סײַ װי
איך בלײַב אין אַ פֿרעמד
און אַ קעלט
יאָגט אָן פֿון דער קאַליקער װעלט,
װוּ בלוטרױיזן בליִען
און כמאַרעס פּאַרציִען
די זון,
װאָס רײַסט זיך איעדן באַגין
אַרױס פֿון געװעב...

איך װײס, כ׳בין אַ טײל
פֿון אָט דעם גערײַנגל,
און כאָטש אױף אַ װײַל,
עס טוט גאָרנישט באַנג מיר.

די גרענעץ

איז דאָס די גרענעץ
און ווײַטער קיין טראָט?
געענדיקט דער חשבון
מיט זיך און מיט גאָט?

...געגאַן דורכן לעבן
מיט ליד און מיט לייד,
מיט פראַגעס אַזוי פיל
און אַ באַשייד,
מיט טראָציקער ווילדקייט
און וואַקלענדע טריט,
מיט קינדערשער מילדקייט
וואָס כ'האָב אויפגעהיט
ביזן סוף, ביזן סוף...

— — — — — — —

זאָל דאָס זײַן די שטראָף?

— — — — — — —

אָ, לאָז מיך
אַריבער דער גרענעץ אַ שפּאַן,
לידער אַזוי פיל
אין האַרץ נאָך פאַראַן!

1995

דער לעצטער כּוס

דער לעצטער כּוס איז נאָך נישט אויסגעטרונקען,
דאָס לעצטע וואָרט איז נישט געגאַן פאַרפאַלן,
ערגעץ פינקלען נאָך די קלאַנגען — פונקען
אין די שפּליטערט פון צעבראָכענע באָקאַלן.

מיר שפּיגלען זיך אין זיי ווי אין די נעכטנס —
ברוין־און־בלויע צייכנס אויף נשמות,
וואָס פלאַטערן אין צווישן טעג און נעכט און
ווערן ווי פאַרזונקען אין די תּהומען.

פּרוּוון מיר אויף ס'ניַי זיי צו דערהייבן,
פאַרקלעפּן מיט די ברענענדיקע פינגער,
נאָר זיי צעפאַלן ווידער זיך און ס'בליַיבן
עכאָס בלויז אין וואַכנעכט קלינגען, קלינגען...

אַזוי איז שוין באַשערט אונדז — שפּליטערס בליַיבן
פון אַ דור וואָס איז פאַרלענדט געוואָרן,
און זיי וועלן געהייליקטע פאַרבליַיבן
ביזן לעצטן כּוס — אין פלאַטער פון זכּרון.

אַזוי איז געוואָרן פאַרשריבן

איך שטרעק די הענט...

דאָס לעצטע ליד,
אפשר גאָר דאָס ערשטע —
מיט ציטערדיקע פעדערטריט
נאָך נישט באַהערשטע
נאָך דעם צוריקקער
פון אַ נישט־זײַן
צו אַ ווערן
אונטער מזלדיקן שטערן —
דאָס לעצטע ליד,
און אפשר גאָר דאָס ערשטע
וועל איך שרײַבן —
אויב כ׳וועל בלײַבן...

* * *

און אַזוי איז געוואָרן פאַרשריבן —
ער איז געבליבן
אויף זײַן,
אין לייד און אין פּײַן,
אין פרייד און אין גליק,
ביז לעצטן פאַרגיין
שוין אָן אַ צוריק,
און אין וועג
צו טראָגן אויף זיך
דעם גאַנצן געפּעק
פון אַ דור
וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן
אַנטקעגן דעם ווינט

און איצט ער פֿאַרשווינדט
אין אין־סוף
פֿון צײַט...

* * *

דער טאַטע עפֿנט אויף די לאָדנס
און דורכן פֿענצטער קוקט אַרײַן אַ בלויע וועלט,
איך ליג אין בעט,
נאָר ווי כ'וואָלט אין דער בלויקייט זיך געבאָדן
איך ווער אַליין צעהעלט
און קאָן די העלקייט נישט פֿאַרנעמען...
מיט צוגעמאַכטע אויגן
כ'הער עמעץ רעדט
און אָפּגעהאַקטע ווערטערקלאַנגען
פֿון דער ווײַט צו מיר גענענען —
לאַנג פֿאַרגעסענע געזאַנגען,
וואָס כ'האָב אפֿשר קיין מאָל נישט געהערט
און נישט פֿאַרשטאַנען...
פֿון וואַנען קומען זיי, פֿון וואַנען?
און די לאָדנס, און מײַן טאַטע,
וואָס ווערט קלענער אַלץ און קלענער?
כ'שטרעק אוים אַ האַנט,
ווי כ'וואָלט וועלן אים פֿאַרהאַלטן,
נאָר צווישן מיר און אים — אַ וואַנט,
אַ וואַנט אַ קאַלטע.
פֿאַרשווונדן איז דער טאַטע
צוזאַמען מיטן בלוי
און מיט די ווײַסע טענער.
און מיר טוט וויי,
ס'טוט וויי אַזוי — —

* * *

אַן אַנדער טאָג
און נאָך אַן אַנדערער,
און ווי אין ווירבלווינט
אַ בלינדער וואַנדערער
וואָס קאָן קוים דעם אָטעם כאַפּן
און שטרעקט אוים די הענט
די פֿינצטערניש אַדורכצוטאַפּן,
איך שטרעק די הענט צו דיר
וואָס ביסט דאָ און ביסט נישטאָ
דערנעבן.
אָט בייגסטו זיך אַריבער מיר,
און אָט — דערווײַטערסט זיך
ווי מײַן אייגן לעבן...

* * *

ציטער נישט מײַן קינד,
דער ווינט וועט ווערן לינדער,
און אַזוי דער ווייטיק.
לייג צו דאָס אויער צו מײַן ברוסט,
הערסט —
לידער ווערן צײַטיק.

און מיר וועלן גיין מיט קעפּ צעשויבערטע
אַזוי ווי אַ מאָל,
פֿון זונגאָלד און וואַלדגרין באַצויבערטע
אַרוים פֿונעם טאָל.

און אויב ס'וועט דאָס האַרץ ווען אַ טיאָכקע טאָן
מיט פֿאַלשן וויבריר,
דערמאָנען מיר וועלן דעם קנאָכיקן
קאַלטן באַריר,

— אָן אַנגסט און אָן ציטער, און ווײַטער אין וועג
אַ טאָג און אַ יאָר.
— נאָר ליבסטע, איך בעט דיך, נישט פֿרעג
ווו זענען די האָר?...

יולי־אויגוסט 1993

וואָרטגעפּיל

ס׳האָט הײַנט גערעדט צו מיר
אַליין די שטילקייט
און כ׳האָב פאַרשטאַנען
יעדן שאָרך,
נאָר האָט זי מיך פאַרשטאַנען?

ס׳האָט הײַנט גערעדט צו מיר
די אורואורווילדקייט
און נישט געהערט איך האָב
דעם מינדסטן שאָרך,
צי האָט זי מיך געהערט?

* * *

איך האָב דאָס אײנע וואָרט
צעשפּאָלטן
אויף אַלע קלאַנגען
פון אַ גאַמע
און דערגאַנגען
ביז דער שטילסטער
שטיל
און גלײַך זיי וואָלטן
זיך צוריק פאַראייניקט
אין איין וואָרטגעפּיל
כ׳האָב דעמאָלט ערשט
דערקענט אויף ס׳נײַ
מײַן לשון
אין וועלכן כ׳האָב

גערעדט צו דיר
און צו דײַן שאָטן
ביז מיר האָבן בײדע
זיך פאַרלאָשן.

* * *

דאָס פלעמל זשאַרעט נאָך
און זשאַרעט
װײַל נישט אױסגײן אינעם האַרץ
װאָס הערט שױן אױף
באַלד קלאַפּן
איך װײס שױן נישט אַלײן
װען און װער
האָט עס צעצונדן
איך װײס נאָר בלױז
עס טוען װײ
ביז בלוט
די װוּנדן.

* * *

דער זעלבער
און אַן אַנדערער
אַ זוכער
און אַ װאַנדערער
װוּ װעל איך דערגײן
װוּ װעט זי דערפירן מיך
די מיניענדיקע
צאַנקענדיקע
רופנדיקע שײַן
צעצװײַטער
און צעפּערטלטער

געבײַטשטער
און געצערטלטער
בײַ זיך אַליין
איך פֿרעג
אין גאָר דער וועלט
אַלייניקער
איך ווער אַלץ
ווייניק און ווייניקער
אין אומענדלעכן וועג.

טראָפּנס גליק

די נאַכט האָט נישט געבראַכט קיין רו,
דער ים האָט זיך נאָך מער צעוויגט
און כוואַליעס פּויקן אינעם ברעג
ווי אַ פאַרטויבנדע מוזיק
פון וועלכער ס'פּלאַצט דאָס האַרץ.

אַ שאַרפער בליץ האָט ווי אַ מעסער
די שוואַרצקייט דורכגעשניטן
און צוזאַמען מיטן דונער
האָבן שטערן זיך גענומען שיטן
און פאַרשווונדן אינעם ים.

מיט אַ מאָל דער ים האָט זיך צעעפנט
און ס'האָט אַ פלייץ געטאָן אַ שטראָם מיט ליכט.
געזוכט האָב איך די שטערן אין זײַן טיף
און געפונען — זיך...

* * *

פאַר טאָג האָט אַלץ זיך אײַנגעשטילט,
כוואַליענדיק דער ים זיך וויגט
און ווי ווײַט עס גרייכט, דער בליק
איז מילד אַזוי, איז מילד.

אַ מילדער בלוי הילט אַלץ אַרום,
די ווײַטע בערג, דעם טיפן טאָל
און איבער זיי גייט אויף די זון
ווי נעכטן, ווי אַ מאָל...

גלײַך קיין זאַך וואָלט דאָ נישט געשען,
קיין שטורעם נישט, קיין פֿײַערפֿלאַם,
און כ׳האָב מײַן שטערן נישט דערזען
פֿאַרלעשן זיך אין טיף פֿון ים.

* * *

די וועסלע איז נאָך פֿעסט פֿאַרדריקט
אין פֿינעף־פֿינגערדיקן קלעם,
און טראָפּנס שווײס, ווי טראָפּנס גליק,
פֿאַלן אויף מײַן גרויער ברעם.

פֿאַראַנען כּוחות נאָך גענוג —
ווער קאָן דען ווייסן אויף ווי לאַנג,
איז פֿיר מיך שיפֿל פֿלינק און קלוג,
ס׳איז נאָך ווײַט ביז צום פֿאַרגאַנג,

ביז גרייכן כ׳וועל דעם הימלבלוי
וואָס אָט ר׳איז נאָנט און שוועבט פֿאַרבײַ —
איך ווייס שוין באַלד נישט ווי אַזוי,
נאָר שווימען איז נאָך אַלץ כּדאַי...

* * *

און איך וואָלט אויך אַ טאַנץ געטאָן
צום ריטעם פֿונעם ווינט און קלאַנג,
נאָר ס׳איז נישט מער מײַן ליד, מײַן טאָן,
נישט מײַן געזאַנג.

די עלעקטראָנישע מוזיק
פֿאַרהילכט, מיר דאַכט, אויך זיך אַליין,
איך הער שוין גאָרנישט מער, מײַן בליק
פֿאָלגט נאָך בלויז דעם געדריי

פון הענט און פּיס און הענט,
און טראָגט אַוועק מיך אויף צוריק
צו אַן אַנדערער מוזיק,
וואָס האָט אַ מאָל אין ליד געברענט.

איך טראָג מיט זיך זיי אומעטום,
די ווערטער פון אָט יענעם ליד:
„מיידל קום,
גיב אַ האַנט און נעם אַרום".

און זי שטרעקט אויס צו מיר איר האַנט,
און איך גיי אַנטקעגן בלינד,
נאָר צווישן אונדז — אַ פייערוואַנט,
און זי פאַרשווינדט, פאַרשווינדט...

— — — — — — — —

עס רוישט דער ים און די מוזיק
וואָס טראָגט אַוועק מיך אויף צוריק.

אין שאָטנס פאַרהילט

פון יענעם ליד
איז שוין פאַרגאַן
אַ ים מיט לייד
מיט אויסגעזונגענע
און
נישט דערזונגענע
חלומות

פון יענעם ליד

נאָר איך
טראָג אַלץ אין זיך
דעם עכאָ
פון אַיעדן זילב
און צײַטנווײַז
ער שנײַדט זיך
אײַן אין האַרץ
ביז בלוט
און ס'איז גוט
ס'איז גוט אַזוי
דער ווייטיק

פון יענעם ליד

* * *

די טריט
שוין לאַנג פאַרגעסענע
וועקן ווידער אויף

דעם אומרו
פון דער נאַכט
ווער

איך וואַך
צוזאַמען מיט מײַן שאָטן
וואָס הענגט
אַן אויסגעצויגענער
אויף ווײַסן הימל
און וויגט זיך
איבער שוואַרצן וואַלד
פון שלאָפנדיקע הײַזער

ווּהין
ווּהין אַנטלויפן
פון מײַן שאָטן
און דעם שאָטנדיקן קלאַנג
פון טריט
אינמיטנוועלט

* * *

אויף דער מיטן
האָט אַ סוף
צי האָט ער
עס גייט אַיעדער סוף
צו זײַן אין סוף
ווי וואַך צו שלאָף
ווי אויפגאַנג
צום פאַרגיין
ווי פינצטערניש

צו שײַן
עס איז אָן אויפהער
גײן און גײן
צו
נאָר סײַ ווי
ערגעץ ווו
בלײַבסט שטײן
אַלײן

* * *

און דעמאָלט
גײט אויף אַ געזאַנג
וואָס דו הערסט נישט
און ווײסט
אַז עס זינגט

יעדער קלאַנג
וואָס וויברירט ערגעץ טיף
ווי אַ קוואַל
אונטער פעלדזיקן גרונט
שוועבט אין דער לופט
אַרום דיר
צינדט פײַערלעך־שײַטערס
אין נאַכט
קאָנסט פילן
זײַן שאַרפן גערוך
און זען אים
מיט אויגן פאַרמאַכט

קאָנסט זען אים
קאָנסט הערן
דעם קלאַנג
דײַן אײגן געזאַנג
פֿון אַ װײַטן
אַ װײַטן
אַמאָל

* * *

דער װײַטער אַמאָל
װאָס איז מחוץ דיר
און אין דיר
באַגלײט דיך
װי יענער פֿאַרגעסענער
קלאַנג
אין שאָטנס פֿאַרהילט
און װײסט נישט אַלײן
אַז ס'איז דאָס געזאַנג
פֿונעם אײביקן װינט
פֿון בלי
און פֿון װיאַנען
פֿון אַ מאַמען
בײַם װיגל
פֿון איר נאָך נישט
געבוירענעם
אָדער פֿאַרלוירענעם
קינד.

מײַן שטאָט איז אין פֿײַער

קנוילן רויך צום הימל גרייכן,
שוואַרצע קנוילן רויך.
פֿײַערפֿלאַמען — רויטע טײַכן
רײַסן זיך אַרויס פֿון ברעגן —
מויערן און דעכער,
און מיט שטראָמען זיך באַוועגן
פֿון דער ערד אַלץ העכער, העכער —
שוואַרצע קנוילן רויך.

כ׳האָב געפֿילט שוין אָט די רויכן,
כ׳האָב געזען שוין אָט די פֿלאַמען
ווען פֿאַרצוקט זיי האָבן קינדער
מיט מײַן געטאָ־פֿאָלק צוזאַמען.
כ׳האָב געפֿילט שוין אָט די רויכן
און זיי שטיקן מיך אַצינדער,
נאָר כ׳בין נישט גרייט אַרויסצוהויכן
לעצטן אָטעם אין דער פֿרעמד דאָ.

ווער האָט זיי אויף ס׳נײַ צעצונדן
אין דער „שטאָט דער פֿון מלאכים?״
קאָן דען פֿײַער היילן וווּנדן
וואָס די צײַט האָט נישט פֿאַרשטראָכן?
אָ, פֿאַרלעשט זיך, בייזע פֿלאַמען,
ס׳איז די שטאָט דאָך אַזאַ שיינע.
זאָל זי זײַן צו אונדז אַ מאַמע,
זאָל זי זײַן אויך מײַנע, דײַנע...

* * *

שטיל,
דער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט,
מײַן שטאָט —
אַ פֿאַרלאָשענער שײַטער
קלײַבט צונויף די אַש.
דאָס פּנים
נאָך נישט אָפּגעוואַשן
פֿון די װוּנדן
העלט שוין אויף
מיט קרומען שמייכל.
פֿאַרלוירן אויף אַ װײַל
דעם שׂכל,
זי קומט צוריק,
מײַן שטאָט,
ווי אַן אָבל,
וואָס האָט זיך אַליין
באַגלייט
צום בית־הקברות
און איצט ער שטייט
פֿאַרלאָזן.

אָ, וואָס איז פֿון דיר געוואָרן
שטאָט פֿון די אַנטלאָפֿענע
מלאכים!

ל. א., מײַ 1992

זאָל ווערן באַרג

ווײַסע האָר
און רויטע בערד
געטעסעטע אין שטיין
געצוואָגענע
אין בלויער שײַן
און גאָלד־באַזוימטע
פון דער זון
שטײַגן אויף
פון סאַמע אונטערערד
און רײַסן זיך
אַלץ העכער
העכער
ווי צום הימל שפּאַלטן

באַלד וועט דער פײַערקויל
זיך הינטער זיי
באַהאַלטן
און אַ שטערנטוך
וועט ברייט צעפּעכערט
איינהילן די בערג
וואָס עמעצער האָט
אפשר אויף קאַטאָוועס
אָנגערופן
מיט די נעמען דרײַ
פון מײַנע אָבות

* * *

קאָן זײַן זיי האָבן דאָ געוואַנדערט
מיט שאָף און רינדער
ווײַבער קינדער
און שטורעמדיקער ים
האָט שפּעטער
יעדן שפּור פֿאַרגאָסן
קאָן זײַן אַז טאַקע דאָ
האָט מען דעם אורפֿאָטער אַברהם
אין קאַלכאויוון געוואָרפֿן
און פֿון יענעם פֿײַער
און פֿון יענעם וואַסער
האָט די צײַט
די קיין מאָל נישט פֿאַרגייענדיקע
די שטענדיק זיך באַנײַענדיקע
אויסגעקריצט
אינעם זכּרון פֿון אַרום
די ווײַסע און די רויטע
און די ברוינע
בערג
און אפֿשר גאָר
האָט ער אַליין
נאָך דעם יהי אור
אַ רוף געטאָן
זאָל ווערן באַרג
און ס׳איז געוואָרן

* * *

מיט זון — מײַן רוקזאַק
אויף די פּלייצעס
איך נידער אַלץ און נידער
צום ברעג
פֿון קאָלאָראַדאָ־ריווער
און מיך באַגלייט
אַ קאַראַוואַן
פֿון ווײַסע און פֿון גרויע
בערג
ווי הויקערדיקע קעמלען
דאָרשטיקע נאָך שאָטן
באַלד וועלן מיר צוזאַמען
די פֿיס אין קאַלטן וואַסער
טונקען
און אָפּגעפּרישטע
לאָזן זיך צום ווײַטן בלוי
וואָס מיניעט זיך אַנטקעגן

* * *

די מאַמע מיטן קינד
אויף אירע הענט
האָט קיינער נישט געטעסעט
אינעם שטיין
דאָס האָט יאָרטויזנטיקער ווינט
פֿאַרקעמט די לאַנגע האָר
און שלאַקסרעגן האָט זיי געצוואָגן
קאָן זײַן עס האָט אַזוי
אַ מאַמע
איר קינד געטראָגן

אין צווישן געטאָ־פּײַער
און אַ פֿאַרגליווערטע
געבליבן שטיין
ווישנדיק די לעצטע טרער
פֿון אַ פֿאַרשטיקט געוויין

ווי קומט זי דאָ אַהער
די מאַמע
מיטן קינד
אויף אירע הענט
ווי קומט זי דאָ אַהער
אין דער פֿאַרלאָזטער שטאָט
פֿון זאַמד־און שטיינער־ווענט
וואָס גאָט אַליין
האָט זי פֿאַרגעסן
באַלד נאָכן באַשאַף

קאָן זײַן זי האָט פֿאַרוואַנדערט
דאָ מיט מיר צוזאַמען
די מאַמע
מיטן קינד
אויף אירע הענט
וואָס גייט מיר נאָך
אויף אַלע וועגן.

פֿאַרשריבן אין די קעניאָנס
פֿון די מערב־שטאָטן, זומער 1989

אויף ס׳נײַ אין ישׂראל

א. אָנקום

די פליגל אויסגעשפּרייט
ער האָט באַרירט די ערד
און פון זײַן איינגעווייד
עס האָבן שאָטנס זיך אַוועקגעלאָזט
אַנטקעגן נאַכט
באַלויכטענע מיט שטערן

פון דער ווײַט
ס׳האָט זיך געהערט
די שטילקייט פון אַ שטאָט
אין אומרויִקן שלאָף
און אין פײַכטן ווינט
פון גאָט דער הייסער אָטעם

האָב איך אויסגעטאָן די שיך
די שטילקייט נישט צו וועקן
און בין אַרײַן אין זיך
צוזאַמען מיט מײַן שאָטן.

ב. ווידער בײַם כּנרת

ווידער בײַם כּנרת,
דער זעלבער גרין און בלאָ.
מיר דאַכט, איך קאָן דערהערן
דעם שטילן האַרץ-אויפּצאַפּל
ווען כ׳בין געקומען דאָ
צום ערשטן מאָל
און ס׳האָט פאַר מײַן שוואַרצאַפּל
אויפגעטויכט
דער וואַסערטאָל,
וואָס האָט ווי אַ האַרף
צווישן בערג זיך אײַנגעשניטן
און פאַרנומען כ׳האָב איר קלאַנג
אין מײַנע בליטן.

געווען איז דעמאָלט
פּונקט ווי אַצינד
אַ קילער אינדערפרי
און כ׳הער נאָך אַלץ
דאָס לויטערע געזאַנג
גלײַך ס׳וואָלט אַ ווינט
געבראַכט עס פון די בערג
צו מיר —
ים-כּנרת שלי,
ים-כּנרת שלי...

ג. אויף בערג פון יהודה

דרײַ איינזאַמע ביימער
אויף בערג פון יהודה,
אָרום זענען שטיינער —
אַ גרודע אויף גרודע.

ווער האָט זיי געבראַכט דאָרט
אַהין צווישן שטיינער,
אפשר מיט שטילוואָרט
באַלעבט האָט זיי איינער?

און כ׳ווייס זײַן געביין נישט
און כ׳קאָן אים נישט גרייכן...
פאַרהילט אין געהיימ׳ניש
די ביימער זיי לײַכטן

אין אָוונט-שעה שפּעטער
ווי ברענענדע דאָרנס.
מיר דאַכט זיך איך קלעטער
אַליין דאָרט פאַרלאָרן

מיט הענט אויסגעצויגן
צו שטיינערנע גרודעס,
און ס׳בלענדן אין אויגן
די בערג פון יהודה.

ד. אַ באַגעגעניש בײַם ים־המלח

דאָ אײַלט זיך קײנער נישט. פּאַמעלעך
מען שמירט זיך אין דער הײלנדיקער בלאָטע
און דערשטױנט עס קוקט דער ים־המלח
אויף די שלײַכנדיקע שוואַרצע שאָטנס
וואָס געגעגנען צו זײַן גרויען שפּיגל.
באַלד וועלן זײ זיך לײגן ווי אין וויגל
און וויגן זיך און וויגן...

שפּעטער, אָפּגעצוואָגענע מען טריקנט
ווי גרעט זיך אונטער מידבר־זון צעגליטער,
און בלאָנדזשענדיקע, זוכנדיקע בליקן
קוקן אוים אַ צווייטן און אַ דריטן.
באַלד עס שאַפט אַרום זיך אַ געזעמל —
יידן פון אומעטום — פון אַלע ווײַטן,
מען פּרוווט צוזאַמענרעדן זיך, מען שטאַמלט,
איין לשון פּרוווט אַן אַנדערנס פאַרבײַטן.

ביז... אַ ייד וואָס שטאַמט פון מײַנע קאַנטן
און פאַרקויפט בײַם ים דאָ איצטער בלאָטע
גיט אַ זאָג מיט ווערטער אַלט־באַקאַנטע:
„צ׳האָט פאַרגעסן אינדזער יידיש, האָט עץ?”
צעוואַרעמט זיך דער ייד פון אַרגענטינע
און די יידענע די ברײטע פון בראַזיל,
און פון שיקאַגאָ יידן צוויי, אַלץ גרינע,
וואָס זענען אין אַ זײַט געשטאַנען שטיל.

און ייִדן נאָך, סײַ היגע, סײַ נישט־היגע,
יעדער וואַרפֿט אַרײַן זײַנע „צוויי גראָשן״,
לסוף זאָגט איינער וואָס נישט לאַנג פֿון ריגע:
— אַ געזונט אין אונדזער מאַמע־לשון!

און מיר זיך שטעלן טרערן אין די אויגן —
זאָל עס זײַן דאָס זאַלץ פֿון ים־המלח?
האָב איך צום האַרצקלאַפּן זיך אָנגעבויגן
און אַרויסגעהערט — אויב דיך פֿאַרגעסן וועל איך...

לידער פון נעכטיקע יאָרן

פון „רוינען און רושטאַוואַניעס", 1951

מײַן זיידע

עס נעמט ערט זיך פון ערגעץ ווײַט,
פון איבער טויזנט שקיעות און קאַיאָרן
אַ ווידערקול פון טריט. שאַ, עמעץ גייט,
ער זוכט עפּעס. וואָס האָט ער דאָ פאַרלאָרן?

וואָס זוכט ער צווישן בערג פון אַש,
צווישן גריבער אָנגעפּילט מיט ביינער?
וואָס וועקט ער טויטע מיט דעם רעש
פון טריט אויף וויסטע שטיינער?

ער קומט אַלץ נעענטער און זײַן געזיכט
אַנטפּלעקט זיך מיר, ס'איז נישט קיין פרעמדער.
מײַן זיידע גייט. דאָס זוכט ער מיך
צווישן אַש פון די געשענדטע...

איך וויל אַ רוף טאָן: זיידע, זיידע!
נאָר באַלד האָט ער אַליין דערקענט מיך.
אָט שפּאַנען מיר אַוועק שוין ביידע,
ער נעמט אַרום מיט זײַנע הענט מיך.

ווי אַ בלינדער אַ מטבע,
טאַפּט ער אוים מיר יעדער אבר,
זאַפּט זיך אָן מיט מײַנע ווייען,
הויכט אויף מיר אַרויף מיט קבר.

און מיר גייען איבער שנייען,
צווישן שקיעות און קאַיאָרן.
ס'וויל די נאַכט נאָך נישט פאַרגייען,
נאָר דער טאָג ווערט שוין געבאָרן.

אויף די פעלדער פון מײַדאַנעק

אויף די פעלדער פון מײַדאַנעק גרינען גראָזן,
אויף די פעלדער פון מײַדאַנעק וואַקסן רויזן —
פלעקן בלוטיקע אויף ערד.
אויף דעם קוימען פון מײַדאַנעק אויף דעם גרעסטן
בויען פייגעלעך זיך אוים שוין נעסטן
און זיי טשווירקען פריילעך, אומגעשטערט.

דער באַרג מיט שיך איז שוין פאַרשימלט,
צווישן לאַגער־בגדים דרימלט
אַ פאַרשעמטער שטיל דער טויט.
ס׳קאָן די זון די רויכיקע מעת־לעתן
צווישן דראָטן נישט פאַרגעסן —
און מיר האָט זי דעם סוד פאַרטרויט...

גיי איך איבער פעלדער די מײַדאַנקער —
אַ פאַרבלאָנדזשעט שיפל אָן אַן אַנקער,
קאָן זיך נישט דערשלאָגן צו אַ ברעג.
אין די נעסטן טשווירקען וואָראָבייען,
נאָר איך אַליין בלויז קאָן זיך נישט באַפרײַען
פון דעם אומעטיקן, זוכנדיקן וועג.

אַ שטיין

אַ שטיין איז געלעגן צווישן די גראָזן,
אַן איינזאַמער שטיין.
און איך האָב געוואַנדערט אויף פעלדער פאַרלאָזן,
איינער אַליין.

אין שימער פון פאַרבן וואָס ווערן פאַרשוווּנדן
בײַם זון־אונטערגיין,
אין מיטן דער גרינקייט האָט רויט זיך געצונדן
דער איינזאַמער שטיין.

און אויף די אומענדלעכע וועגן פאַרהילטע
אין טונקעלער שײַן,
עס זענען געבליבן דורך שטראַלן באַגילדטע
בלויז איך און דער שטיין...

בוראַן

אַ פײַפן פון ווינטן, געדריי און געקנאָדער.
אַ שניי שמייסט אין פּנים און וואַרפט אויף צוריק.
אין האַרץ פונעם חושך געפּלאַצט האָט אַן אָדער —
מיט ווײַסקייט די נאַכט זיך פאַרכליניעט און שטיקט.

אַ גרויזאַמע קראַפט האָט באַפרײַט זיך פון צוימען —
זי רײַסט אויף די שטילקייט, מישט הימל און ערד.
ווי כוואַליעס אין מבול די שנייעלעך שוימען —
עס דאַכט זיך, אַז אַלץ ווערט אין ווײַסקייט צעשטערט.

נאָר פּלוצעם ווערט אַלץ אַרום דיר דאָ אַנטשוויגן,
אין לופט בלײַבט נאָר הענגען דער רויש פונעם וואַלד,
ווי עמעץ וואָלט ווען אין רוישן פאַרוויגן

דעם אומרו, וואָס שוועבט אַלץ אַרום אינעם רוים,
און ס'ווייסט נאָך נישט קיינער דעם סוד וואָס ס'באַהאַלט
דער שטילער גערויש פון דער צווײַג אויפן בוים.

איך בין ווידער אין וואַלד

(פראַגמענט)

אַזוי פיל געררוישן מײַן האַרץ האָט אין וואַנדער פאַרנומען,
פון יעדן געררויש איז מיר עפּעס אַן אָפּקלאַנג פאַרבליבן.
און איצט, אַז איך בין דאָ אַהער, ווי אַן אָבל געקומען,
זיי גייען מיר אַלע אַנטקעגן, ווי טויטע פון קבר פאַרטריבן,

און רינגלען אַרום מיך: באַזונדער, צוזאַמען, געשטאַלט
נאָך געשטאַלט.
נאָר פּלוצעם אַ ווידערקול הער איך, וואָס קומט פון דער ווײַטן,
אַ הו — איך בין דאָ, איך בין ווידער אין וואַלד!
איך בין דאָ און בין גרייט ווידער שטרײַטן!

הער זיך צו

הער זיך צו — עס רוישט דער טײַך,
און װוּנדערלעכע קלאַנגען
דערגייען פֿון דער װײַט.
דאָס האַרץ זוכט רו
און פּרוּװט די שטילקייט
מיט דער האַנט דערלאַנגען,
װי עס דערלאַנגט די קייט
פֿון בערג דעם האָריזאָנט.

הער זיך צו —
אַ פֿויגל זינגט
און זײַנע שטילע טרעלן
װיגן אײַן דעם װאַלד.
ס׳האָט ערגעץ װוּ
אין אָװנט־דעמער
זיך אַ שטראַל צעהעלט
און אָנגעצונדן רויט
אַ בלעטעלע, װאָס פֿאַלט.

דײַן בילד

דו האָסט קײן בילד פֿון זיך מיר נישט געלאָזן,
געבליבן איז מיר בלויז אַ צאַרטער דרוק פֿון האַנט.
איך זוך דײַן שאָטן צווישן יונגע גראָזן,
וווּ מיר האָבן דאָס לעצטע מאָל געשפּאַנט.

אויף אָרט פֿון יונגן גראָז איז הײַנט אַ צײַטיק פֿעלד,
דער הימל איז ווי דעמאָלט לויטער בלאָ,
נאָר פֿון די זאַנגען יאָגט אַ שטומע קעלט
און רוימט מיר אײַן: „זי איז נישטאָ...״

די זון גייט אויף אין רויטן פֿלאַמענגלי,
מיט בלי̇ענדיקן גרינס איז אַלץ אַרום פֿאַרהילט.
איך זאַפּ אין זיך אַרײַן די שײַן פֿון אין דער פֿרי
און זע: אויף רויטן האָריזאָנט גייט אויף דײַן בילד.

עס רוישט דער טײַך, אַ שטיל געזאַנג,
אין ווײַט האָט זיך אַ סאָלאָוויי צעשפּילט.
כ׳האָב פֿון דײַן שטים דערהערט דעם קלאַנג —
אין פֿורפֿורשײַן גייט אויף דײַן בילד.

באַגינען

פֿאַרבענקט קוקט דער גאָלדענער קאָרן צום הימל
און וויגט זיך אויף פֿליגל פֿון ווינט.
פֿאַרטרוימט שטייען בזשאָזעס אין האַלב-וואַכן דרימל
און וואַרטן אויף העלן באַגין,

און ווען דער באַגינען צינדט אָן זיי די צווײַגן,
זיי בלײַבן נאָך אַלץ אין דעם שאָטן פֿאַרהילט,
אַזוי ווי עס וואָלט זיי די זון בלויז פֿאַרבײַגיין
און זיי האָבן קוים אירע שטראַלן דערפֿילט.

מיט רוישיקן פֿליעסק טונקען מעוועס זיך אונטער
אין טײַכל, וואָס פֿליסט בײַ דעם ראַנד פֿונעם וואַלד.
אין ליכטיקע ווײַטן אַ פֿויגל זינגט מונטער,
עס האָט שוין די זון אין דעם רוים זיך צעשטראַלט.

די לופֿט איז נאָך פֿול מיט פֿאַרטאָגיקער ראָסע,
אַ פֿרישע און זאַטע די ערד עטעמט אָפּ.
אויף פֿעלדער עס בלאַנקען שוין סערפּן און קאָסעס
און שנײַדן די זאַנגען, ווי שטראַלן, אַראָפּ.

*

דעם דריטן טאָג שוין רעגנט —
גרויע וואָלקנס אויף די בערג.
האָסט מײַן פֿרײַנד מיך הײַנט באַגעגנט,
ווי אַ בלענדיק פֿײַערווערק.

פֿלאַמיק ברענען דײַנע אויגן,
און דײַן האַרץ איז קאַלט אַזוי!
האָט אַ וואָלקן דען פֿאַרצויגן
דײַן געמיט מיט יענעם טוי,
וועלכער זעצט זיך פֿון די בערג אָפּ
און פֿאַרשטעלט די העלע טעג?
האָבן דען די רעגן־טראָפּנס
אויך פֿאַרשטעלט צו מיר דעם וועג?

דו דערמאָן זיך יענעם רעגן
און דעם זומערדיקן דעמער —
ס'איז אַ וועלט פֿאַר אונדז געלעגן,
און דײַן האַרץ — אַ פֿולער עמער —
גליק און פֿרייד האָט מיר געטראָגן.

איז איצט שווער אַזוי צוזאַמען,
ווען שטאָט זוניקע פֿאַרטאָגן
גייען דיר אַנטקעגן פֿלאַמען
און זיי ברענען דײַנע טריט דיר.

אפשר וועט דער שטילער רעגן —
אָפּוואַשן פֿאַר דיר די וועגן —
ס'איז נאָך אָפֿן אַלץ מײַן טיר...

פון „טעגלעכע מי״, 1954

בײַם ים

אויף רויטן האָריזאָנט עס פֿינטלט זיך אַ ווײַסער פֿלעק —
אַ העלער דרײַעק
צום ים־ראַנד צוגענעגלט,
די כוואַליעס אײַנגעשטילטע טוליען זיך צום ברעג,
אויף זייער רוקן פֿלאַטערט אויף אַ זעגל.

אַ ווינט האָט אָנגעטראָגן זיך פֿון ערגעץ ווײַט,
אַ כמאַרע אויסגעשפּרייט
אויף טונקלער ים־פֿלאַך.
הער — די כוואַליעס שעפּטשען שטילערהייט —
די זון פֿאַרגייט. נאַכט.

אַ האָגל

דער טאָג פאַרגייט, כאָטש ס׳איז נאָך פרי,
און ווײַט איז נאָך די נאַכט.
די זון פאַרלעשט איר פלאַמענגלי,
אַ שוואַרצער וואָלקן וואַכט.

אַ שטילער ווינט וויגט אײַן אַ בוים,
דער וואַלד דאָס וויגליד הערט.
דער טײַך באַדעקט מיט ווײַסער שוים,
די רויִקייט צעשטערט.

דעם הימל, ווי אַ לייוונט העל,
פון ליכטיקייט און בלוי געמעל
דער וואָלקן קומט פאַרשטעלן,

באַלד ווערט צעשטערט דאָס העלע בילד —
די ערד אין נעפּל איז געהילט,
און ס׳פאַלן זילבער־קרעלן.

און ווידער איז שטיל אַרום מיר

און ווידער איז שטיל אַרום מיר,
דאָס האַרץ קלאַפּט נאָך אַלץ ווי אַ מאָל,
נאָר כ'וועל מער נישט הערן דײַן קול,
דו וועסט מער נישט קלאַפּן אין טיר.

אָ, ליבסטע, ווו ביסטו אַצינד?
ווי גוט איז צו טרוימען פֿון דיר
און וויסן, אַז אַלץ וואָס כ'פֿאַרליר,
פֿאַלט ווי אַ זוים אויפֿן ווינט,

אַז אַלץ ווערט פֿאַרהיט פֿון דער צײַט,
און פֿונקט ווי די זון, וואָס פֿאַרגייט,
און לאָזט נאָך זיך שפּורן פֿון רויט,

אַזוי וועט שוין שטענדיק אָן רו
אין האַרץ בײַ מיר בלײַבן בלויז דו,
די שײַן פֿון דײַן בליק אויף מײַן הויט.

ווי פֿאַרגעסט מען?

אַלץ וועל איך פֿאַרגעסן:
די ליכטיקע מעת-לעתן,
וואָס כ׳האָב מיט דיר פֿאַרבראַכט בײַנאַנד;
די רגע,
ווען כ׳האָב געזעגנט —
אַן אַנדערן געהערט דאָס גליק.

אַפֿילו יענע נאַכט,
די וווּנדערלעכע נאַכט אין וואַלד,
ווען מיר האָט זיך געדאַכט,
אַז איך פֿאַרהאַלט
דעם לויף פֿון טעג און יאָרן,
אַז אַלע שטערן אויפֿן הימל
זענען בלויז פֿאַרליבטע פּאָרן
און איך מיט דיר — די בלענדנדיקסטע שטערן —
אַפֿילו יענע נאַכט וועל איך פֿאַרגעסן.

נאָר ווי פֿאַרגעסט מען יענע אויגן,
וואָס הענגען אייביק איבער מײַן געמיט,
ווי פֿאַרגעסט מען, ווי פֿאַרגעסט מען? —
העלף מיר, ליד!

אויף בערג

איבער מיר דער הימל,
וואָלקנס גרויע,
פלעקן בלויע,
אונטער מיר —
אַ גרינער וואַלד.

איך שטיי אויף בערג
אין מיטן וועלט —
געקריצטע ווערק
פון שטיין
און פון גראַניט.
אַריבער מיר עס העלט
די זונענשײַן
אַדורך די גרויע כמאַרעס,
ווי אַ ליכטל לויכט דורך שפּאַרעס
פון אַ חרוב הויז.

אַריבער מיר דער הימל.
וואָלקנס גרויע,
פלעקן בלויע.
אונטער מיר —
אַ גרין צעבליטע,
אָנגעגליטע
ערד.

פון „בלעטערפאַל‟, 1959

אין שטילקייט

שטיל איז אַרום, בלויז די צווײַגן
רוישן אין ווינט.
שטער נישט די רגע פון שווײַגן,
מײַן קינד.

ווער ווייסט, וואָס אין ערדן זיך בלעזלט
אין אָט דער מינוט,
וואָס גייט איצטער אויף אינעם גרעזל,
אין טראָפּנדל בלוט?

ס'איז יעטווידע רגע פון ווערן
געהייליקט אין פּײַן,
דערפֿאַר אפשר לעשן זיך שטערן
אין פרימאָרגן-שײַן.

שטיל איז אַרום, בלויז די צווײַגן
רוישן אין ווינט.
שטער נישט די רגע פון שווײַגן,
מײַן קינד.

רעגן

דער רעגן האָט מײַן פענצטער מיט פײַכטקייט באַהויכט,
די נאַכט איז שוואַרץ,
נישטאָ קיין שטערן.
ערגעץ בײַ אַ ראָג עס לויכט
די בלאַסע שײַן פון אַ לאַמטערן.
טיף בײַ מיר אין האַרץ
לויכטן אויף פאַרלוירענע באַגערן.

דער רעגן קלאַפּט אין פענצטער שטיל.
אויף גלאַנציקן אַספאַלט
הילכן טריט.
איך קוק זיך אײַן אין דעם פּראָפיל
פון דער נאַכט,
דער רעגן פאַלט
אַרײַן אין יעדן גליד,
וואָס איז נאָך וואַך.

אויפן הימל הענגט אַ שירעם — דער טומאַן,
און שאַפט אַ פינצטערע מחיצה
צווישן מיר און וועלט.
נאָר בלויז איין שפּאַן
טיילט אָפּ מיך פון די שטורעמבליצן,
וואָס האָבן אויפגעהעלט
ווי דער באַגין —
בײַם שוועל.

טויבן

דער אַלטיטשקער מאַן, וואָס שיט יעדן באַגין
פּיצינקע קרישקעס די טויבן,
זעט אויס אויפן גאָרן, אַנטקעגן דער זון,
אַליין ווי אַ טויב הינטער שויבן.

ווען ס'האָבן די טויבן זיך גוט אָנגעפּיקט
און פליִען אַוועק אין די ווײַטן,
זיי נעמען מיט זיך דאָס פאַרבאָרגענע גליק,
כּדי איבער ערד עס פאַרשפּרייטן.

שטיל גייט אויס דער טאָג

אין מײַן וועלט — דעם קליינעם גאָרטן —
האָט שוין אָפּגעוועלקט דער זומער.
אויף שמאָלע סטעזשקעס
פאַלט דער שאָטן פונעם האַרבסט
און ווײַטע שטראַלן —
פאַסמעס גאָלד
פלאָנטען זיך
בײַ מײַנע טריט.
שטיל, שטיל
גייט אויס דער טאָג
און צאַפּלט זיך
אין נעץ פון די שטאַכעטן.

אין מידבר

דו שפּאַנסט דורך גליִענדיקע מידבר־זאַמדן
אַ מידער פון דער ברענענדיקער היץ,
דער בליק אַ דאָרשטיקער מעסט אויס די ראַנדן
און הענגט זיך אָן ערגעץ אויף ווײַטסטן שפּיץ,

ווי כוואַליענדיק זיך האַלט די זון בײַם שטאַרבן
און שטאַרבנדיק, זי צינדט דעם מידבר אָן.
אָ, קאָנען דאַן אַ טרונק טאָן פון די פאַרבן,
דעם גומען לעשן מיט דעם הימלבלוי!

און ווײַטער גיין, און ווײַטער גיין,
און נאָכיאָגן די זונענשײַן,
נישט לאָזן זי פאַרשווינדן!
אין הייסע זאַמדן טאָן אַ פאַל,
בײַם לעצטן, לעצטן זונענשטראַל
זיך אויסהיילן די ווונדן.

אַ באַנק אין גאָרטן

אוי, ווי ס׳טוט מיר באַנג
די באַנק אין גאָרטן,
ווי לאַנג איז דען, ווי לאַנג
ווען איך האָב דאָרטן
געשפּילט זיך מיט דײַן האַנט
דער ווייכער, צאַרטער,
און האָב פאַרשפּילט אַ פאַנט —
מײַן האַרץ דאָס האַרטע.

איצט שטייט זי פּוסט די באַנק
אין אונדזער גאָרטן,
די ביימער זענען קראַנק
פון לאַנגן וואַרטן,
דער פרילינג קוקט נאָך אוים,
צי וועסטו קומען,
פאַרגרייט האָט דיר זײַן שוים
מײַן פרײַנד — דער זומער.

מיט בלעטער האָט די באַנק
דער האַרבסט באַצויגן,
זײַן גאָלד איז אַ געשאַנק
פאַר דײַנע אויגן.
פון אומרו און פאַרדראָס
ווערט ווינטער האַרבער —
אָ, לאָז נישט, כ׳בעט דיך, לאָז
מײַן האַרץ נישט שטאַרבן.

אָן דיר

ווי פּוסט איז אַלץ אַרום
אָן דיר.
די ביימער שטייען שטום
אָן דיר,
אין פענצטער וויינט אַ בלום
אָן דיר.

די נאַכט צערייַסט איר טיול
אָן דיר.
דער טאָג ווערט גרוי און דול
אָן דיר.
ווייַל אין מייַן האַרץ איז פול
מיט דיר.

געזעגענונג

אויף צווייען האָט דער צוג די נאַכט צעשניטן
און מיטגעשלעפּט מיט זיך אַ שטיל געוויין,
און איך פּרוּוו אַלץ דעם קאָפּ מײַנעם צעגליטן
אָפּקילן אין שאָטן פון דער גרינער שײַן,
וואָס פּאַלט אויף מיר פון סעמאַפאָר דעם ווײַטן,
נאָר באַלד הילט ווידער מיך אַרום די נאַכט,
אַ שוואַרצקייט טראָגט זיך אָן פון אַלע זײַטן
און כ׳בלײַב, ווי אין אַ כּישוף־רינג, פאַרמאַכט.

ווי עפּעס וואָלט פון מיר זיך אָפּגעריסן,
האָב איך ערשט איצט דעם גאַנצן וויי דערפילט,
און ווי אַ הייסער שטראָם נעמט ווידער פליסן
דאָס בלוט, וואָס איז געווען אין מיר פאַרקילט.
אַלץ האַסטיקער און האַסטיקער עס קרײַזט אַרום,
ווי עס וואָלט וועלן מיט דעם לויף דעריאָגן
דעם צוג, וואָס איז אַוועק מיט אַ געברום,
די טרערן, וואָס ער האָט אַוועקגעטראָגן — — —

און טרעפן קאָן

...אַז זיך אײַנקוקנדיק אין זיך,
זאָל איך זיך אַליין ווערט זײַן.
פּאָל וואַלעריִ

און טרעפן קאָן דאָך אויך אַזוי:
די ערד, ווי ערד, וועט בלײַבן שוואַרץ,
דער הימל, ווי דער הימל בלוי,
נאָר בלויז דאָס העמערל אין האַרץ
וועט ענדערן די מעלאָדיִ
און אין דעם סאַמע מיטן פּליִ
כ׳וועל הענגען בלײַבן אין דער לופט —
אַ וואָלקנדל אַ קליינס, נישט מער,
באַפרײַט פון ביסל משׂא־גוף —
צי וועט מיך דאַן דערקענען ווער?

און טרעפן קאָן דאָך אויך אַזוי:
די ערד וועט פּלוצעם בלײַבן שטיין,
דער הימל אײַנגעהילט אין רויך
פאַרשטעלן וועט פון אונדז די שײַן,
און נאַכט וועט זײַן אין מיטן טאָג,
און ווינט וועט טאָן אַ בײַזן יאָג,
און אַלץ, און אַלץ וועט אַנדערש זײַן,
בלויז איך אַליין וועל בלײַבן דער
געלײַטערטער אין שווערער פּײַן —
צי וועט מיך דאַן דערקענען ווער?

און טרעפן קאָן זיך נישט בלויז דאָס,
עס קאָן אַ מאָל געשען אַזוי:
ווי ס'ווערט איבערפולט דער כּוס
מיט אַ טראָפּנדל פון טוי,
זאָל דאָס האַרץ זײַן איבערפולט
מיטן ביסל סם פון שולד —
— — — — — — —
וויי, עס קאָן דאָך דעמאָלט זײַן
כ'זאָל נישט דערקענען זיך אַליין...

איך נידער אַראָפּ

איך נידער איצט אַראָפּ אין טאָל,
ווי אַ מאָל
מײַן עלטער-עלטער-זיידע,
נאָר איך האָב נישט געהערט זײַן קול
און ס׳וואַרט אויף מיר נישט קיין שום עדה.

איך בין דאָ איינינקער אַליין,
צווישן שטיין
און זילבערדיקן בלענד פון שניי,
ווי דער טאָג, וואָס האַלט אינעם פאַרגיין,
אויך איך פאַרגיי, פאַרגיי — —

ווער ווייסט וווּהין עס פירט דער וועג?
אַ שטאַרע שרעק
פאַרגנבעט זיך אין אַלע גלידער.
מיט הענט אין ווײַטקייט אויסגעשטרעקט
כ׳בלײַב שטיין אַ מידער.

און שטיל עס בעטן מײַנע הענט
אַנטקעגן ווענט
פון גרויע, שווײַגנדיקע שטיינער:
זאָל מער נישט ווערן שוין געשענדט
ווער ס׳איז געשענדט געוואָרן איין מאָל.

פאַרוואַלגער מיך שוין מער נישט, באַרג,
כ׳האָב אויפן קאַרק
נאָך שפּורן פון דײַן לעצטן פאַלן.
און איך וואָלט וועלן זײַן נאָך שטאַרק
און אויפגיין מיט די מאָרגנשטראַלן!

אַזוי ווי דער נאַקעטער בוים

אַזוי ווי דער נאַקעטער בוים
אין פרילינג באַצירט זיך מיט בלעטער
און שיכּור פון גרין ווערט דער רוים
ביז זומערטעג שפּעטע —

אַזוי ווי דער נאַקעטער בוים,
אָן פייגל, וואָס זענען פאַרפלויגן —
איך וויל אויך בײַם ראַנד פונעם תּהום
שטיין אומגעבויגן.

און וויסן זאָל איך, אַז דער סוף
וועט קיין מאָל נישט קומען,
אַז נאָכן פאַרווינטערטן שלאָף
וועט ווידער זײַן זומער.

אָט דאָס איז מײַן ווילן, מײַן טרוים,
אויף איצט און אויף שפּעטער —
אַזוי ווי דער נאַקעטער בוים
איך זאָל נאָך געדײַען מיט בלעטער.

פון „פשוטע ווערטער", 1962

אַנשטאָט בלומען

ווײַט, אַזוי ווײַט איז די ערד,
וואָס האָט דיך צוגענומען,
נישט באַפּײַכט האָט זי מײַן טרער,
נישט באַצירט ט'זי מײַנע בלומען.

איז נאָך שטאַרקער מיר דער ווײ,
איז נאָך גרעסער מיר דער אומעט.
אָפט מאָל דאַכט מיר, אַז איך שטײ
בײַ דײַן קבר און אַ שטומער,

אָן אַ וואָרט, איך רעד צו דיר.
און דו הערסט מיך און פאַרשטײסט,
און דײַן דאַרע האַנט, איך שפּיר,
לײגט זיך אויף מײַן קאָפּ מיט טרײסט.

וויל איך אָנרירן די האַנט,
ווערט זי פּלוצעם אַזוי גרויס
און פאַרשטעלט דיך ווי אַ וואַנט.
— טאַטע, טאַטע! — שרײַ איך אויס,

נאָר דו הערסט שוין נישט מײַן רוף.
ווידער ביסטו אַזוי ווײַט
און איך רײַס זיך אויף פון שלאָף
און באַוויין דיך שטילערהייט.

ער גייט מיר נאָך

שלאַנקע סאָסנעס און בעריאָזעס
שטייען בײַ דעם וועג,
זייער שאָטן אויף די גראָזן
לייגט זיך ווי אַ פלעק —

און ער גייט מיר נאָך, דער שאָטן,
פירט, ווער ווייסט וווּהין —
נישט איך האָב אים אָנגעבאָטן,
נישט איך ווייס דעם זין.

נאָר מיר גייען אַלץ און גייען,
ווי אין איין געשפאַן —
פריילעכער איז אונדז אין צווייען,
מונטערער דער שפאַן.

מעג דער צווייטער מיר אַפילו
בלויז אַ שאָטן זײַן,
איז עס בעסער ווי, חלילה,
בלײַבן גאָר אַליין.

האַרבסט

אַ גרויע מידקייט ווי אַ פֿאָרהאַנג
האָט באַצויגן
אַלע שויבן
פֿון די הײַזער אין מײַן שטאָט.
אומעטיקער וואָרקען טויבן —
אין די אויגן
צאַפּלט זיך דער סוד
פֿון אייביקן פֿאַרגיין
און ווידערקומען.
שטיל פֿאַרלעשט זײַן בלאַסע שײַן
דער טאָג
און ס׳צינדן זיך לאַמטערנס אָן,
ווי בלומען.

אַנטלויף נישט

אַנטלויף נישט ווי אַ חלום פון מײַן חלום,
אויב דו ווילסט אַ רגע נישט פאַרבלײַבן אויף דער וואָר,
פאַר דער רגע בין איך גרייט באַצאָלן
מיט אַ יאָר —

מיטן לעבן בין איך גרייט באַצאָלן,
כאָטש פון לעבן בין איך נאָך נישט מיד —
אַנטלויף נישט ווי אַ חלום פון מײַן חלום,
ווי אַ ליד.

איך וועל אין חלום פרוּוון דיך פאַרהאַלטן,
זאָל דויערן אַן אייביקייט דער שלאָף,
און מעגן דאַן זיך ערד און הימל שפּאַלטן,
מיר וועלן איבערהאַלטן
אויף דעם סוף.

די יונגע פרוי אין שוואַרצן טרויערקלייד

די יונגע פרוי אין שוואַרצן טרויערקלייד
גייט
מיט אַלטע וואַקלדיקע טריט
און ווישט די אויגן.
אַ לעבן איז פון איר אַוועקגעפלויגן,
זי געלאָזן אין דער מיט
פון געדיכטן מענטשנוואַלד
אַליין.
עס דאַכט זיך, באַלד
וועט זי אַ פאַל טאָן ווי אַ שטיין
אויף קאַלטער ערד.
נאָר אָט האָט זי דערהערט
אַ וואָרט,
אויפגעכאַפּט אַ בליק
פון מיטגעפיל און אפשר גאָר — —
אומבאַמערקט האָט זי פאַרריכט דאָס קלייד
און ס'האָט אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן — פרייד.

*

דבורה לעוין

יעדן טאָג איך קום אַהיים
פון שווערער מי
און ווידער טרעפט אַ פּוסטקייט מיך —
דו ביסט נישט הי.
אַלץ דערמאָנט מיר דאָ אין דיר:
די בלומען אויפן פענצטער,
וואָס לעכצן נאָך דײַן צאַרטער האַנט
(דו שרײַבסט כּסדר —
פאַרגעס נישט אין די בלומען),
די ווײַסע טיר
וואָס פלעגט זיך עפענען מיט פרייד,
ווי נאָר איך בין געקומען,
דאָס בלויע קלייד,
וואָס הענגט פאַרשעמט אין שאַנק
און איז שוין קראַנק
פון אומעט,
דײַן בילד, וואָס שטייט בײַם זײַט
פון שרײַבטיש מײַנעם
און קוקט מיט אויגן, וואָס געדענקען
אַלע פּײַנען
פון געטאָ,
אָשוויענטשים,
ביז בערגען־בעלזען,
דער אָפענער קאָנווערט,

וואָס ליגט פאַרקלערט,
ווי אין טראַנס פון העלזען
און ווייסט פאָרוים דעם בריוו,
וואָס כ׳וועל דיר שרײַבן —
אָ, ליבסטע מײַנע,
ס׳איז טרויעריק אַזוי אַליין,
איך קאָן אין שטוב נישט בלײַבן.

צעשטערטע רו

פאַרווינטיקט און פאַרשנייט
פאַרגייט דער טאָג
אין שוויַיגן,
באַלד וועט ער מיט דער נאַכט
אין טאָל זיך שלאָפן לייגן
און פינצטערניש
וועט איַינהילן די בערג.
זיי וועלן שטיין בליַיבן פאַרקלערט
מיט שטאָלצע קעפּ פאַרהויבן,
ביז קומען וועט אויף ס'ניַי דער טאָג
און זיי באַרויבן
פון דער רו...

בײַם מיראָפּאָלער ציטערן די הענט

אַברהם מאָרעווסקין

בײַם מיראָפּאָלער ציטערן די הענט,
די פֿאַרטרערטע אויגן
אין דער װײַט געװענדט —
װאָס זעען זיי, די אויגן?
לאַהלען מיט איר אַלחנן,
װאָס זענען מיטן רויך
אין הימלען װײַט פֿאַרפֿלויגן
און פֿאַר אים בלויז שאָטנס שטייען?

װי קומט זי איצט אַהער
די בתולה לאה
צװישן בינע־רעקװיזיט?
און דאָך, ער הערט,
ער הערט די טריט.
מען פֿירט זי אויף דאָס נײַ צו אים,
ער זאָל זי אויסלייזן פֿון בייז.

בײַם מיראָפּאָלער ציטערן די הענט,
דער אַלטער גרײַז
הייבט אויף זײַן שטים
און ס׳דאַכט זיך —
באַלד
צעפֿאַלן זיך די װענט
װאָס טיילן אָפּ

דאָס גוטס פון שלעכטס,
די פינצטערניש פון ליכט.
זײַן קאָפּ
האָט אויפגעהעלט.
נישט לאהלען ער גייט איצט אויסלייזן —
די וועלט,
די גאַנצע וועלט!

בײַם מיראָפּאָלער ציטערן די הענט...

דער טאָג ווערט אַלץ קלענער

דער טאָג ווערט אַלץ קלענער און קלענער,
ענגער פון נאַכט ווערט דער קרייַז,
און איך זוך אַרום אַלץ די טענער
פאַר מייַנע „בלומען פון בייז".

פאַרלאָזן די פאַרבן די בונטע,
איז שווער מיר אַצינדער אָן זיי,
אָן ווערטער וואָס ברענען נישט צונטער,
פאַרשטיקט ווערט איעדער געשריי.

און ס'ווילט זיך דאָך אַלץ נאָך אַ שרייַ טאָן
אין ווערטער געלאָדן מיט קוואַרץ,
אַז ערגעץ זאָל עמעצן ווי טאָן,
און טרעפן צו עמעצנס האַרץ.

פון „פאַרשפּעטיקטער פרילינג״, 1966

פאַר וואָס ?

דער מענטש —
דער באַשאַפער פון זיך און פון וועלט,
פאַר וואָס איז ער איינזאַם אַזוי,
ווען אַ צווייטער אים פעלט ?
די שפּראַך פונעם ווינט ער באַנעמט,
פון בלימל,
פון ביימער אין וואַלד,
נאָר דאָס אייגענע קול איז אים פרעמד
ווען עס פאַלט
אינעם פוסטן אַרום.
ער רעדט
און אים דאַכט — ער איז שטום,
ער שרייַט
און אים דאַכט — ער איז ווייַט
פון זיך און פון וועלט.
פאַר וואָס איז ער איינזאַם אַזוי
ווען אַ צווייטער אים פעלט ?

צווישן וועגן

צווישן וועגן אויסגעטראָטענע,
פֿאַרבאָטענע,
צעשאָטענע
אין אַלע זײַטן,
וואָס פֿירן נישט אין ערגעץ
און פֿירן אומעטום,
וואָס רופֿן צו די ווײַטן
און ליגן אַזוי שטום,
איך זוך אַ שטעגל אַלץ אַרום,
וואָס וואַרט אויף מײַנע טריט,
וואָס האָט פֿאַרהיט
די פֿרישקייטן פֿון אַלע מאָרגנטויען,
פֿון אַלע בין־השמשותן
די טונקעלע שײַן —
דאָרט וועל איך זיך פֿאַרטרויען
פֿאַר זיך אַליין
און גיין, און גיין — — —

אַ טראָפּן שײַן

װי משה, װאָס האָט אויסגעשלאָגן
װאַסער פֿונעם שטײן,
כ׳װאָלט װעלן אויסשלאָגן פֿון װאָרט מײַנעם
אַ טראָפּן שײַן
און מיט דעם אַנטקעגנגײן
דעם אומבאַקאַנטן מאָרגן,
װאָס איז נאָך פֿאַרבאָרגן
אין שאָטנס פֿונעם נעכטן
און פֿון הײַנט.

און אויב מײַן װאָרט װעט דעמאָלט
שוין נישט זײַן,
זאָל בלײַבן כאָטש
דער טראָפּן שײַן —
אַ קלײנער שטערן,
װאָס קאָן אַ מאָל
אַ זון נאָך װערן.

מאָנונג

דער אומעט, וועלכן כ׳האָב אַרויסגעטראָגן
פון די פּריִע ווינטערדיקע שבת־צו־נאַכטן,
ווען אין קיך האָט שוין דאָס לעצטע פֿלעמל
זיך געלאָשן און דער טאַטע, אַ פֿאַרטראַכטער,
האָט וואַרטנדיק אויף ערשטן שטערנבלענד
אַוועקגערוקט די פֿײַערקעס, ס׳זאָל פֿאַלן
כאָטש אַ טראָפּן שײַן אויף אונדזער קעלערשטוב —
און איך בין דעמאָלט גאָר געווען אַ בעלן
צו כאַפּן יעדן שאָטן אין די ווינקלען —
יענער אומעט, וואָס האָט זיך אײַנגעגעסן
אין די ביינער, ווי אַ קרענק, נישט אויסצוהיילן,
ער טויכט אַרויס פֿון מאָל צו מאָל אינעם זכּרון
און מאָנט זײַן חלק
פֿון דער נישט דערפֿילטער פֿרייד
אין קינדער־יאָרן.

אַ טראָפּן

איין טראָפּן שפּיגלט אָפּ דעם ים —
נאָר שפּיגלט אָפּ דער ים דעם טראָפּן?
ער לעבט דאָך נישט, דער טראָפּן, סתּם
צו זײַן אַ שפּיגל פונעם ים
און זיך פאַרלירן צווישן אַלע טראָפּנס.
ער איז פאַר זיך אַליין אַ ים —
הערט צו זיך צו זײַן שטילקייט,
צו זײַן רוישן,
ער וויל זײַן צאָרן און זײַן מילדקייט
נישט פאַרטוישן
אויף די פולע וואַסערן געצוימט אין ברעגן —
ער זוכט זיך זײַנע וועגן.

שפּורן

די טעג אַנטלויפֿן אויף פּאָרוים
און ווערן
אוים
נאָר יעדער טאָג
אַיעדע שעה
לאָזט איבער ערגעץ ווו
אַ שפּור
וואָס בלײַבט
אין אייביקייט־געפֿלעכטן

לויט אים איך זוך
דעם זין פֿון נעכטן.

פרעג נישט

פרעג נישט פאַר וואָס
דער אומעט איז שוואַרץ
די פרייד איז גרין
און די גלײַכגילט
האָט קיין קאָלירן
עס קאָן דיך לײַכט פאַרפירן
דער ענטפער
פון אַ דאַלטאָניסט.

געמיינט

געמיינט כ׳האָב שוין אַראָפּגעקושט פון דײַנע אויגן
אַלע ווייטיקן און פּײַנען
פון דער שוואַרצער נאַכט
און זיי וועלן אַלע מאָל שוין שײַנען
ווי דער רעגן-בויגן,
וואָס האָט צו אונדז געלאַכט
דעם ערשטן טאָג צוזאַמענזײַן.
פאַר וואָס זשע וועקט מיך אָפּט פון שלאָף
אַ שטיל געוויין,
וואָס דרינגט דורך ביזן סוף
אַלע מײַנע חושים ?
צי האָבן זיך די קושן
מיטן ציל געמיטן
און געדאַרפט כ׳האָב אַנדערש
דיר דײַן רו פאַרהיטן ?

ווי דער בוים

ווי דער בוים,
וואָס וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך
אין האַרבסט די בלעטער,
דו האָסט אַראָפּגעוואָרפֿן
ס'לעצטע העמד
און געבליבן פֿרעמד —
אַ קאַלטע
שטיינערנע סטאַטוע.
איך אַנטלויף נאָך אַלץ
פֿון אָט דער קעלט
איבער דער גאַנצער וועלט
און קאָן נישט רוען.

ווען דו

ווען דו האָסט זיך פֿאַרטיפֿט אין מײַנע לידער
און ווי אַ דאָרשטיקער געטרונקען יעדעס וואָרט
מיט פֿאַרבענקטע ליפּן,
וואָס האָבן אויפֿגעציטערט
בײַ איעדן אָפּשטעל־צייכן,
בין איך —
נאָך אַלץ אַ מידער
פֿונעם גיין צום נישט־דערגרייכטן
שטיל געזעסן אַ נישטדאָיִקער
און געלייענט אויף דײַן פּנים בלייכן
די פֿרייד,
וואָס שיילט זיך אויס,
ווי אַ קראַנקע רויז
פֿונעם פֿרימאָרגן טוייִקן
און ווייסט נישט,
אַז זי וועט אין אָוונט דאַרן.

נאָך וואָס,
נאָך וואָס זיך נאַרן? — —

*

אַזוי האָט געפירט אונדז דער גורל
דורך וועגן־אומוועגן,
די אייגענע שפּורן פאַרלוירן —
פאַרשוואונקטע דורך שטורעם און רעגן.
געבליבן איז בלויז אַ דערמאָנונג —
דער קלאַנג פון אַ ליד
און דער שמייכל,
געבליבן איז בלויז אונדז די אַנונג
פון נישט־דעגרייכטן.
געבליבן איז בלויז אונדז דער אומרו
פון שטענדיקן זוכן
די שפּורן פון מאָרגן
צווישן די נעכטיקע ברוכן.

מיט ברויט און זאַלץ

ווי צום באַגעגענען
אַ ליבן גאַסט
מיט ברויט און זאַלץ,
איך גיי אַנטקעגן דיר
מיט אויסגעשטרעקטן ליד
און דאָס איז אַלץ,
וואָס איך קאָן געבן.

איך ווייס,
דו ביסט שוין מיד
און וועסט נאָך מידער ווערן
פֿונעם הערן
זינגענדיקע ווערטער האַרבע,
נאָר אויף זיי, ווי אויף אַ האָר,
עס הענגט מײַן לעבן
און וועט אויסגיין,
שטאַרבן
מיטן לעצטן ליד.

אין מיטן

די טיר האָט זיך געעפֿנט מיט אַ שמייכל
און פֿאַרמאַכט — מיט אַ געוויין.
אומזיסט, אומזיסט האָב איך געפּרוּווט דערגרייכן
צום ווידערקול פֿון יענער שײַן,
וואָס איז מיט אַלע רעגן־בויגן־פֿאַרבן
אויפֿגעגאַן אויף קיין מאָל נישט צו שטאַרבן.

די טיר האָט ווי אַ מעסער דורכגעשניטן
די לעצטע פֿאַסמע ליכט
און געבליבן שטיין איך בין אין מיטן
צווישן פֿינצטערניש און — זיך.
נאָר בלויז די שוועל האָט שטילערהייט געבעטן —
דו דאַרפֿסט נאָך ווידער פּרוּוון מיך באַטרעטן.

לעגענדע

אין גרויסן טיפן שווײַגן פונעם אורוואַלד
האָט אַ וואָרט זיך דורכגעריסן ווי אַ בליץ —
און אויפגעהעלט האָבן די אַלטע שטאַמען —
מאַמע — אַזאַ געוועזן איז דער אָנהייב.

און באַלד האָט זיך דאָס וואָרט גענומען מערן,
ווי די גרינגע בלעטער אויף די צווײַגן.
פון מאַמע איז געוואָרן — מי און מאַטער
און דער וואַלד איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין.

האָבן ווערטער פאַר די טרערן זיך דערשראָקן
און ווי פייגל ווײַט אַוועקגעפלאַטערט
און פאַרפלאָנטערט זיך אין וועלט פון קלאַנגען,
ביז זיי האָבן מער אַליין זיך נישט דערקענט.
— — — — — — — —
— — — — — — — —
מענטשן,
לאָמיר צוריקקערן דאָס ליכט פון ערשטן וואָרט!

אַ וואָרט צום לייענער

אינעם לעצטן אָפּטייל פון בוך „לידער פון נעכטיקע יאָרן" איז צונויפגעזאַמלט אַ קליינער אָפּקלײַב פון לידער, געשאַפענע אין די יאָרן ווען דער מחבר האָט געלעבט אין נאָכמלחמהדיקן פוילן צווישן די יאָרן 1946 און 1968, און זענען דערשינען אין פינף לידער-זאַמלונגען: „רוינען און רושטאָוואַניעס"; „טעגלעכע מי"; „בלעטערפאַל"; „פּשוטע ווערטער" און „פאַרשפּעטיקטער פרילינג". דאָס זענען, דער עיקר, לירישע שאַפונגען וואָס זענען באַזונדערש אייגן דעם מחבר.

די דערמאָנטע לידער-זאַמלונגען קאָן מען הײַנט געפינען בלויז אין געציילטע ביבליאָטעקן. ווילט זיך נישט, אַז די דאָ געבראַכטע לידער זאָלן פאַרגעסן ווערן, מחמת זיי שפּיגלען אָפּ נישט בלויז דעם נשמה-צושטאַנד פונעם דיכטער, נײַערט אויך די צײַטן ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן.

דאָ זענען אויסן געלאָזט געוואָרן, חוץ אייניקע אויסנעמען, די לידער און פּאָעמעס אויף דער חורבן-טעמאַטיק, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט אינעם בוך „אין דמיון פאַרזיגלט", וואָס איז דער־שינען נאָך מײַן קומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1969.

דער מחבר

אינהאַלט

8 — אַזוי גייט צום טויט דער לערער...

אַליין צווישן שאָטנס

9 — ווידער אין שול
21 — דער טויט פון אַ שפּאַנצער
31 — צו שפּעט
41 — פאַרליבט...
49 — אונדזער טביה
54 — ווו נעמט מען געווער ?...
61 — געדענקסט די ליימגריבער ?
68 — אַ הײַזל בײַם וועג
80 — אין וואַלד
91 — דער שטיקלײַד
98 — דער שטיקלײַד ווערט גרעסער און גרעסער
106 — אַהין און צוריק

לידער

117 — מאָלן די אַמאָלן

זיי קומען צוריק

121 — לאָזט צו רו
122 — נישט געוווּסט האָסט
123 — דאָס וואָרט פון אינדערוואָכן
124 — געווען מיר זענען פיר
126 — ליכטליד
127 — אַ ליד — אַ טרער

128 — געבליבן איז בלויז ליד
129 — אַז איך וועל אַריבער
130 — זיי קומען צוריק
131 — נאָך אַ לאַנגן שווײַגן
132 — דאָס וואָרט — —
133 — כ׳וואָלט אויך אַזוי
134 — דאָס וואָרט דאָס נישט דערזאָגטע
135 — די אונטערשטע שורה — —
136 — אין בלוי פון קץ
137 — דער זינגער
138 — יונגע קלעזמאָרים, אַלטע ניגונים
139 — צוריקגעקומען
141 — מײַן נישט־פאַרענדיקט ליד
142 — עס טוט מיר אַזוי וויי — —
143 — געדענקסט ?
144 — אין דרויסן פון געוועין
145 — אין ערב פון פאַרגיין
146 — איך האָב געלאָזט
147 — פאַר וואָס ?
148 — דער בוים אין גאָרטן — —
149 — בלויז דער ווינט
150 — אין מיטן נאַכט
151 — ס׳קומען וועגן זיך צוזאַמען — —
152 — גיב אַ האַנט
153 — איך בין די טרער
154 — מײַנע ווערטער אויף די צווײַגן
155 — אין פלאַם גייט אויף

דער לעצטער פּוס

159 — ווער איז ווער ?
161 — זאָג מיר...

163 — מייַן ווונדערזי
164 — אַלע ענטפּערס...
165 — אפשר בלויז פּאָעטן
166 — אין תּהום פון פאַרגעס
167 — דאָס האַרץ פון זכּרון
168 — דאָס אויג פון זכּרון
169 — מיט אייניקעס לידער צוריק
170 — ס׳גייט אויף דער טאָג
171 — אַזוי פיל פרילינגס שוין פאַרבייַ — —
172 — האַרבסטיק
173 — און ס׳ענטפערט דער וואַלד
174 — גערעאַנגל
175 — די גרענעץ
176 — דער לעצטער כּוס

אַזוי איז געוואָרן פאַרשריבן

179 — איך שטרעק די הענט...
183 — וואָרטגעפיל
186 — טראָפּנס גליק
189 — אין שאָטנס פאַרהילט
193 — מייַן שטאָט איז אין פייַער
195 — זאָל ווערן באַרג
199 — אויף ס׳נייַ אין ישׂראל

לידער פון נעכטיקע יאָרן

207 — מייַן זיידע
208 — אויף די פעלדער פון מאַידאַנעק
209 — אַ שטיין
210 — בוראַן
211 — איך בין ווידער אין וואַלד
212 — הער זיך צו

213 — דײַן בילד
214 — באַגינען
215 — דעם דריטן טאָג שוין רעגנט — —
216 — בײַם ים
217 — אַ האָגל
218 — און ווידער איז שטיל אַרום מיר
219 — ווי פאַרגעסט מען ?
220 — אויף בערג
221 — אין שטילקייט
222 — רעגן
223 — טויבן
224 — שטיל גייט אויס דער טאָג
225 — אין מידבר
226 — אַ באַנק אין גאָרטן
227 — אָן דיר
228 — געזעגענונג
229 — און טרעפן קאָן
231 — איך נידער אַראָפּ
232 — אַזוי ווי דער נאַקעטער בוים
233 — אַנשטאָט בלומען
234 — ער גייט מיר נאָך
235 — האַרבסט
236 — אַנטלויף נישט
237 — די יונגע פרוי אין שוואַרצן טרויערקלייד
238 — יעדן טאָג איך קום אַהיים — —
240 — צעשטערטע רו
241 — בײַם מיראָפּאָלער ציטערן די הענט
243 — דער טאָג ווערט אַלץ קלענער
244 — פאַר וואָס ?
245 — צווישן וועגן
246 — אַ טראָפּן שײַן

247 — מאָנונג

248 — אַ טראָפּן

249 — שפּורן

250 — פרעג נישט

251 — געמיינט

252 — ווי דער בוים

253 — ווען דו

254 — אַזוי האָט געפירט אונדז דער גורל — —

255 — מיט ברויט און זאַלץ

256 — אין מיטן

257 — לעגענדע

258 — אַ וואָרט צום לייענער

ביכער פונעם זעלבן מחבר

רוינען און רושטאַוואַניעס	— פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע	1951
טעגלעכע מי	— פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע	1954
בלעטערפאַל	— פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע	1959
פשוטע ווערטער	— פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע	1962
פאַרשפּעטיקטער פרילינג	— פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע	1966
שירים	— עברית: חיים רבינזון, תל־אביב	1972
אין דמיון פאַרזיגלט	— פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב	1975
אין צווישן גרינג	— פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב	1981
ליד און לעבן	— פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב	1988